STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00270

GEZAMELTE VERK

Z. Libin

Permanent preservation of this book was made possible by
Goldie & Kalman Marshak Philanthropic Fund

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ליבין

געזאמעלטע ווערק.

III.

ארויסגעגעבען פון

„פאָרווערטס"

1916.

אינהאלטס־פערצייכניס:

דלות און נויט

1. אן אויסגעצאָהלטער הויקער — 3
2. איז ער שולדיג? — 15
3. פערלאָרען דעם באָס — 22
4. דער בעל חשבון — 29
5. ווער? — 37
6. אי, א פּיק־ניק! — 40
7. מופּעניש — 48
8. די שטילע פּאָר פּאָלק — 53
9. סלעק־טיים שלאָפען זיי — 57
10. מנחם'ס ביזנעס־טאָג — 62
11. וועט זי האלטען וואָרט? — 66
12. א מעשה מיט אן אָווערקאָוט — 71
13. דעם קינד'ס פראגען — 83
14. ביידע — 88
15. מאיר דעם ביגלער'ס באַנדעל — 94
16. זיצט שבעה אויפ'ן רוף — 98
17. דעם קליינעם אלבערט'ס פּסק — 103
18. צוריק אין דיספּענסערי — 106
19. אין דער אידישער גאס — 115
20. ארויס טרוקען פון א וואנע — 121
21. די דירה פון טויט אין די דירה פון נויט — 126
22. דער טהע טרינקער — 131
23. דאָס איז גוט פאר איהר — 136
24. וואוהין זי איז געגאנגען — 140
25. אן אומזיסטער קלאָפּ — 145
26. א העמאָק אין לודלאָו סטריט — 149
27. איהר נייער אדרעס — 152
28. פערקויפט דאָס מזל — 156
29. די טרפה סטריט — 161
30. דאָס מיידעלע שפּיעלט פּיאַנאָ — 166
31. א געשפּרעך מיט א שאָפּ־מיידעל — 169

בענקעניש.

1. עס פערדריסט מיר — 175
2. זיין פערלאנג — 179
3. הערבסט — 183
4. ווען דער מאַי קומט אָן — 186
5. פורים — 191
6. ווען איז פריהלינג געוואָרען? — 193
7. אויף אַ בלוט־בעשפּריצטען וועג — 196
8. דער איבערגעבליבענער שפּיעגעל — 200
9. די זון פערגעהט — 204
10. בעפאָר מיר און נאָך מיר — 206
11. בילדער פון פערשטאָרבענע — 208
12. ווער איז דער איינער? — 209
13. פאָהרענדיג אויפ'ן טריין — 214
14. לויפענדיג איבער איסט־בראָדוויי — 218
15. ליעבע — 222

מענער און פרויען.

1. און ער האָט זי פערשטויסען — 229
2. אַ פרוי'ס נשמה — 232
3. זייט יענער נאַכט — 235
4. צוויי פערמאַטערטע הערצער — 240
5. אַ מיאוס'ע ענטטוישונג — 243
6. איהרע מיידעלשע קליידער — 248
7. אַ מאַנ'ס פערגעניגענס — 253
8. ווארום דער מאַן האָט זיך צום גוטען געביטען — 258
9. פרויען — 261
10. אבי אַ מיידעל — 267

דלות און נויטה

„וואָט גדיע נאַדאָ נאַם אוטשיטסאָ
וויעריט אי טיערפּעט!“
ניקיטין.

אַן אויסגעצאָהלטער הויקער

1.

ווענען שלמה דעם בינלער אליין האָב איך ניט וואָס צו רעדען — מיט איהם איז אַ קורצע געשיכטע: ער איז אַן איבערגעהאָרעוועטער, שוין אַ האַלבער אַ טויטער ארבייטער. ביי פופצעהן שטונדען אַ טאָג מאַטערט ער זיך מיט דער נשמה אין אַ שמוציגען, פינסטערען, ענגען אידישען סוועטינג שאפּ און מאַכט זיך ווי־עס־איז זיינע פינף דאָלאַר אַ וואָך. אָבער עס איז אויך דאָ נאָך אַ חסרון, און דאָס איז, אַז די ארבייטער, וועלכע האָרעווען אין דיעזען געבענשטען שאפּ, מוזען וואוינען אין די הייזער, אָדער בעסער געזאָגט אין די גריבער, וועלכע בעלאַנגען צו דעם באָס, און גריבער האָט דער באָס פּונקט אַזוי פיעל, וויפיעל „הענד“ ער בעשעפטיגט אין זיין שאפּ — פאַר יעדער האַנד אַ גרוב! די גריבער זיינען שרעקליך! ענג, שמוציג, אַלט, קאַלט, אָהן לופט און אָהן ליכט. שלמה׳ן אַרט עס אָבער ניט זעהר.

— אַ דאגה האָב איך! — זאָגט ער — ווער זעהט עס אַן אין די אויגען? ווען איך קום שוין אַהיים אויף די עטליכע שעה בין איך אַזוי מיעד, אַז מיר איז סאַי ווי סאַי ניט ניחא גאָט׳ס וועלט.

זיין ווייבעל, זיין אָרימער קריינע׳ן ווילט זיך נעבעך, — און נאָך אָה, ווי עס ווילט זיך! — אנטלויפען פון דיעזען לעבעדיגען קבר. אָבער זי איז אַ ווייבעל ניט קיין נאַר, זי פערשטעהט אַז זי האָט ניט וואָס „צו בעטען אויף חתונה“, ווי מען זאָגט, און דערמאָנט וועגען דעם אַ וואָרט ניט.

שלמה מיט זיין ווייב קריינע האָבען צוויי קינדערלעך. בערעלע איז געווען דריי יאהר און משה׳לע איז, אין דער צייט ווען די געשיכטע האָט פּאַסירט, געווען אַלט פּונקט אַכט מאָנאַט. ער איז געבוירען געוואָרען פּונקט אין דער צייט, ווען זיין טאַטע האָט שוין געהאַט אַ „סטעדי דזשאָב“ און האָט געוואוינט דאָ אין קבר.

וועגען משה׳לען וועל איך מיט אייך ניט פיעל פערברענגען. בערעלע איז שוין איבערגעקומען אַלערליי צייטען: ער האָט שוין געזעהן

אין זיין לעבען פרעהליכע טעג (דאָס איז געווען מיט דריי יאהר צוריק, ווען זיין טאַטע האָט געהאַט מעהר אַביסעל כח און האָט פערדיענט ניין—צעהן דאָלאר די וואָך); בערעלע האָט שוין אויך געפּרופט הונגערן (ווען זיין טאַטע האָט, ניט היינט געדאַכט, געהאַט סלעק), אבער עס מאַכט ניט — די ערגסטע צייט אין זיין לעבען איז ער שוין באַלד איבערגעקומען.

— באַלד, באַלד, — זאָגט זיין טאַטע — וועל איך מיין בערקע'ן ארויסשיקען מיט פּייפּערס פּעדלען און ער וועט שוין זיין מיר א הילף. ר' בער וועט שוין בעשטעהן זיין וועלטעל! וועגען איהם האָבען מיר ניט וואָס צו רעדען. זעהט איהר, אויף משה'ן טהוט מיר וועה מיין הארץ! גאָט ווייס וואָס פון דעם משה'לע וועט זיין! משה'לע איז, כמעט זייט ער איז געבוירען געוואָרען, א בלאַסינקער, א קרענקליכער, ער איז שוואַך אויפ'ן מאָגענדעל, בלינדלעך אויף די אויגעלעך, א הוסטער מיט א גרויסען בייכעל און פיס מיט הענטלעך ווי שוועבעלעך. משה'לע איז אימער צורייצט, שטענדיג וויינט ער, שטענדיג „רוכעט" ער זיך און קרעכצט אזוי הויך, אזוי הערצרייסענט — עפּעס אזוי ווי אן אַלטער קראַנקער מאַן.

די שוואַכע, פעראָרימטע, פערביטערטע קריינע ניאַנצעט זיך מיט איהם ארום טאָג אזוי ווי נאַכט, זי האָט פון איהם קיין רוהיגע מינוט ניט. ער נעהמט איהר ארויס דאָס לעצטע ביסעל קרעפטען. זי פאַלט שוין פון די פיס. דאָך גלעט זי דאָס קינד, האַלובעט און קושט און בעדעקט זיינע בלאַסע בעקעלעך מיט וואַרימע מאַמעשע טרערען.

ווען עס טרעפט זיך א גוטע, א גליקליכע מינוט, און משה'לע ווערט א ווייַלע אנשוויגען, הערט אויף צו וויינען, צו קרעכצען, ווערט דער אָרימער קריינע'ס פּנים ליכטיג פון שמחה, פון גליק; היינט ווי איז נאָך, אז דאָס קינד טהוט ווען־עס־איז א שמייכעל, די מאַמע פערגעסט דאַן איהר דלות, איהרע צרות; זי פערגעסט גאָר אין גאַנצען, אז זי איז קריינע, שלמה דעם ביגלער'ס ווייב.

קריינע האָט געטהאָן פאַר איהר קינד, וואָס זי איז נור געווען אימשטאַנד צו טהאָן: וואָס נאָר א סגולה מען האָט איהר געראַטהען, האָט זי אַלעס געשאַפט. א שכנה הייסט שמירען דאָס הערצעלע מיט חלב — קריינע שמירט; א צווייטע הייסט אויסרייבען מיט עסיג — קריינע רייבט; כאָשע מערע, די ביגלערקע, האָט געבראַכט א מאַשטש,

וועלכע זי האָט אַליין געמאַכט, און האָט געהייסען גוט איינרייבען דאָס בייכעלע — און קריינע האָט עס צוגעכאַפּט מיטביידע הענד. דאָס קינד איז שוין געווען אויף אַזוי פיעל געריבען און געשמירט, אַז מען האָט ניט געקענט דערקענען אויף איהם אַ קאָליר פון אַ לייב, — און משה׳לע איז אַלץ נעבעך קראַנק, וויינט און קרעכצט אַז דאָס האַרץ ווערט צוריסען. אָט קומט אַ נייע ווייבעל און זאָגט צו קריינע׳ן גאָר אַ נייעס.

— איהר הערט, מיסעס סאַלאָמאָן?

— יעס... — טהוט זיך אַ כאַפּ קריינע.

— אונז אַלעמען צו לאַנגע יאָהר, מיין אַברעמעלע׳ן האָב איך אַמאָל אויסגעהיילט מיט וואַנעס.

— מיט פּראָסטע וואַנעס? — פרעגט די פערוואונדערטע קריינע.

— נו, געוויס. וואַרעמע וואַסער ציהט אַרויס זעהר גוט אַ וועהטאָג.

קריינע האָט אפילו געצווייפעלט אַביסעל, דאָך האָט זי משה׳לען געמאַכט אַ פיינע וואַנע. דאָס קינד איז עפּעס יאָ ווי פרעהליכער געוואָרען, אָבער בלויז אַ קורצע צייט.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט די בעל־עצה׳טע פון די וואַנעס ביי קריינע׳ן געפרעגט אין אַ פּאָר טעג אַרום.

— גאָט זאָל רחמנות האָבען, — האָט קריינע שיער זיך צוואוויינט — עס העלפט ניט. און אַזאַ גוטע וואַנע! איך זאָג אייך, די ערשטע וואַסער איז אַראָב שוואַרץ און פעט ווי קליי.

קריינע האָט זיך ניט פערלאָזען אויף ווייבערשע סגולות. זי איז אויך אָפט אַרומגעגאַנגען אין פרייע דיספּענסערים, און זייט משה׳לע איז קראַנק, האָט ער אין זיך שוין איינגענומען אַ גאַנצען אַפּטייק. און דאָך איז קיין בעסערקייט ניט געווען.

און קריינע׳ס האַרץ האָט זיך געריסען פון צרות.

אַמאָל, ווען משה׳לען איז געוואָרען זעהר שלעכט, האָט זי ווי־עס־איז אויסגעוויינט אַ דאָקטאָר צו זיך אַהיים. און אַלץ זי אַליין — זי, די אָרימע קריינע.. מיט איהר מאַן האָט זי פיינט געהאַט איבריגנס צו רעדען וועגען דעם קראַנקען קינד, וואָרים זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ שוואַכע, אַ פערביטערטע האַרץ, אַז ער קומט פון שאָפּ איז ער אימער

פערמאַטערט און צורייצט. זי האָט געוואוסט, אַז שלמה האָט שוין לאַנג אוועקגעמאַכט מיט׳ן האַנד וועגן זייער משה׳לען.

מאַנכעס מאָל פּלעגט ער אפילו נעהמען דאָס קינד אויף די הענד, פּלעגט עס קושען, האַלזען, פּרופען פערשפּיעלען, איינגעהמען, איינ־שלעפערען; אבער פּלעגט דאָס קינד ניט ווערען אַזוי שנעל שטיל, פּלעגט ער עס מיט כעס אוועקלעגען און פּלעגט זיך ווענדען צום טאַטען אין הימעל.

— געוואַלד, רבונו של עולם, — פּלעגט ער אויסשרייען ניט מיט זיין קול — אָדער אַהין אָדער אַהער, אָדער נעהמט צו די שטיק צרה אָדער היילט איהם אויס!

ביי דער אָרימער קריינע׳ן פּלעגט איינפאַלען אין האַרצען פון דיעזען אויסרוף. זי פּלעגט דערפאַר ציטערען ווי פאַר פייער, און זי פּלעגט שוין בעסער דאָס קינד ניט געבען איהם צו האַלטען.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט בעטראַכט דאָס קינד, האָט ער קיין רעצעפּט ניט פערשריעבען. ער האָט בלויז געהייסען, אַז מען זאָל דאָס קינד וואָס מעהר האַלטען אויף דרויסען, און ווען עס וועט ווערען זומער, זאָל זי איהם אוועקפיהרען עפּעס אין אַ נאָהענטען פּאַרקעל, און אויב עס איז מעגליך, האַלטען איהם דאָרטען גאַנצענע טעג. אין דעם דאָקטאָר׳ס ווערטער האָט זיך געהערט אַזאַ ערנסטער טאָן, אַז קריינע האָט ניט־ווילענדיג איהם געגלויבט, און אין צוויי טעג אַרום, ווען עס איז אויסגעפאַלען אַ שעהנער, ליכטיגער טאָג, האָט קריינע אַרויסגעטראָגען איהר משה׳לען אויף דרויסען.

זי איז מיט איהם אַרומגעגאַנגען אַ שטונדען צוויי. דאָס קינד האָט געכאַפּט אַ דרעמעל. אָבער ווען די שוואַכע מאַמע איז געקומען אַהיים, האָט זי געפיהלט אַז זי איז טויט מיעד. די הענד זיינען איהר געווען ווי אָבגענומענע. זי האָט קוים וואָס דעם אָטהעם געקענט כאַפּען, און דאַן איז ביי איהר ערשיענען אַ געדאַנק וועגן אַ „בייבי קעררידזשעל“ (קינדער־וועגעלע).

2.

עס איז געווען אַ ליכטיגער שעהנער פריהלינג־טאָג. דער טאָג איז געווען אויף אַזוי פיעל שעהן און גוט, אַז אפילו אין רעכטען מיטען פון

דעם אידישען קווארטאל האט זיך געפיהלט עפּעס ווי א פרישקייט און א לעבעדיגקייט.

די זון האט געשיינט, אבער ניט געברענט, און איהרע גאָלדענע שטראהלען האבען זיך אריינגעריסען און אריינגעקוקט אין יעדען שפּעלטעלע, אין יעדען גריבעלע און האבען געשמייכעלט.

איין שטראהל האט מיט מאטערנים דורכגע׳גנב׳עט זיך צו דער וואהנונג פון שלמה דעם ביגלער און האט שעמעדיג אריינגעקוקט דורך א פענסטער אין צימער אריין... א טרויעריגער צימער איז דאָס געוועז, ליעבע ברידער — דאָ האט געוואוינט אן אָרימער אידישער ביגלער.

אן אומעט... עפּעס א האָפנונגסלאָזער אומעט האט זיך געטראָגען פון די הוילע פערפינסטערטע ווענט; אן אומעט האט זיך געטראָגען פון שווארצען באלקען; אן אומעט האט געוועהט פון יעדע ברעקעלע, וואס האט זיך נור געפונען אין צימער. עטליכע הילצערנע שטוהלען, א טיש, עטוואס עהנליכעס צו א סאָפע, א ביורא, וועלכע איז געשטאנען אָנגעשפּארט אויף איין צובראָכענער זייט, א גליעד פון א שפּיעגעל — דאס איז געוועזן די מעבעל פון צימער. און דאָס איז געווען די ציערונג, די פראָנט־רום. אין בעדרום האט דער שטראהל, הפנים, זיך געשראָקען אריינצוקוקען...

אויף א שטוהל איז געזעסען א פרוי מיט א בלאסען געלען פּנים. אויף די הענד האט זי געהאלטען א קינד און געוויעגט און געוויעגט... דאס האט קריינע די ביגלערקע איינגעשלעפערט איהר קראנקען משה׳לע.

זי האט איהם געזונגען א ליעדעל. פון אונטער איהר ברוסט האבען זיך געטראָגען פערשיעדענע טענער, וועלכע האבען זיך געביטען אָהן אירגענד וועלכע אָרדנונג: דאס איז איהר שטימע געווען אזוי טרויעריג, אזוי וויינענדיג, אזוי הערצרייסענד, און פּלוצלונג פלעגט זי ארויסלאָזען א טאָן א לייכטערען, א פרעהליכערען, עפּעס אזוי ווי דער שטראהל, וועלכע האט געבאקט לעקעך אויפ׳ן וואנד, וואָלט זיך געהאט אריינגעקליבען אין דער פעראָרימטער ביגלעריכעס הארץ און דאָרטען ליכטיג געמאכט.

די ווערטער פון איהר ליעד האט קריינע אליין פערפאסט.

וואס פאר א ווערטער זיינען דאָרטען ניט געווען! דאָ האט זי פערשפּראָכען איהר קינד שיכלעך, א העטקעלע, גוטע זאכען און א קעררידזשעל; דאָ האט זי איהם דערצעהלט א מעשה, אז א ווייסע

ציעגעלע שטעהט אונטער זיין וויעגעלע, די ציעגעלע איז געפאָהרען האנדלען און וועט ברענגען משה'לען א קעררידזשעל מיט מאנדלען, און דאָ האָט זי איהם פערשפּראָכען, אז דער טאטע, דער ביגלער, וועט ווערען רייך און משה'לען וועט זיין גוט און ער וועט ווערען פריש און געזונד...

דאָס קינד איז אנדרעמעלט געוואָרען, און זיין בלאסער פּנים'ל האָט זיך בעדעקט מיט א שלעפעריגען אויסדרוק.

קריינע האָט גענומען א קישעלע, אוועקגעלעגט אויפ'ן לאַנדזש, צוגעשטעלט א שטוהל און אוועקגעלעגט דאָס קינד. אליין האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל, אנגעשפּארט איהר קאָפּ אָן זייטעל און האָט זיך טיעף פערטראַכט.

א קעררידזשעל — אָט ארום וואָס איהר ווייבערשע מחשבה האָט זיך ארומגעדרעהט. א זיסע פאנטאזיע האָט זיך איהר פארגעשטעלט: א שעהנער ווארמער אבענד, דער הימעל איז בלוי און בעזייט מיט זילבערנע שטערן, א פרוי פיהרט א פיינינקען קעררידזשעל, אין קערידזשעל איז א בייבי.

— וואוהין איז דאָס עפּעס? — פרעגט א פארבייגעהענדע שכנה

— וואוהין שפּאציערט איהר דאָס, מיסעס סאלאָמאָן?

— אין פּארק! — ענטפערט קריינע.

און זי איז טאקע באלד אין פּארק. איהר משה'לע ליעגט א פרישער, א געזונדער, קוקט אויפ'ן טאטען און שמייכעלט.

— וואָס מאכסטו זיך נאריש! — האָט עפּעס א געהיימע, בייזע, אונאנגענעהמע שטימע איבערגעשלאָגען קריינע'ס פאנטאזיע — וואָס, משוגענע? קעררידזשלעך? און וואו איז דעם מאן הויזען? בערעלע'ן שיך? אין גראָסערי דעם חוב? אָט דארף מען רענט... עס איז דאָך ביי דיר א פּעני ניטאָ!... דיין ביטערער מאן ארבייט מיט דער נשמה... און דו... וואָס, קעררידזשלעך? אויף די הענד ביזטו קראנק צו טראָגען?...

קריינע'ס פּנים האָט זיך בעצויגען מיט א שאָטען און איהר הארץ האָט איהר גענומען וועה טהאָן, וועה טהאָן...

— אה, וואָס מיר? — האָט קריינע עפּעס ווי גענומען פער־ענטפערן זיך — און וואָס איז מיר מיין גאנץ לעבען? א קינד א

קראַנקס טראָגען אויף די הענד?... איך קען ניט... איך האָב קיין כח ניט... איך בין קראַנק..

— נו, אָבער דו האָסט דאָך קיין געלד ניט! — האָט די שטימע ווייטער גערעדט, אבער עפּעס ווייכער און מילדער.

קריינע האָט געטראַכט ווי צו פּערענטפּערען דיעזע פראַגע.

לאַנג, לאַנג האָט די אָרימע ביגלעריכע געטראַכט. זי איז הפּנים צו קיין רעזולטאַט ניט געקומען. דאָס האָט מען געקענט זעהען נאָך דעם ווי איהר פּנים ווערט אַלץ דונקעלער און טרויעריגער... פּלוצלינג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן, אויפגעשטאַנען... איהר פּנים איז געוואָרען פרעהליכער און איהרע אויגען לעבעדיגער — די מאַמע האָט אויס־געפונען אַ מיטעל ווי אַזוי צו קריעגען אַ קעררידזשעל פאַר איהר קראַנקען משה'לען...

דאָס מיטעל איז בעשטאַנען גאָר איינפאַך אין דעם, דאָס קריינע האָט זיך מישב געווען רעדען מיט אַ פעדלער צי מען קען ביי איהם ניט קריעגען אַ קעררידזשעל אויף אויסצאָהלען.

— ער וועט געוויס געבען, — האָט זי זיך געטראַכט — זי וועט זיך ניט דינגען, זי וועט איהם געבען צו פּערדיענען מעהר עטליכע סענט, און אויסצאָהלען וועט זי עס קענען. זי וועט שוין ווי־עס־איז אָבשפּאָרען יעדע וואָך אַ קוואָדער אָדער וויפיעל מען וועט דאַרטען דאַרפען.

פאַר דעם מאַן וועט זי גאָר ניט דערצעהלען, — האָט קריינע ווייטער געפּלאַנעוועט — ער וועט געוויס זיין דאגעגען. ער זאָל זיך דערוויסען, וועט ער געוויס ניט דערלאָזען. ער וועט געוויס זאָגען, אַז ס'זיינען דאָ פיעלע בילכערע זאַכען. אי, וואָס, ער וועט דאָך זעהען שטעהענדיג אַ קעררידזשעל... נו, וועט זי שוין געפינען אַ תירוץ. זי וועט זאָגען, אַז אַ שכנה האָט געבאָרגט... ער וועט זעהר! נו, און אם ירצה השם, אַז זי וועט אויסצאָהלען, וועט ער זיך מעגען דערוויסען.

אויספיהרען דעם פּלאַן איז קריינע'ן געווען ניט שווער, וואָרום דער פעדלער, וועלכען זי האָט געהאַלטען אין זינען, פלעגט כמעט יעדען טאָג קומען צו דער מיסעס דזשייקאָבסאָן, וועלכע האָט געוואוינט מיט איהר אין דעם זעלבען האָלל, אַ טהיר נעבען אַ טהיר. און טאַקע דעם זעלבען טאָג איז שוין דער פעדלער געקומען צו קריינע'ן אין הויז אריין.

די אָרעמע ביגלעריכע האָט פאַרגעלעגט איהר פערלאַנג פאַר דעם פּעדלער, וועלכער האָט דאָס יעצט געהאַט צו בעשליסען איהר שיקזאַל. געוואָלט, דאַכט זיך אַזוי ערנסט ווי זי האָט פערשפּראָכען אויסצאָהלען דאָס געלד, דאַכט זיך אין יעדען וואָרט איהרען איז געלעגען איהר האַרץ, איהר נשמה, — און דאָך איז דער פּעדלער עפּעס געשטאַנען קאַלט, שטיל, תמ׳עוואַטע. דער דלות, וועלכער האָט זיך געטראָגען פון יעדען ווינקעלע, דער פּאַקט, אַז קריינע וויל האָבען דעם קעררידזשעל בשתיקה פון דעם מאַן — דאָס האָט געמאַכט צווייפלען דעם פּעדלער, און ער האָט עפּעס מורא געהאַט איינצושטעלען אין קאָן די מזומנים.

ער האָט געשוויגען — און ביי קריינע׳ן האָט דאָס האַרץ געציטערט און געקלאַפּט, און געקלאַפּט...

די ערנסטע שטימע פון קריינע׳ן, איהר צוזאָגען, איהרע רייד, איהר בעטען זיך — דאָס האָט פערזיכערט דעם פּעדלער, און ער האָט דאָך געגלויבט, אַז זי וועט כאָטש די העמד פערזעצען און צאָהלען. נור דאָך...

— נו... איהר... האָט מורא?

— גאָר... מיסעס סאַלאָמאָן. וואָס, איז וואָס?

— טאָ וואָס שווייגט איהר?

— איך וויים, מען שווייגט...

— וועט איהר... וועט איהר שיקען אַ קעררידזשעל?

— איך וויים, עה... אַ קעררידזשעל...

דער פּעדלער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. אי אַ קאָס־טאָמער האָט זיך איהם ניט געוואָלט ארויסלאָזען פון האַנד, אי ריזיקירען האָט ער ניט געוואָלט. נור אַ גליקליכער געדאַנק האָט איהם ארויסגעפיהרט פון זיין שווערע לאַגע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער געזעהען אין אַ בעקאַנטען סטאָר פון אַלטע מעבעל אַרומוואַלגערען זיך אַן אַלטער קעררידזשעל. „גוט, האָט ער געטראַכט, איך וועל אַקאָרשט נעהמען דעם קעררידזשעל, די סחורה וועט מיך קאָסטען אַ גאָרנישט, איך וועל עס אביסעל צופּוצען, צו־פאַרבען, צולאַקען און עס וועט זיין אָלל־רייט. פערשפּיעלען וועט כמעט ניט זיין וואָס, און טאָמער געווינען — איז דאָך געוויס גוט.“

— יעס, מיסעס סאַלאָמאָן... איך האָב אַ קעררידזשעל... אָבער אביסעל אַ צוגעניצטען.

— האָב איך אַ זאָרג! — האָט אין איין אָטהעם ארויסגערעדט די גליקליכע מיסעס סאָלאָמאָן — אַבי מיין משה'לע זאָל לעבען און געזונד זיין...

ביידע האָבען זיך געשיידט צופריעדענערהייט.

3.

אויף מאָרגען איז ביי קרוינע'ן אין הויז שוין געשטאַנען אַ קער־רידזשעל, און טאַקע אָט יענער, וועגען וועלכען דער פעדלער האָט נעכטען געטראַכט.

דער טאָג איז געווען אַ ווארעמער, אַ ליכטיגער און קריינע איז געווען אין זיבעטען הימעל.

זייט עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די ווארעמע פריהלינגס־טעג איז בערקע זעלטען אין דער היים געזעסען. ער איז אימער ארומגעלאָפען אויף דרויסען. היינט אָבער איז ר' בער געבליבען זיצען אין דער היים און דאָס איז געווען לכבוד דעם קעררידזשעל.

בערקע האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף דעם ניי־געבראַכ־טען חפץ: ער האָט עס געטאַפּט מיט די הענטעלעך, בעטראַכט פון אַלע זייטען, ארומגעפיהרט איבער'ן צימער און געקוואַלען פון שמחה.

קריינע האָט צוגעקליבען איהר שלים־מזל אין די בעסטע שמאַטעס וועלכע זי האָט נור געהאַט; בערען האָט די מאַמע אויך געמאַכט אַן אָפּעראַציאָן, פון וועלכער ער איז נעבעך שטאַרק ניט צופריעדען געווען, נעמליך: זי האָט גענומען אַ ביסעל וואַסער אין האַנד, האָט איהם בענעצט דאָס פּנים און מיט אַ גראָבען האַנדטוך האָט זי איהם אזוי פיין ארומגעריבען דאָס נעזעל, אַז ביי דעם אָרעמען בערקע'ן האָבען זיך די אויגעלעך געפּענעט. ווען קריינע האָט אַוועקגענומען דעם האַנדטוך פון פּנים איז דער שפּיץ פון בערקע'ס נעזעל געווען רויט ווי צונטער, אָבער אונטער די נאָזלעכער איז די בלאָטע פערבליעבען, ווי אויף להכעיס, ניט געריהרט.

קריינע האָט פיין אויסגעבעט אין קעררידזשעל, אראָבגעטראָגען עס פון די טרעפּ אויף דרויסען און אַוועקגעשטעלט בערקען היטען. באַלד איז זי ערשיענען מיט משה'ן און האָט איהם אַוועקגעלעגט אין קעררידזש.

ווען עס איז געקומען צום פאָהרען, האָט זיך בערקע אויך פער־וואָלט פאָהרען. אָנפאַנגס האָט איהם די מאַמע ניט גענומען, אָבער אַז בערקע האָט זיך גענומען אַ ביסעל צוהוליען זיך, איז זי מרוצה געוואָרען און האָט איהם אויך אַוועקגעזעצט אין קערדידזשעל.

מען פאָהרט.

ווען קריינע איז שוין געווען געהאַט אַוועקגעפאָהרען גאַנץ ווייט פון דער היים, האָט זי דערהערט אַז דער קערדידזשעל הייבט עפּעס אָן צו קרעכצען.

— דאַכט זיך, אַז עס ברעכט זיך עפּעס... — האָט זי זיך זעלבסט געזאָגט, און איהר פּנים איז געוואָרען בלאַס ווי קאַלך.

— נעה ארויס, מיין חכם, פון וועגעלע! — האָט די דערשראָקענע קריינע געזאָגט צו בערקע'ן.

אַ נעבכטינגער טאָג! בערקע האָט ניט געוואָלט הערען וועגען דעם פאָרשלאַג.

בוכך! — דער קערדידזשעל האָט געגעבען זיין לעצטען קרעכץ, דורכגעבראָכען זיך, אַוועקגעפאַלען, און די צוויי פּאַסאַזשירען אויפ'ן שטיינערנעם טראָטואַר — בערעלע פון אויבען און די צרה פון אונטען.

אַ געוויין, אַ געשריי...

— מיינע קינדער! — האָט קריינע אויסגעשריען, און איז אויף עטליכע סעקונדען געבליבען שטעהן ווי אַ פערשטאָרבענע.

עס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען עטליכע מענשען און מען האָט אויסגעהאָלפען דער אָרעמער קריינע. די קינדער האָט מען איהר אַוועק־געגעבען אויף די הענד און עפּעס אַ גוטהערציגער באַי האָט גענומען דעם צובראָכענעם קערדידזשעל אויף זיך.

די קינדער האָבען געוויינט פון וועהטאָג און פון שרעק.

— אוי, וואָס פאַר אַן אונגליק! אוי, וואָס פאַר אַ בראָך! — האָט קריינע געזיפצט.

דער באַי האָט געטראָגען דעם קערדידזשעל אויף די פּלייצעס און אַזוי האָט די טרויעריגע פּראָצעסיאָן אַוועקגעלאָזען זיך צוריק אין דעם רעכטען מיטען פון דעם אידישען קוואַרטאַל, אהיים צו שלמה דעם ביגלער'ס מנוחה.

ווען קריינע איז געקומען אביסעל נעהענטער צו דער היים, איז זי

א ביסעל געקומען צו זיך און זי האט זיך דערמאנט אז זי האט נאך א מאן אויף זיך, פאר וועלכען מען דארף אבגעבען דין וחשבון.

זי האט גלייך אראבגעלאזט בערקע'ן פון די הענד און געבעטען דעם באי, וועלכער האט געטראגען דעם קערידזשעל, ער זאל איהר איבערלאזען אליין.

דער באי האט אוועקגעשטעלט דעם קעררידזשעל. ער האט א ביסעל פערקלאפט, אזוי, אז מען זאל איהם באטש קענען פיהרען. קריינע האט בעדאנקט דעם גוטען באי און פארזיכטיג פיהרענדיג דעם בראך איז זי אוועק אהיים.

ווען זי איז געקומען צום רעכטען הויז, האט זי דעם צובראכענעם קעררידזשעל איבערגעדעקט מיט משה'ס א שמאטקע און שטילערהייט ארויפגעטראגען צו זיך א היים.

בערקע'ן האט זי געגעבען א שטיקעל ברויט מיט צוקער און ער איז שטיל געווארען.

ווען די ביגלעריכע האט בעטראכט איהר קינדער, האט זי אויס־געפונען, אז בערקע איז אלל־ראיט און האט זיך גאר וועניג צושלאגען, נור משה האט הפנים געקראגען א פיינעם קלאפ אין רוקענדעל, ווארום עס איז דארטען געווען רויט און ווי פערשוואלען.

די דערשראקענע מאמע האט צוגעלעגט א קאמפרעס צו דער וואונד.

זי האט דעם הונגעריגען קראנקען קינד געגעבען די ברוסט און ווי־עס־איז איינגעשלעפערט.

בערקע האט זיך אביסעל אונטערגעפייקעלט און איז אוועק אין גאס שפיעלען.

ווען עס איז א ביסעל שטיל געווארען, האט קריינע גענומען בעטראכטען דעם קעררידזשעל.

— זאל דאס איהם אזוי צובראכען ווערען זיין הארץ, זיין לייב און לעבען! — האט זי געשאלטען דעם פעדלער.

באלד האט זי זיך אוועקגעזעצט, פערבראכען די הענד, פערווארפען דעם קאפ אן וואנד, געגעבען עטליכע טיעפע זיפצען און האט זיך געשמאק צוואויינט.

דעם קעררידזשעל האט קריינע בעגראבען, אז קיינער זאל איהם ניט זעהען. מיט דעם מאן האט זיך קריינע אבגע'פטור'ט שנעל. זי

האָט איהם דערצעהלט אַ מעשה, אַזביידע קינדער זיינען אַראָבגעפאַלען פון טיש, און אַלעס איז שוין געווען פערענטפערט. בערקע האָט אפילו געפּרופט עפּעס דערצעהלען דעם טאַטען, נור קריינע האָט פערשלאָגען אַ קאָפּ און דער טאַטע האָט גערעכענט, אַז דאָס קינד „באַלבעט“.

זי האָט געהיילט משה׳לען די וואונד און האָט געוואַרט ביז דער פעדלער וועט קומען, זי זאָל איהם צושפּאַלטען זיין קאָפּ.

דער פעדלער איז געקומען, אָבער קריינע האָט איהם זיין קאָפּ ניט צושפּאָלטען. ער האָט נאָך אויף איהר געעפענט אַזאַ מויל, אַז זי איז געבליבען שטעהען אַ פערציטערטע.

וועגען צוויי טענות האָט דער פעדלער געשריען. ערשטענס, ווארום זי האָט אַוועקגעלעגט צוויי קינדער אין קעררידזש, (קריינע האָט זיך דאָס פאַר איהם אויסגערעדט), און צווייטענס, אַז ווען זי וועט איהם ניט צאָהלען, וועט ער געהן אין קאָורט און וועט מאַהנען ביי איהר מאַן.

קורץ גערעדט, קריינע האָט זיך געמיטעלט מיט דעם פעדלער אויף דעם תנאי, אַז זי זאָל איהם אויסצאָהלען אַ העלפט געלד. דעם קעררידזשעל זאָל דער פעדלער צונעהמען, און ווען זי וועט האָבען אויסגעצאָהלט זאָל ער איהר געבען אויף אויסצאָהלען אַ נייעם, אַ גוטען קעררידזשעל.

אַליץ וואָלט זיך אפשר פערגעסען. אָבער עס האָט זיך ביי משה׳לען פון דעם קלאַפּ גענומען אויסשלאָגען אַ הערבעל.

איז ער שולדיג?

ראַזינסקי האַלט אַ קענדי און סיגאַר סטאָר אין אַ פּערוואָרפענער וועניג־בעזעצטער עוועניו, אין די בראָנקס.

דאָס איז געווען אַ שפּעטיגע שטונדע פון אַ שעהנער, מילדער אָנפאַנג־זומער נאַכט.

מיסטער ראַזינסקי האָט אַ קוק געגעבען איבער'ן עוועניו, אויף דעם אַנטקעגענדיגען סיגאַר־סטאָר, און ווען ער האָט געזעהען, אַז דאָרטען איז שוין די גאַנצע אויסגעלאָשען, האָט ער אויך דאָס זעלבע געטהאָן אין זיין אייגענעם סטאָר.

ער האָט אָבער ניט פערשלאָסען די טהיר און איז ניט אוועק שלאָפען הינטערן סטאָר, וואו ער וואוינט מיט זיין פאַמיליע, נור ער האָט אַרויסגענומען אַ שטוהל אויטסייד, געזעצט זיך נעבען סטאָר און פערטיעפט זיך אין שווערע, שווערע רעיונות...

דרויסען האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט...

ווען־ניט־ווען פלעגט די שטילקייט איבערגעריסען ווערען דורך דעם בילען פון אַ הונד, דורך דעם קרעהען פון אַ האָהן, וועלכער האָט וואהרשיינליך פון צופיעל לעבען פערגעסען דעם אונטערשיעד פון טאָג ביז נאַכט, און אויך מאַנכעס מאָל פון דעם רעש פון די באַהנען, וועלכע לויפען דאָרט דורך מיט אייניגע בלאָק ווייטער.

— שלעכט, שלעכט אַז עס איז ניטאָ קיין מזל... — האָט ראַזינסקי אַ מורמעל געטהאָן און האָט אַ שווערען, טיעפען זיפץ געגעבען.

ראַזינסקי האָט ווירקליך גאָר קיין מזל ניט געהאַט.

אין דער היים, אויף יענער זייט ים, אין דעם אַלט־בעקאַנטען מינסק, איז ער געווען אַ אינטעליגענטער יונגער מענש; דאָ אין אַמעריקאַ איז ער געוואָרען אַ ניעפּענטס־מאַכער, האָט זיך פּאַר אַכט יאָהר צייט אַרויפגעאַרבייט אויף פינף קינדערלעך — אַ ווייב האָט ער געבראַכט מיט זיך פון דער היים — און אויף אַ לונגען־פעהלער.

דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען סטאָפּען פון דער אַרבייט, און ווען זיי וואָלטען ניט געהייסען, וואָלט ער אַליין געסטאָפּט, און דאָס איז געווען דאַרום, ווייל זיינע פיס האָבען זיך ענטזאַגט צו בעוועגען דעם ראָד פון דער נעה־מאַשין.

ראַזינסקי האָט זיך דאַן אוועקגעלאָזען איבער דעם ווייטען בית־עולם פון לאַנדסלייט, פריינד און קרובים וועקען זכות אבות און בעטען

גמילות חסדים. צוזאמענקלייבענדיג ביי הונדערט און פופציג דאָלאר האָט ער געקויפט א ציימונגס־סטענדעל און האָט דאביי א גאַנצען יאהר צייט געמאַכט עטוואָס עהנליכעס צו א לעבען.

איז געקומען עפּעס א אידענע, אין א גרויסער צוריסענער פּאַטשיילע, א בראַנדאָווע הולטייקע, מיט א העסליכען פּנים און נאָך א העסליכערען מויל, האָט אָוועקגעשטעלט א טישעלע מיט צייטונגען איבער׳ן וועג, מיט יללות און חרמות גענומען שלעפּען צו זיך יעדען פאַרבייגעהער, און ראָזינסקי האָט דערפיהלט ווי עס ווערט אָוועק־געריסען פון זיינע שוואַכע, בלאַסע קינדער דער לעצטער שטיקעל ברויט, א ביסען נאָך א ביסען...

עס האָט אזוי געדויערט א קליינע צייט. ראָזינסקי איז געווען געצוואונגען צו פערקויפען זיין סטענדעל פאַר עטליכע דאָלאַר און איז ווייטער פערבליעבען אָהן א מיטעל צום לעבען...

שוואַך אין געזונד, מיט פינף קינדערלעך, איינס אונטער איינס אויפ׳ן האַלז, און אָהן פּרנסה — אזא לאַגע קען נור בעגרייפען א פּאַכמאַן, איינער, וואָס האָט עס אַליין דורכגעמאַכט.

ראָזינסקי האָט גענומען עסען פון די עטליכע בלוט־דאָלאַרס, וועלכע ער האָט אָבגענומען פאַר זיין פעראונגליקליכטען סטענד... און דער מאַן איז אויסגעגאַנגען ווי א ברענענדע ליכט...

ער האָט געזוכט ביזנעס. און געזוכט האָט ער אַלץ אזא געגענד, וואו עס זאָלען זיין וועניגער מענשען, וואו עס זאָל איהם חלילה ווייטער ניט בעגעגענען א אידענע אין א גרויסער פּאַטשיילקע...

דער מאַן איז געקומען אַהער, וואו מיר האָבען איהם געטראָפען, און ער האָט געעפענט א קענדי סטאָרקע.

אנפאַנגס איז די ביזנעס געגאַנגען שלעכט. ניט וואָס אויפ׳ן שטיקעל טרוקענעם ברויט, נור אויף רענט פאַר דעם סטאָר האָט ניט געכאַפּט...

ראָזינסקי׳ס קינדער זיינען געוואָרען בלאַסער און בלאַסער... זיין פרוי איז געוואָרען שוואַרץ ווי די ערד... און ער אַליין איז שיער ניט פערריקט געוואָרען פון צרות. אבער ביסלעכווייז האָט זיך דער סטאָר גענומען בעסערן און עס האָט גענומען טראָגען אויף א לעבען.

דער אונגליקליכער ראָזינסקי האָט דעם אָטהעם געכאַפּט...

איבער׳ן עווענינ, א ביסעלע ווייטער, איז געשטאַנען א צוויי־

פלאָריגע, קליינע הילצערנע הייזקע, מיט א סטאָר אויפ'ן גראונד פלאָאָר. די הייזקע האָט בעוואוינט א שוהמייקער, וועלכער האָט אויף דעם ערשטען פלאָר פערנומען די סטאָר פאַר זיין טרייד און אויפ'ן צווייטען פלאָר האָט ער געוואוינט מיט זיין פאמיליע.

עס האָט זיך געמאכט אזוי, אז דער שוסטער האָט ארויסגעמופט, און די הייזקע איז געבליעבען שטעהען ליער.

„וואָס וועט זיין, ווען איינער וועט דאָ עפענען א קענדי און סיגאר סטאָר", פלעגט ראזינסקי א טראכט געבען וועגען דעם אנט־קעגענדיגען ליערען סטאָר, און ווען ער פלעגט א טראכט געבען, פלעגט ער פיהלען אז ביי איהם טהוט זיך א הויב דער קאָפּ... איהם פלעגט ווערען פינסטער אין די אויגען...

און דער שוואכער ראזינסקי און זיינע בלאסע קינדער און זיין אָרעמע פרוי פלעגען מיט פערשטאַרבענע הערצער קוקען אויף דעם ליערען סטאָר, און פאר זיי איז ניט געווען און עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין גרעסערע „סטראשידלע" ווי די הילצערנע הייזקע איבער'ן סטריט...

דאָס, וואָס עס האָט געשראָקען די אָרעמע פאמיליע, איז ענדליך געשעהען.

אן אלטער פאָטער, מיט א יונגער בילד־שעהנער טאָכטער, האָבען אָבגערענט די הייזקע און האָבען געעפענט א קענדי און סיגאר סטאָר.

ווען ראזינסקי וואָלט בעגעגענט זיך מיט דעם שווארצען, קאלטען טויט, וואָלט זיין שרעק געווים ניט געוועזן אזוי גרויס, ווי די שוידער־ליכע אימה, וועלכע האָט איהם ארומגעכאפּט, ווען ער האָט דערזעהן איבער'ן סטריט די נייע קענדי סטאָר...

רבותי, קיין זאך אין דער וועלט קען אייך אזוי ניט דערשרעקען; דער געפעהרליכסטער שונא קען אייך ניט אָנוואַרפען אזא אימה, אזא פינסטערען פחד, ווי דער געדאנק, אז אייער פרוי און אונשולדיגע קינדער וועלען מוזען ארויסגעהן פון הונגער..

איין טאָג איז ראזינסקי געוואָרען אוים מענש און ער האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט ערשט געהאט אויפגעשטאנען פון א קראנקען בעטעל...

ראזינסקי האָט געטרייסט זיין דערשראָקענע פאמיליע מיט די האָפנונגען, אז פון דעם סטאָר וועט גאָרניט זיין... אבער אליין האָט

ער אנדערש געטראכט... און ביי נאכט, ווען ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, האָט ער שטילערהייט געוויינט..

„וואָס האָט מען צו מיר, פאַרוואָס יאָגט מען מיך אזוי ווי א ווילדע חיה? פאַרוואָס רייסט מען דאָס מיט אזא אכזריות דעם ביסען פון מיינע הונגעריגע שוואכע קינדערלעך?" האָט ראָזינסקי ביי זיך אין הארצען געפרעגט... און ער האָט געפיהלט, ער ווערט משוגע פון שמערצען...

די צייט האָט זיך אוועקגעצויגען... די נייע קענדי סטאָר, וועלכע איז געוואָרען צו ראָזינסקי'ן אלס אָפּאָזישען איז נאָך געשטאַנען און ראָזינסקי האָט עס גענומען פיהלען שטארקער און שטארקער.

דאַרטען איבער'ן וועג איז געווען אַן אלטער גרויער מאַן, וועלכער האָט צוגעצויגען צו זיך קאָסטאָמער דורך רחמנות און רעספּעקט; א בילד־שעהנע מיידעלע, וועלכע האָט צו זיך צוגעצויגען דורך ליעבע, און ראָזינסקי'ס סטאָר האָט גענומען פעסט זינקען.

טאָג־טעגליך פלעגען קאָסטאָמער איבערגעהן פון ראָזינסקי'ן אהין איבער'ן וועג אין דעם נייעם סטאָר אריין.

ראָזינסקי האָט געפיהלט אַז מען עסט אויף לעבעדיגערהייט איהם, זיין פרוי, זיינע קינדער און ער האָט געמוזט הילפלאָז קוקען און פעררינקט ווערען פון יסורים.

ראָזינסקי'ס לאַגע האָט זיך געשלימערט און געשלימערט ביז עס איז געקומען צו א שוידערליכער שטופע.

אָט קומט דער ערשטער — אויף רענט איז א סימן ניטאָ.

מען איז שולדיג פאַר סחורה, מען וועט מוזען סעטלען בילס... וואו זאָל מען נעהמען?

מען עסט ניט, מען טרינקט ניט, מען געהט אוים בוכשטעבליך פאַר הונגער... און דאָ איבער'ן סטריט שטעהען די רויבער... די בלוטיגע רויבער... אבער וואָס קען מען טהאָן?...

דאָ איבער'ן סטריט געפינען זיך צוויי מענשען, אַן אלטער פאָטער מיט א יונגער טאָכטער, וועלכע לויערן אויף די אונגליקליכע ראָזינסקים, שניידען פון זיי פאַסענווייז... צאַפּען טראָפּענווייז זייער בלוט... און וואָס קען מען זיך העלפען?

און ראָזינסקי זיצט אין סטאָר און קוקט זיך צו ווי זיינע קאָסטאָמער געהען אהין איבער'ן סטריט...

די זעלבע קאַסטאַמער, וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען לאַנגזאַם, מאַטערנדיג זיך מיט'ן טויט... די קאַסטאַמער גערען יעצט אַהין און ראַזינסקי פיהלט אזא וועהטאַג, עפּעס ווי מען וואָלט איהם געריסען א גליעד נאָך א גליעד...

*

עס איז שפּעט... שפּעט אין דער נאַכט און ראַזינסקי זיצט פערטיעפט אין פינסטערע, אין ביטערע רעינות...

וואָס טהוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? דאָס וואַסער דערגרייכט איהם ביז'ן מויל... ער טרינקט זיך... ער ווערט דערשטיקט... נעבען איהם טרינקט זיך זיין פרוי... עס טרינקען זיך די קינדערלעך. . שפּרייטען אויס די הענטעלעך צו זייער טאַטען, בעטען זיך געראַטעוועט צו ווערען... וואָס קען ער טהאָן?

און עס קומען איהם ארויף פערשיעדענע, פערצווייפעלטע געדאַנקען. די געדאַנקען שליידערען איהם אַרום אַזוי ווי אין א פיעבער, דאָס אין קעלט, דאָס אין היץ... כאַפּען איהם אַרום און ווערען פערשוואונדען... נור איין געדאַנק, א שרעקליכער געדאַנק האָט איהם אַנגעהאַלטען פעסט און לאָזט איהם ניט אָב...

ער וועט זיך נעהמען דאָס לעבען... ער איז אינשורט אין פינףהונדערט דאָלאַר. זיין פאַמיליע וועט קריגען דאָס געלד און זיי וועלען געראַטעוועט ווערען... קיין אַנדער ברירה האָט ער ניט... אַנדערש קען ער זיך ניט ראַטעווען... עס איז ניטאָ קיין שום האָפנונג...

ראַזינסקי שטעלט זיך פאָר א בילד ווי מען וועט איהם געפינען א טויטען... ווי די קינדער וועלען נעהמען שרייען און וויינען... א ציטער געהט איהם אַריבער איבער'ן גאַנצען לייב... און עס נעהמט זיך איהם וויינען... און ער וויינט שטילערהייט...

אינסטינקטיוו טהוט ער א וואָרף א בליק אַהין פון וואַנען זיין אונגליק קומט. איבער'ן וועג, אויף דעם שרעקליכען סטאָר.

וואָס איז דאָס? א רויך? עפּעס א מאָדנער געפיהל כאַפּט איהם אַרום, א שמחה דאַכט זיך... אָבער אזא שרעקליכע, שוידערליכע שמחה... ער טהוט א ריב די אויגען... יעס... רויך... שפּאַרט פון סטאָר... אָט האָבען זיך געצייגט עטליכע פונקען... דער סטאָר ברענט!!!

ער איז געראַטעוועט... זיינע קינדערלעך שווימען צום ברעג... אבער

גלייך דערמאָנט ער זיך, אַז דאָרטען אויף דעם אויבערשטען פּלאַר געפינען זיך צוויי מענשען... אַן אַלטער גרויער פאָטער און אַ יונגע מיידעל. זיי וועלען פערברענט ווערען!

אין ראַזינסקי׳ן ערוואַכט דער מענש... ער פערגעסט די גאַנצע געלעגענהייט... מענשענלעבענס זיינען אין געפאַהר...

„לויף, ראַטעווע, ברעך אוים אַ שויב... וועק זיי אויף שנעל...“ האָט עפּעס ווי אימיצער צו איהם אַ שרעקליכען געשריי געטהאָן און עס האָט איהם אַ הויב געגעבען פון זיין פּלאַץ...

„מען וועט פערלעשען דעם פייער, דער סטאָר וועט בלייבען...“ האָט אַ קאַלטע שטימע איהם אַ שעפּטשע געגעבען אין אויער און ראַזינסקי איז געבליבען שטעהען, פערגליווערט פון אַ שרעקליכען געפיהל.

„זיי וועלען פערברענט ווערען, לויף!... שנעלער... שנעלער!“

„דער סטאָר וועט בלייבען... וועסט זיך נעהמען דיין אייגענעם לעבען... ניטאָ קיין אַנדער אויסגאַנג.“

„זיי וועלען פערברענט ווערען... שנעל!! שנעל!! שנעל!! לויף... ראַטעווע... מענשען ברענען... לויף שנעלער... שנעלער!!!“ ראַזינסקי האָט געציטערט.

און די צוויי שטימען מאַכען שנעל צווישען זיך אַ פּשרה: „ער וועט אַ ווײַלע אָבוואַרטען.. ביז וואַנען דער סטאָר וועט זיי פערפאַלען... און דאָך וועט בלייבען צייט צו ראַטעווען די לעבענס.“

ראַזינסקי איז שנעל אַריין אין זיין סטאָר, און עפּעס אַזוי ווי מורא־האָבענדיג פאַר זיין אייגענעם שרעקליכען „איך“ איז ער אַריינ־געלאָפען אין בעדרום... אַ וואָרף געגעבען זיך אין בעט... פערדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קישען... און ציטערנדיג ווי פון קעלט, אָבער אָהן אירגענד וועלכע מחשבות, עפּעס אַזוי ווי מיט אַ פערשטיינערטען מאַרך, ליעגט ער... און וואַרט...

און ראַפּטום טהוט ער זיך אַ כאַפּ, אַ שליידער פון זיך די קישען און לויפט אין סטאָר...

אַ רויט־בלוטיגע שיין וואַרפט זיך צו איהם אין פענסטער... דרויסען הערט זיך שוין אַ טומעל.

„פערפאַלען!“ האָט ראַזינסקי דערהערט אַ שוידערליכע שטימע... און ער האָט דערפיהלט אַ קאַלטען שוויים איבער׳ן גאַנצען לייב.

— א שרפה... א שרפה.... — האָט ער גענומען וועקען זיינע קינדער, זיין פרוי.

— וואו? ווען? — פליהען פון בעט די דערשראָקענע קינדער און די צושראָקענע פרוי.

— אנטקעגען... דער סטאָר... ראָזינסקי האָט עפּעס ווי מורא געקראָגען צו צייגען זיין פּנים פאר זיין אייגענער פאמיליע, און ער איז ווי א וואהנזיניגער ארויסגעלאָפען פון סטאָר...

עס ברענט!

די הויז ברענט שוין ווי א ליכט... רויטע בלוטיגע צינגער רייסען זיך ארוים פון די פענסטער.

„דאָרטען זיינען מענשען... דאָרטען זיינען מענשען... — שרייט מען אין סטריט. עס דערהערט זיך דער פייפען פון דער אנקומענדער פייער קאָמאנדאָ...

ראָזינסקי ווערט א ווייַלע רוהיגער... נור פלוצלונג... אָה, א שוידערליכע שרעקליכע בילד!

דער פאטער און די טאָכטער האָבען זיך געצייגט נעבען א פענסטער...ביידע ארומגענומען אין פלאמען... און באלד זיינען זיי צוריקגעפאלען... אינוועניג אין די פלאמען..

די סטריט איז פערהילכט געוואָרען פון די שרעקליכע, שוידערליכע געשרייען פון די דערביישטעהער...

ביי ראָזינסקי'ן האָבען זיך די האָר פון קאָפּ אוועקגעשטעלט קאפויר... א ווייַלע איז ער געבליעבען שטעהען אָהן לשון... און באלד איז ער אריינגעלאָפען צו זיך אין סטאָר א בלאסער וויא טויטער...

— פערפאלען, פערפאלען! — האָט ער ארויסגעשריען ניט מיט זיינע קרעפטען און ער האָט גענומען חלש'ען...

שפּעטער, ווען דער פייער איז איינגעלאָשען געווען, האָט מען געפונען די צוויי פערברענטע קערפּערס פון דעם פאטער און זיין טאָכטער.

מען האָט זיי געפונען ארומגענומענערהייט...

*

איז ראָזינסקי שולדיג?

פערלאָרען דעם באָס?

לאַנגזאַם, אָבשטעלענדיג זיך יעדער ווײַלע, האָט דער פערד געפיהרט דעם וואָגען מיט עפּעל. נאָכ׳ן וואָגען זײַנען נאָכגעגאַנגען א מאַן פון א יאָהר פערציג, אויך א יונגער באָי פון א יאָהר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געווען דער אייגענטהימער, דער באָס פון דעם וואָגען מיט די עפּעל, און דער יונגער באָי איז דאָס געווען א געדונגענער העלפער, אַן אויסשרייער, און צו דער זעלבער צייט אַן ארויפטרעגער פון די עפּעל צו די קונים.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון ווינטער און די ענדע פון דעם טאָג. דער וועטער איז אויסגעפאַלען א שלעכטער, א צרה׳דיגער; עס האָט געבלאָזען א קאַלטער, שנײַדענדער ווינד און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצען א קאַלטער רעגענדעל, וועלכער האָט דורכגענומען דורך־און־דורך מיט פייכטקייט און מיט קעלט.

א לײַכטער זומערדיגער דזשעקעטעל און א פּאָר לײַכטע קניע־פּענטס האָבען שלעכט בעשיצט דעם אָרימען באָי פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון די „ניע־פּענטס" האָט זיך אין מאַנכע ערטער ארויסגעזעהן די הוילע לײַב, און פון זײַנע צוריסענע שיך האָבען ארויסגעשטעקט די פינגער. דער באָי האָט זיך געיאָזשעט און געטרייסעלט פון קעלט... און אפשר אויך פון הונגער. זײַן קליינער אויסגעדאַרטער פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, אָנגעשוואָלען פון פייכטקייט, און איבערגעפראָרען פון קעלט.

— פּייוו סענט איי האָל לאָט! — האָט עפּעס מיט א בענומענעם קול אויסגעשריען דער באָס.

— איי, אַפּעלס! — האָט נאָכגעשריען דער באָי מיט א הייזעריגער, קינדערשער, הערצרײַסענדער שטימע.

קיינער האָט אָבער קיין אַפּעלס ניט געבעטען, און דער פערד האָט גענעבען א טראָט ווייטער.

— וועלען מיר באַלד פאָהרען אהיים? — האָט דער באָי נעפרעגט זײַן באָס, און עס האָט איהם געקלאַפּט א צאָהן אָהן א צאָהן.

דער באָס האָט אין דיעזען שלעכטען טאָג אויך שלעכטע געשעפ־

טען געמאכט, און ער האט ניט גערעכענט פאר נויטיג צו ענטפערען אויף זיין באַי'ס פראגע.

— פייוו סענט איי האָל לאָט!

— איי, אפּעלס!

— ווע‏לען מיר באלד פאהרען אהיים? — האט דער באַי ווייטער געפרעגט, און זיין קינדערשע הארץ האט פערקלעהמט פון וועהטאָג.

דער באָס האט א לאנגזאמען, שארפען, בייזען בליק געגעבען אויף דאס קינד און אויף זיין פנים האט זיך אויסגעצייגט א ווילדע הנאה, עס האט זיך געדאכט, אז דער מאן וויל זיין ווילדע אונצופריעדענהייט פון זיינע היינטיגע שלעכטע געשעפטען דערלענגען מיט דעם פערגעני־גען פון צוקוקען די שמערצליכע מאטערניש פון זיין געדונגענעם באַי.

— ווען איך וואלט וויסען — האט דער באָס געענטפערט — אז דו ביזט אזא פוילער באַי, וואלט איך דיך אפילו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט —האט דער באַי געענטפערט — מיר איז קאלט. — און זיין קול האט געציטערט פון טרעהרען.

— קאלט? — האט איהם איבערגעקרימט דער באָס — וואס ארט עס מיך? א „קוואָדער" וועסטו דאך וועלען נעהמען.

— פייוו סענט איי האָל לאָט! פייוו סענט איי האָל לאָט!....

— איי, אפּעלס! — האט אויסגעשריען א שטימע פול מיט טרעהרען.

און דער פערד איז זיך לאנגזאם געגאנגען און געגאנגען. דער באַי האט דערפיהלט אז ער פאלט פון די פיס און ער האט זיך אנגע־האלטען אן וואגען.

סעמי (אזוי האט מען גערופען דעם באַי) איז דאס היינט צום ערשטען מאל געווען אן „עפּעל־שרייער". ביז היינטיגען טאג האט ער גאר געפּעדלט מיט אבענד־צייטונגען. סעמי'ס פאטער איז א פּעדלער מיט סוספענדערס; ער איז א זעלטענער קבצן. זיין מוטער האט סעמי ניט געקענט, זי איז געשטאָרבען מיט פינף יאהר פריהער — א שטיעפ־מאמען האט ער יע. סעמי האט א זיעבען־יאהריגע, בלאסע, קרענק־ליכע שוועסטערעל פון דער פערשטאָרבענער מאמען און דריי קליינע ברידערלעך פון דער שטיעף־מוטער, דערוויילע פערמאָגט זיין טאטע, דער סוספענדערס־פּעדלער, א ווייב מיט פינף קינדער, און אלע צוזאמען ווערען געשוואָלען פון הונגער. מעהר פון אלעמען דערגעהט אָבער

סעמי'ן. ערשטענס איז ער דער עלטסטער פון די קינדער. און צווייטענס, איז ניטא ווער עס זאל זיך פאר איהם אננעהמען, זיין מאמע איז טוידט.

ווען נאר סעמי'ס טאטען איז ביטער אויף'ן הארצען, לאזט ער אוים זיין כעס צו זיין עלטערען יתום. ווען ער קומט נאר אהיים פון זיין פעדלען, און זיין הארץ איז איהם פערביטערט און צוריצט, דאן נעהמט ער זיך בינדען צו סעמי'ן. ער געפינט שוין אוים עפעס, און נעהמט דאס קינד שלאגען אהן רחמנות; ער שלאגט, ער שלאגט ביז וואנען דאס קינד נעהמט איהם קושען זיינע הענד, זיינע קליידער, ביז וואנען דער באי בלייבט אונטער זיינע הענד... די שטיעף-מוטער קוקט זיך צו צו דיעזער אינקוויזיציאן, זי שווייגט, אבער איהר הארץ קוועלט פון פערגעניגען...

„עמי", סעמי'ס קלענערע שוועסטער'ל, האט ליעב איהר ברודער'ל, זעהר ליעב. כאטש זי איז נאך יונג, דאך פיהלט זי, אז זי און איהר ברודער האבען ניט קיין מאמען, אז זיי זיינעןביידע אבגעזונדערט אין דער פאמיליע און דערפאר האבען זיי איינער דעם צווייטען שמערצליך האלד, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען געהאט איין נשמה, אבער וואס קען עמי העלפען איהר ברודער?

ווען זי זעהט, אז מען שלאגט סעמעלען, שטעלט זי זיך אוועק אין א ווינקעלע, פערברעכט די הענד, איהר הערצעלע ווערט פערשטארבען פון שרעק און פון וועהטאג, איהרע אויגען פערלויפען מיט טרעהרען אבער זי האט אפילו מורא צו וויינען.

סעמי פערדעלט מיט אבענד-צייטונגען, שפעט אין דער נאכט ברענגט ער זיינע פערדיענסטען אהיים... און וועה, וועה איז צו איהם ווען ער ברענגט מאנכעס מאל צו ווייניג.

— גנב, דו האסט פערספענדט! — שרייט אויף איהם דאן זיין טאטע. מען שלאגט איהם און מען גיט איהם קיין סאפער ניט.

ווען עס איז געקומען דער הערבסט און עס האבען זיך אנגעפאנגען שלעכטע וועטערען, איז סעמי'ס לאגע געווארען פיעל שלימער, ערש־טענס ווען זיין טאטע פלעגט קומען פון זיין פעדלען א דערפרארענער און א צואווייקטער פלעגט זיין הארץ זיין מעהר צוריצט און פערבי־טערט, און סעמי פלעגט קריגען א געשמאקערען חלק, און צווייטענס פלעגט סעמי אין א רעגענדיגען וועטער פערקויפען פיעל ווייניגער

ציימונגען און ער פלעגט האבען אויך דערפאר אבצוגעבען דין און חשבון.

געסטערען אבענד האט סעמי אזוי ווי אימער געפּעדעלט מיט ציימונגען. דעם גאנצען אבענד ביז שפּעט אין דער נאכט אריין האט ניט געסטאפּט צו גיסען א גוס רעגען. סעמי האט געמאכט זעהר שלעכטע ביזנעס, איז ער קוים, קוים מיט'ן קרן ארויס. ווען סעמי איז געקומען אהיים האט ער שטילערהייד אוועקגעלעגט די איבערגעבלי־בענע ציימונגען מיט די עטליכע פּענים אויפ'ן טיש, און ער האט זיך שטילערהייד פערבארגען אין א ווינקעל. סעמי איז געווען צואווייקט און דערפרארען; ער איז געווען בלאס ווי א טוידטער.

דער טאטע האט איהם ניט געשלאגען, נור ער האט אויף דאס קינד א ווארף געגעבען א בייזען, שלעכטען בליק. ווען סעמי האט זיך אביסעל דערוואַרימט האט דער טאטע צו איהם געזאגט:

— סעמי אהערצו געה!

סעמי איז צוגעגאנגען צום טאטען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפּ.

— סעמי, וואס איז דאס? — האט דער טאטע געצייגט אויף די ציימונגען.

— עס האט געגאסען א גוס רעגען — האט געשטאמעלט סעמי.

— שטיל! — האט א געשריי געטהאן דער טאטע — דו רעדסט נאך?!

ביידע זיינען געבליבען שטיל.

— ווען דו וועסט מאכען מארגען אזעלכע געשעפטען — האט דער טאטע ווייטער גערעדט — קריגסטו ארויסגעשמיסען פון שטוב. איך קען דיר ניט מעהר פרעסען געבען, געה, פערדיען, דו ביזט געזונ־טער פון מיר.

סעמי איז א פערציטערטער געוואָרען.

א גאנצע נאכט איז ער ניט געשלאפען. די בייזע ווערטער פון זיין בייזען טאטען האבען ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערען. סעמי האט געטראכט וועגען מארגען — אך, ווי ער האט געוואלט, אז מארגען זאל זיין טרוקען, זאל קיין רעגען ניט גיסען. דער ווינד האט אבער געהויבען די גאנצע הויז אין דער הויך. און דער רעגען האט געשמיסען אין די פענסטער און אויפ'ן רוף. ער האט ניט געקענט איינשלאפען, ער האט גענומען טראכטען וועגען א בעסערען געשעפט,

וועגען א נייער פרנסה. ער האָט זיך מישב געווען אין גאנצען אוועק־וואַרפען די צייטונגען און ווערען א שרייער ביי א וואָגען מיט עפּעל. פון קינדער האָט ער געהערט, אז דאָס איז א פיינע זאַך. די פרנסה איז א זיכערע און צו דעם עסט מען זיך אָן מיט עפּעל. סעמי האָט אזוי געטראַכט און ער האָט זיך גענומען וואונדערען ווארום ער האָט עס לאַנג ניט געטהאָן.

ווי עס האָט גענומען בעגינען איז סעמי אויפגעשטאַנען און ער איז אַראָב אויפ׳ן גאַס. ער האָט לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטען. אין עטליכע מינוטען ארום האָט זיך פון עווענױ אין גאַס פערקירעוועט א וואָגען מיט עפּעל. א מאַן האָט געפיהרט דעם פערד און קיין באַי האָט מען דאַרט ניט געזעהן. ביי סעמי׳ן איז די האַרץ פערשטאַרבען געוואָרען און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם באָס פון דעם וואָגען. באַלד איז סעמי א גליקליכער, א צופריעדענער אַרויפגעלאָפען אפּסטעז און האָט אָנגעזאָגט דעם טאַטען, אז ער האָט דעם דזשאַב בעקומען.

— זיי נור א מענש — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— זעה, ברענג מיט זיך עטליכע גוטע עפּעל — האָט די שטיף־מוטער מוסיף געווען.

סעמי האָט פערכאַפּט מיט זיך א שטיקעל ברויט און ער איז שנעל ווי א בליץ אוועקגעלאָפען צו זיין נייעם באָס...

דער פערד איז זיך לאַנגזאַם טראָט ביי טראָט געגאַנגען און געגאַנגען.

— וואָס ביזטו פערשטומט געוואָרען? — האָט אויסגעשריען דער באָס — סעמי, ווארום שרייסטו ניט?

— איי — אַפּעלס! — האָט סעמי אויסגעשריען.

— נעהם געה אריין אהער — האָט דער באָס אָנגעצייגט סעמי׳ן אויף א געוויסער הויז — אָבער קלאַפּ אָן טהיר און טהיר, ווען דו וועסט פערקויפען, קום גלייך אַראָב נאָך נאָך א פייל מיט עפּעל, ווען ניט, געה איבער׳ן רוף אין דער צווייטער הויז... געשווינד!

און סעמי איז אוועק אין דער אָנגעצייגטער הויז. דאָס איז געווען א פלעט הויז, אין האָל איז געווען בעדעקט מיט קאַרפּעט, און מיט סטים בעוואַרעמט. סעמי האָט גענומען קלאַפּען פון טהיר צו טהיר. קיינער האָט אָבער קיין עפּעל ניט געברויכט... ביי די טענענטס אין די רומס האָט שוין פייער געברענט, פון איינינגע אפּאַרטמענטס האָט

זיך געהערט פרעהליכע קינדערשע פלאפלעריי און געלעכטער און פון איינע האבען זיך געטראגען טענער פון פיאנאס.

אט קלאפט סעמי אן אין א טהיר; מען עפענט, עלטערען צוזאמען מיט די קינדער זיצען ביים טיש און מען טרינקט טהעע.

— אפעלס? — פרעגט סעמי.

— נאו — ענטפערט מען און מען פערהאקט בייז די טהיר.

אין א צווייטען פלאץ זעהט סעמי, ווי קינדער זיצען זיך און עסען. דער הונגעריגער סעמי דערפיהלט דעם גערוך פון די עסען־ווארג, און זיין פערקלעהמטע הארץ הויבט אן נאך שטארקער וועה צו טהאן. נאך אין א פלאץ עפענט זיך האסטיג די טהיר און א פרעהליכע שעהן־געקליידעטע מיידעלע צייגט זיך.

— עני, אהערצו קום — דערהערט זיך אהינטער איהם א קול פון א פרויענצימער — לויף ניט ארום איבער'ן האל, וועסט זיך נאך פער־קיהלען. באלד צייגט זיך די פרוי און נעהמט צו צוריק דאס מיידעלע.

סעמי בעמערקט דאס אלעס און ער איז אזוי מקנא, און עס דריקען איהם שמערצליך די געפיהלען. אזוי דערגעהט סעמי ביז'ן טאפ פלאר און קיין עפעל האט ער ניט פערקויפט. סעמי נעהמט געהן אויף די טרעפלעך, וועלכע פיהרען צום רוף. נור ער האט דערפיהלט ווי דער רעגען שמייסט אן די בלעך פון דאך, און ער בלייבט א ווײלע שטעהן. אין האל איזווארים און טרוקען. סעמי'ן, דעם מיעדען, איבערגעפרא־רענעם באי, פערווילט זיך אברוהען.

— פון וואנען וועט דער באס וויסען? — טראכט דאס קינד — ער וועט מיינען אז איך האב זיך עטוואס לענגער פערזאמט. סעמי זעצט זיך אוועק ווי אן אונטערגעהאקטער און שפארט אן דעם קאפ אן דעם פייל מיט די עפעל...

סעמי האט זיך פערטראכט וועגען די קינדער, וועלכע האבען געגעסען; וועגען די קינדער, וועלכע האבען געטרונקען; וועגען די קינדער, וועלכע האבען געשפיעלט... ער נעהמט זיך פארשטעלען, אז ער איז אויך איינער פון זיי... און אז ער עסט, אז ער טרינקט, אז ער שפיעלט... אין האל איז טרוקען אוןווארעם... א דרעמיל האט גענומען שמיעדען סעמי'ס צוּוואויקטע, צופרארענע גליעדער... ער האט זיך עפעס אזוי ווי דערשראקען א כאפ געגעבען זיך, אבער באלד איז ער ווייטער אנשלאפען געווארען.

דער באָס האָט לאַנג אויף זיין באַי ניט געוואַרט; ער האָט זיך געהאט זיין טרוקענע רעכענונג. דער טאָג האָט זיך שוין געענדיגט, דעם באַי דאַרף ער שוין זאָ ווי זאָ שיקען אהיים, א קוואָדער איז ער איהם דאָך שולדיג, און דער פייל צוזאַמען מיט די עפּעל איז דאָס ניט ווערטה.

דער באָס פון די עפּעל האָט ארויסגעלאָזט פון זיין מויל א שטאַר־קען וואָרט, און האָט גענומען זיך ווייטער פאָהרען — ער איז דאָס שוין געפאָהרען אהיים.

זוער ווייס אויף ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפען, ווען א טענערקע פון דער הויז וואָלט ניט געגאַנגען א קוק געבען אויב דער ווינד האָט ניט צושמיסען די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפ׳ן רוף.

סעמי האָט דערפיהלט, ווי אימיצער האָט איהם געגעבען א גוטען טופ מיט׳ן פוס... ער האָט זיך א כאַפּ געגעבען ניט טוידט ניט לעבעדיג; מיט שרעק האָט ער א קוק געגעבען ארום זיך. לעבען איהם איז געשטאַנען א גרויסע, דיקע, געזונדע פרוי.

— אוועק פון דאַנען! — האָט די פרוי זיך צושריען — דו לויפער, דאָ איז קיין פּלאַץ ניט צו שלאָפען.

— אפּעלס! — האָט סעמי א שטאַמעל געטהאָן, האַסטיג אויפ־געהויבען זיך און ער האָט געכאַפּט לויפען אראָב די טרעפּ. ווען סעמי איז ארויס פון האָל איז שוין געווען פינסטער.

— איי, אפּעלס! — האָט ער אויסגעשריען און ער האָט גענומען מיט די אויגען זוכען דעם וואָגען מיט די עפּעל. — דער וואָגען איז אָבער מעהר ניט געווען.

א פערלאָרענער, א דערשראָקענער האָט דער באַי גענומען ארומ־לויפען. ער איז אוועקגעלאָפען אין עווענױ, פון דאָרטען אין גאַס, פון דער גאַס ווייטער אין עווענױ... דער וואָגען מיט די עפּעל איז פער־פאַלען געגאַנגען. אין איין מינוט האָט סעמי פאַרגעשטעלט זיך זיין היים, זיין טאַטען, און ער האָט אין גאַנצען בעגריפען די שווידערליכקייט פון זיין לאַגע. ער איז געבליבען שטעהן ווי א צוטומעלטער. ער האָט ניט געוואוּסט וואוהין צו לויפען. אהיים האָט ער יעדענפאַלס געשראָקען זיך צו קומען... און דער רעגען האָט גענומען שמייסען שטאַרקער און שטאַרקער....

דער בעל־חשבון.

מיין הארץ טהוט מיר וועה אויף דיר, דו בלאסעם קינד, דו אָרימעס קינד פון דער אידישער גהעטאָ...

פערטראַכטערהייט האָב איך געשפּאַנט איבער לודלאָו סטריט.

— גוטען אבענד, מיסטער — האָט מיך איינער אָנגערופען.

איך האָב זיך אומגעקוקט. לעבען מיר איז אויך געגאַנגען אַ אידישער פּעדלער מיט אַ גרויסען באַסקעט אָנגעהאַנגען דורך אַ רימענעם סטראַפּ אויפ'ן האַלז. דער פערוואָגעלטער פּנים פון דעם באַסקעט־טרעגער האָט זיך מיר אָבגעדאַכט בעקאַנט, איך האָב זיך אָבער ניט געקענט עראינערען, וואו און ווען איך האָב איהם געזעהן.

— איהר קענט מיר ניט? — האָט ער ביי מיר געפרעגט, און ער האָט אַ שמייכעל געגעבען.

— ניין — האָב איך געענטפערט — עס שיינט מיר אַז ניט.

— און איך קען אייך.

— ווי אַזוי?

— איהר האָט מיר אַמאָל געראַטעוועט פון געפאַהר — האָט דער פּעדלער מיר מיטגעטהיילט. איך בין געוואָרען נייגעריג, וואָרום איך האָב אין מיין „רעקאָרד“ ניט געדענקט אַזאַ העלדען־טהאַט, וואו איך זאָל וועמען עס איז „ראַטעווען פון אַ געפאַהר“.

— איהר האָט דאַכט זיך אַ מיסטייק, פּעטערעל — האָב איך געענטפערט גאַנץ ערנסט.

— נעוועך מיינד — האָט אָבער דער מאַן געענטפערט — איך בין, זאָלט איהר וויסען זיין, אַ פּעדלער, און ווען איך זעה נור איין מאָל אַ מענשען, וועל איך איהם שוין שטענדיג דערקענען.

— אָבער ווען? וואו? ווי אַזוי? — בין איך שוין געוואָרען פער־אינטערעסירט.

— דאָס איז געווען אין אָנפאַנג ווינטער — האָט אָנגעפאַנגען דער פּעדלער גאַנץ געלאַסען, — אַזוי, אין אבענד צייט, און איך בין געגאַנגען מיט מיין בעסקעטעל אין דער ליינג פון קעטערין סטריט. אין דער פריה איז אויסגעפאַלען אַ פרישער, נאַסער שנעע און פאַר די

לויפער איז געווען א פיינע ביזנעס... איך גע, מיט אמאל טראך! מען האט מיר אריינגעפאהרען אין קאפ א געזונדען שנעע־באל. די הארץ איז מיר פערגאנגען פון וועהטאג. איך האב זיך ארומגעקוקט... א גאנצער גענג מיט לויפער האבען אין מיר גענומען ווארפען... זיי וואלטען מיר געמאכט דעם טוידט, נור דא זייט איהר אונטערגעגאנגען, און חברה האט זיך גענומען פאר אייך; און איך האב זיך אבגעטראגען.

וועל, יעצט האב איך שוין געזעהן, אז עס איז זעהר מעגליך, דאס דער פעדלער האט קיין מיסטייק ניט, און ווייטער לייקענען דעם פאקט וואס איך האב איהם אמאל גערעטעט פון געפאהר, וואלט פון מיין זייט געווען א צו גרויסע עניות, האב איך אלזא געענטפערט:

— זעהט איהר, דאס איז גראדע מעגליך, מיין פריינד.

— איך האב אייך דערקענט! — האט דער פעדלער געענטפערט מיט נצחון.

איך בין געבליבען שווייגען; איך בין ווייטער געגאנגען, און דער מאן, וועמען איך האב גערעטעט דאס לעבען, איז געגאנגען ביי מיין זייט.

דער פעדלער האט גענומען זיפצען.

— וואס זיפצט א איד? — האב איך געפרעגט.

— א איד האט צרות. א איד דארף פערשילטען דעם טאג ווען ער איז געבארען געווארען — האט דער פעדלער געזאגט, און ער האט ווייטער א שווערען, שווערען זיפץ געטהאן.

— וואס איז דער מעהר? וואס איז דער מעהר? וואס זייט איהר אזוי ברוגז מיט דעם אידען?

— אט אזוי — האט דער פעדלער געענטפערט — גארנישט, איד ניט איד, איך בין אן אביון, ניט פאר קיינעם געדאכט, און איך קיי די ערד.

— איהר מאכט קיין לעבען ניט?

— נא, א לעבען מאכט מען גראדע ווי עס איז, מעהר נישט די לויפער, די מזיקים דערעסען דעם לעבען, אבער דאס וואלט שוין ניט אויסגעמאכט, איך בין ניט איין פעדלער אויף דער וועלט און מען ווייס, אז ווען מען וויל לעבען אויף דער וועלט מוז מען זיך מאטערען, דארף מען שלינגען גאל און שפייען מיט בלוט, מען ווייס שוין, אבער

איך האָב גאָר אַנדערע צרות, מיך שטראָפט גאָט גאָר אויף אַ בעזונדער אופן.

— נו, וואָס איז? — האָב איך געפרעגט — עפּעס טראָבעל מיט די „לייסענס“, מיט דער פּאָליציי?

—נאָו — האָט דער מאַן געענטפערט, — צו די ביהנען איז מען שוין צוגעוועהנט געוואָרען; איך האָב צרות פון קינדער.

— פון קינדער? — האָב איך איבערגעפרעגט אויטאָמאַטיש.

— יעס, פון קינדער, אָדער בעסער געזאָגט, פון איין קינד, פון מיין עלטערען זוהן...

דער פּעדלער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבען, איך האָב אויף איהם אַ קוק געגעבען, זיין פּנים איז געוועזען טרויעריג פערטראַכט.

— הערט נור — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געגעבען — ווער זייט איהר?

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.

— איהר זאָלט קיין פעראיבעל ניט האָבען — האָט דער פּעדלער גלייך בעמערקט — איהר קוקט אויס אויך ניט צו זיין קיין רייכער מאַן.

— אַן אביון — האָב איך געלאָזט וויסען.

— אייגענע ברידער — האָט דער פּעדלער געזאָגט צופריעדען — און איך וועל פאַר אייך אויסריידען דאָס האַרץ. איהר זעהט דעם שווערען באַסקעט, ער איז אַ גאַרנישט, ער איז גרינג ווי אַ פּעדער געגען די שוואַרצע צרות פון מיין האַרצען... אַז איהר וואָלט וויסען... אוי, וואָס פאַר אַ וואונדען איך האָב!

דער פּעדלער האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן.

— הערט נור! — האָט ער ווייטער האַסטיג אַ פרעג געגעבען — וועט איהר מיך אויסהערען?

— געוויס, וואָרום ניט?

— ווי איך האָב שוין אייך געזאָגט — האָט דער פּעדלער גענומען דערצעהלען — האָב איך גרויסע צרות פון מיין זוהן. מיט אַן אָרימאַן טאָר דער מזל קיין חכמות ניט שפּיעלען... אַז מען האָט קינדער דאַרפען זיי זיין קינדער אָהן חכמות, קינדער וועלכע זאָלען נעהמען פערדיענען ווען זיי ווערען אביסעל עלטער, אַ געראָטענע קינד איז אַן אַנדערס מאָל ביי אַן אָרימאַן אַ גרויסער אונגליק. אָט האָט איהר אברהמ׳עלען. ער האָט שוין יעצט געדאַרפט מיר זיין אַ הילף, ער איז שוין גאָט צו

דאנקען אַלט צוועלף יאָהר, נו, האָט ער אַ גוטע קעפּעלע... ער איז אַ בעל חשבון און גאַרנישט... און איך קיי פון איהם די ערד... עס איז אַ רחמנות אויף איהם, עס איז אַ רחמנות אויף מיר...

אַ בעל חשבון ? — האָב איך נייגעריג געפרעגט.

— יעס, אַ בעל חשבון, אַזוי ווי איך זאָג אייך. מיין אברהמ'עלע איז געבליבען פון דער ערשטער ווייב — איך האָב יעצט די צווייטע. ווען ער איז אַלט געוואָרען פינף יאָהר האָט ער פערלאָרען די מאַמען, און פון דאַן אָן איז ער ביי מיר אַ יתום. ווען איך בין אַריבער אהער, נאָך דער גאָלדענער אמעריקא, איז ער שוין אַלט געווען אַכט יאָהר. אין דער היים איז ער געגאַנגען גוט אין לימוד, נור דאָ האָב איך גלייך דערזעהן, אַז אין חדר געבען הייסט עס „מאָנקי ביזנעס“. איך האָב איהם געוואָלט גלייך איינשפּאַנען אין יאָך און לערנען פערדיענען אַ פּעני. אָבער ערשטענס, איז ער פון דער נאַטור געווען אַזאַ שוואַך קינד, אַז ער האָט אויסגעקוקט נאָך גאָר ווי אַ בייבי. צווייטענס איז ער געווען, ווי מען זאָגט, גרין, און דריטענס, האָט מען מיר גלייך געזאָגט, דאָס איך קען כאַפּען די טהייערע צרות, ווען איך זאָל איהם ניט געבען אין סקול. איהר ווייסט דאָך שוין, אַז דאָ איז אַזאַ פינסטערער דין, אַז מען מוז געבען קינדער אין סקול !

— איך ווייס, איך ווייס — האָב איך בעשטעטיגט דעם פּעדלער'ס לעצטע ווערטער, און דער דערצעהלער איז זיך ווייטער אָנגעגאַנגען.

— קאָלומבוס איז קיין נאַר ניט. וואָס האַרט איהם אַז די קינדער וועלען קענען די שוואַרצע פּינטלעך ? זאָל די טאַטעס קרענקען די קעפּ. הכלל, איך האָב איהם אוועקגעגעבען אין אַ סקול און געלאָזט איהם געהן דריי יאָהר. דייגו פאַר אַן אָרימאַן, ווי איך בין ! אין דעם היגען לימוד, אין קאָלומבוס'עס לימוד, איז ער געגאַנגען ניט אַם בעסטען, ניט חס ושלום ווייל ער האָט אַ שלעכטען קעפּעל, אָדער ווייל ער איז אַ פוילער, חלילה ! נור דער חשבון, דער אונגליקליכער חשבון, האָט איהם אַראָב־געפיהרט פון וועג. אָט אַזאַ ביטערער אונגליק איז דאָס ! ווי ער האָט נור גענומען לערנען זיך חשבון, האָט עס איהם אַרומגעכאַפּט מיט אַ כישוף און ער האָט די אַלע איבעריגע זאַכען געהאַט אין דער ערד אַזוי, אַז אין סקול איז מען פון איהם אויך געווען ניט איבעריגענס צופריעדען.

— רעכענען, חשבון'ען, אָט דאָס איז זיין לעבען ! אָט דערביי פיהלט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. רעכענט, רעכענט שטענדיג,

רעכענט ביי טאָג, רעכענט ביי נאַכט, צוטראָגען, צופיהרט, צוטומעלט, עפּעס אזוי ווי אַן אַלטער מאַן, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געהאַט בערג מיט געשעפטען. די „סלייט“, וועלכע ער האָט געהאַט און וועלכע ער האָט נאָך יעצט, איז איהם ווענינ. וואו ער האָט נאָר געקראָגען אַ שטיקעל פּאַפּיער, פלעגט ער פערשרייבען מיט ציפערען און אזוי יעצט אויך. אין אַלע דירות וואו מיר האָבען געוואוינט, זיינען די ווענד פערשריעבען מיט גאַנצע חשבונות. און ניט די ווענט אַליין, די שטוה־לען, דער טיש, דער וואַש־טוב, אַלץ איז פערשריעבען מיט חשבונות, ווי איך זאָג אייך, איך און איהר זאָלען האָבען אַזוי פיעל מזל׳דיגע און געזונדע יאָהר, איהר הערט, וויפיעל קלעפּ ער לייזט אָב פאַר דער טבע זיינע, נאָר עס העלפט ניט, אַ וואָהרער כישוף! חוץ חשבון, טויג ער צו דער וועסער וועלט ניט. וואָס איך האָב מיט איהם שוין ניט צוטהאָן, זייט איך האָב איהם אַרויסגענומען פון סקול? ! געפּרובירט אוועקגעבען אַרבייטען אין אַ גראָסערי סטאָר פאַר אַ דאָלאַר אַ וואָך און עסען. נו, וואָס זאָל איך דען טהאָן, אז איך בין אַ גרויסער אָרימאַן, און האָב ברוך השם נאָך דריי קינדערלעך, קליינע פּיסקאַטעלעך, וואָס בעטען עסען, נור מען האָט איהם אָבגעשיקט צוריק, טויג ניט. אָרענט־ליך איז ער גראָדע ווי גאָלד, אַ כשר׳ע האַלז. אָבער ערשטענס איז ער נעבעך זעהר אַ שוואַכער, און צווייטענס איז ער צוטראָגען, צופיהרט, נעדענקט ניט פון דאַנען ביז אַהער... און אין וואָס איז ער צוטראָגען? אין חשבונות! נו, איז דאָס עפּעס ניט אַ פינסטערער אונגליק!

איך האָב איהם שוין געפּרובירט שיקען פעדלען, אַ נעכטיגער טאָג, קען אַ פעני ניט מאַכען, בלויז קראַנק געוואָרען. איך האָב איהם געפּרובירט אוועקגעבען אין אַ שאָפּ צו דער מאַשינע. צו די העמדלעך, צו מיין ווייב׳ס ברודער אונטער׳ן האַנד. גאָר נישט, אפילו צו די העמד־לעך טויג ער אויך ניט! זיצט ביי דער מאַשין פערטראַכט, קריגט אַ פּענסיל און אויך דאָרטען ביי די העמדלעך, ביי דער מאַשין, שרייבט ער ציפערען און רעכענט. איך האָב געבעטען דעם שוואָגער, ער זאָל זיך מרחם זיין, ער זאָל זיין ווי אַן אייגענער טאַטע און זאָל טאַקע שלאָגען. וועל, דער מאַן האָט קיין קלעפּ ניט געקאַרגט, איך האָב מיין חלק אויך געגעבען, און וואָס? גאָרנישט! גאָרנישט איז פון דעם אַרויס־געקומען... דער קינד איז גאָר געוואָרען ווי אַ טוידטער און איך האָב ניט געהערט מיין ווייב און געלאָזט איהם אַרויסנעהמען פון שאָפּ...

איך בין דאָך פאָרט א טאַטע א פינסטערער, ביטערער, אָרימער פעדלער... אָבער דאָך א טאַטע און אויך... א מאַמע. ער איז דאָך נאָך אַלעמען א יתום ביי מיר...

דעם פעדלער׳ס קול האָט א ציטער געגעבען און מיר האָט זיך אָבגעדאכט, אַז ער וויינט.

— אָט דאָס איז מיין צרה — האָט דער פעדלער ווייטער גענומען ריידען, עפּעס אַזוי ווי פערטראַכט — אָט דאָס איז מיין צרה, אַלט איז ער צוועלף, אָבער די גרויס איז ער ווי פון אכט, די פינסטערע חשבונות, מיינע קלעפּ, די מוהמע׳ס שרייען, עסען איהם הפּנים אויף לעבעדיגערהייד. בלאַס, מאָגער, אויסגעדאַרט, הויט און ביינער; מיין הארץ פערגעהט פון וועהטאָג ווען איך רייד וועגען איהם; בלויז א פּאָר אויגען האָט ער גרויסע, שוואַרצע, שעהנע, עפּעס אַזוי ווי ברע־נענדיגע, עפּעס אַז ער טהוט א קוק אויף מיר מיט זיינע פערטראַכטע אויגען, דערשרעק איך זיך. ווי איהר זעהט מיר לעבען, און א שטערען האָט ער א הויכען, א קלאָהרען, געראָטהען אין דער פערשטאָרבענער מאַמען, אונז צו לאַנגע יאָהר.

דער פעדלער האָט א שווערען זיפץ געגעבען און איז א ווײַלע געבליבען שטיל.

— געקענט זיין א טהייער קינד — האָט ער ווייטער גענומען רעדען — ווען ניט דער כישוף מיט די חשבונות, קעהרט פאַר גאָר ניט, קעהרט ניט פאַר׳ן עסען, קעהרט ניט פאַר קליידער, שטיל, רוהיג, ווי א שטילער וואַסער, קעהרט ניט פאַר חברים, טהוט ניט א שטיעף, וואָלט אפשר געווען א טהייערער קינד, ווען דאָס וואָלט זיך ניט אריינ־געלאָזען אין חשבונות... איך ווייס? איך פערשטעה, ער מוז אויף זיך טראָגען א גאון׳ישע קעפּעל, אָבער וואָס טויג דאָס צו מיין פינסטערען דלות? אין רייכע הענד וואָלט מען אפשר פון אַזא קינד א לייט געמאַכט, אָבער ביי מיר איז דאָס א קללה אין הויז, און גלויבט מיר, איך ווינש זיך אָפּט, אַז ער זאָל ביי מיר שטאַרבען...

— חשבון׳ט! גאָרנישט, פרעג וואָס, פרעג ווען? רעכענט... דער־קאָזעט אַזוינע ביכלעך און זיצט איבער זיי לאַנג, טאָג און נאַכט, און געהט אוים ווי א ליכט... אַן אַנדערש מאָל איז ער אויף אַזוי פיעל פערטראַכט, פערטראָגען אין זיינע חשבונות, אַז איהר מעגט איהם

ברענען מיט הייסע אייזענס וועט ער ניט הערען, עס איז א שפּאס צו דערצעהלען — אמאָל ווען איך זעה מיין אברהמ'קע איז צודרעהט, נעהט עפּעס ארום אָהן קאָפּ, און טראכט ווענען א שווערען חשבון..... נעהם איך דאָך אויף איהם שרייען, טרומייטערען, באַראַבאַנעווען. שטעלט ער אויס זיינע שעהנע אויגען, און עפּעס מיט אזא געבעט, און זאָגט צו מיר: „טאַטע, נאַ שלאָג שוין אָן, אָבער שנעל, און לאָז צורוה". נו, ווי געפעלט עס אייך?

— רעכענט, חשבון'ט, איך שריי, מוסר, שלאָג, רייס שטיקער, די מוהמע שרייט, שילט און גיט אויך אָפּט א קלאַפּ און גאַרנישט, מען קען איהם ניט איינברעכען... און עס איז גרויסע צרות... אָן אַנדערש מאָל ווערט ער מיט אמאָל אזוי גליקליך, אזוי געהויבען, די אויגען נעהמען ברענען, דער פּנים שיינען פרעהליך... לעבעדיג... וואָס איז? ער האָט עפּעס בערעכענט א חשבון. ווער איך דאָך אין כעס, ווערט ער בלייך ווי א טוידטער און הויבט זיך אָן בעטען:

„טאַטע שלאָג, הרג'ע, אָבער ניט טהו דאָס... וועסט פערברענען די ביכער, וועל איך זיך אויך אונטערצינדען..." — איך האָב זיך פאַר איהם דערשראָקען.

דער פעדלער האָט זיך אַרומגעקוקט.

— נו, וואָס טהו איך, וואָס טהו איך? — האָט ער מיר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגען אַריין און זיין געזיכט איז געוועזען עפּעס אזוי ווי פערצווייפעלט — וואָס טהו איך? וואָס הויב איך אָן צו טהאָן? ווי ברעך איך איהם איבער? און איבערברעכען מוז מען...

דער פעדלער האָט דאָרט עפּעס נאָך געזאָגט, נאָר איך האָב ניט גוט איינגעהערט: אברהמ'קעס פיגור... דער יונגער בעל חשבון מיט די ברענענדע אויגען, מיט דעם בלאַסען מאַרטירערשען פּנים'על, האָט זיך לעבעדיג אוועקגעשטעלט פאַר מיינע אויגען און איך האָב זיך פערטראַכט.

— ווי זאָגט איהר? — האָב איך זיך א כאַפּ געגעבען.

— מען מוז איינברעכען! — האָט דער פעדלער א מורמעל געגעבען, עפּעס אזוי ווי פאַר זיך.

— איינברעכען? — האָב איך א פרעג געגעבען און געוואָלט עפּעס נעהמען ריידען ווייטער.

— א גוטע נאַכט — האָט דער פעדלער פּלוצלינג א זאָג געגעבען

און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דעם אַריינגאַנג פון אַ גרויסען טענעמענט הויז, מיט אַ סך, אַ סך פייער־עסקייפּס...

„מען מוז איינברעכען, מען מוז איינברעכען!“ — האָב איך דערהערט אַ געהיימע שטימע וויעדערהאָלענדיג די לעצטע ווערטער פון דעם פּעדלער, און מיין הארץ האָט צוזאַמענגעדריקט אַ וועהטאָג...

ווער?

עס איז מאי; עס איז אַ שעהנער פריהמאָרגען. קיין אַרבייט האָב איך ניט, נו, זיץ איך מיר לעבען פענסטער און קוק אין שמאָלען יאַרד אַריין.

הויב איך עטוואָס אויף דעם קאָפּ, זעה איך אַ שטיקעל שעהנעם, בלויען הימעל.... די האַרץ איז פול מיט צרות און מיט וואונדען און דיעזער שטיקעל בלויער, ריינער הימעל גלעט אַזוי מחיה'דיג די וואונדען, אָבער גלעטענדיג רייצט ער אַזוי און מאַכט די שמערצען פיהלען מעהר.

דער ברעקעל בלויער הימעל דערצעהלט מיר אויף שטום-לשון אַ שעהנע, זיסע, אָבער פאַר מיר אַן אונענדליך טרויעריגע געשיכטע... ער דערצעהלט מיר, אַז ערגעץ וואו ווייטער, ווייטער הינטער אונזער יאַרד, הינטער אונזער טענעמענט הויז, ווייט, ווייט פון אונזער שטיקענדער, טומעלדיגער סטריט, זעהט ער זיך ניט אַזאַ ברעקעלע... נור ברייט, טיעף און ווייט ווי דער ים, און ביי די ווייטע ברעגען לאָזט ער זיך אַרונטער און כאַפּט אַראָב די יום-טוב'דיגע און אין גרינס-פערפּוצטע ערד אין זיינע אָרעמס... און דאָרטען איז יעצט אַזוי גוט... אַזוי פריי זיס...

אַך, ווי אומעטיג מיר ווערט!

איך מיעד זיך איין צו קוקען אין דער הויף, לאָז איך אַראָב דעם קאָפּ... פּייער-עסקייפּס... „פּאָלס", ליינס... וועש און וועש...

אָט פאַלען מיינע אויגען אויף אַ פּייער-עסקייפּ. עס לופטערט זיך אויף איהם אַן אַלטער האַלב-פער'עפּוש'טער מאַטראַץ און אַן אַלטע צוריסענע קאָלדרע, אַ קופּע פערבלאָטיגטע ביכער, בראַשעס, קלאָוז-פּינס און שמוציגע שמאַטעס. און צווישען דיעזען שמוץ זעהט זיך אַרויס אַ וואַזאָן מיט פרישע ערד, פון וועלכע עס שפּראָצט אַרויס אַ יונגער, גרינער בלום...

איך קוק אויף דעם און עס דאַכט זיך מיר, אַז דעם יונגען בלום חלום'ט זיך יענע שעהנע פרייע „ראַזידאַליע", וועגען וועלכער עס דערצעהלט מיר אַ שטיק העל-בלויער הימעל. און עס דאַכט זיך, אַז דער

בלום האָט אַ הארץ, אַ קינדערשע, אונשולדיגע הארץ און דיזע הארץ בענקט און ווערט צוגאנגען... ביינקט נאָך לעבען, לופט, ליכט און פרייהייט.... און געהט אוים, געהט אוים אזוי ווי מיין אייגענע קראנקע הארץ. און עס דוכט זיך מיר, דער בלום וויינט מיט שטילע טרעהרען...

„איז דאָס דאָ מיין פּלאַץ?" שיינט מיר, פרעגט ער מיר דאָ מיט פאָרוואורף, „איך וועל דאָך פערפוילט ווערען איידער איך וועל פערבליהען..."

און עס טהוט מיר וועה, און עס טהוט מיר וועה!...

אָט האָט אַ שכנה אויפגעהויבען די „ווינדאָר־בליינד" און אויפ־געעפענט אַ פענסטער... און איך דערזעה הענגענדיג אַ מעשענעם, פער־שימעלטען שטייגעל און אין שטייגעל דרעמעלט אַ קאנאריק, אויפ'ן פענסטער דערביי זיצט אַ קאַץ און ווארפט אזעלכע בלוטדורשטיגע בליקען אויף דער שוואכער, אָרימער פויגעלע.

אָט האָט זיך די פויגעלע אויפגעכאַפּט און אַ קוק געגעבען אין דער הויך... אפשר האָט זי דערזעהן דעם זעלבען שטיקעל בלויען הימעל, וואָס קוקט אריין צו אונז אין יארד און רייצט זיך מיט אונז פערשטיקטע, פון לעבען און גליק בערויבטע.

אָט האָט די פויגעלע איינגעטונקט דעם קעפּעל אין אַ שמוציגער, קליינער קאַפּע מיט וואסער, וועלכע געפינט זיך אין איהר פּריזאָן... זי האָט אַ ציטער געטהאָן, אַ מאַך געטהאָן מיט די פליגעלעך און גענומען טשיריקען.

און עס דאכט זיך מיר, די פויגעלע וויינט און בעט זיך אהין... אהין וואו עס וואקסען גרינע געדיכטע בוימער... גראָז... ראָזען... בלומען. וואו עס זעהט זיך פריי דער שעהנער הימעל... וואו די לופט איז זיס און פריש... וואו עס זינגען... טאנצען... שפּיעלען פיעלע, פיעלע פרייע פויגלען... און זי וויינט און זי רעדט, און רעדט און וויינט און פערגיסט זיך אזוי ביינקענד, אזוי טרויעריג...

אומזיסט, מיין אָרימע פויגעלע, בעטסטו זיך אהין... וואו עס דארף זיין דיין היים... אויף יענעם פרייען פּלאַץ, פאר וועלכען גאָט האָט דיך בעשאפען און אראָבגעשיקט פון די הימלען...

אומזיסט, וויין ניט, עס וועט ניט העלפען! דו ביזט אַ געקויפטע און דו מוזט דאָ אויסגעהן אין פערשימעלטען שטייגעל, אָהן לופט און אָהן ליכט... אפשר וועט מען דיך בעשיצען פון דער בייזער קאַץ...

וואָס דורשט דיך אזוי צו פערשטיקען... אָבער בלויז דאפיר, אז דו זאָלסט דאָ אין שטייגעל אוועקשטארבען מיט א לאנגזאמען טוידט...

„נעהם דאָס קינד אויף די הענד“, זאָגט צו מיר מיין פרוי, און איך נעהם צו זיך מיין זיסע בייבילע.

דבורה׳ניו, מיין טהייערע, א שוואכע, קראנקע קינד נעבעך... דאר, בלאַס, הויט און ביינדלעך... געהט אוים ווי א ברענענדע ליכטעל... אוי, ווי מיין הארץ טהוט מיר וועה.

די מאַמע זאָגט „עס מאכט צייהנדלעך“.

מיר דאכט זיך אָבער, מיין קינד, אז דיר פעהלט דאָס זעלבע וואָס עס פעהלט דער וויינענדער פויגעלע און דעם יונגען בלום, וועלכער האָט ארויסגעשפּראָצט אָט דאָ לעבען דעם פערפוילטען מאטראַץ.

דאָרטען אויף יענעם פרייען פּלאַץ... וואָלסטו ווערען דיק און געזונד. דיינע בעקעלעך וואָלטען ווערען פול און רויט... וואָלסט בליהען און פרעהליך לאכען מיט א זילבערנעם געלעכטער.

אוי, מיין קינד, מיין קינד, איך קען אָבער דיר ניט העלפען... דיין טאַטע „ליגט אין דר׳ערד“.... מוזט פוילען אָט דאָ לעבען מיר אין דיעזען לעבעדיגען קבר, ווייט פון לופט און פון ליכט....

דער בלום וועט דאָ פערדארט ווערען.

די פויגעלע וועט דאָ אויסגעהן.

און מיין קינד?

אוי, איך האָב מורא צו טראַכטען.

אָבער ווער?

ווער האָט דאָ פערזעעט דעם בלום?

ווער האָט דאָ פערשפּאַרט די פויגעלע?

ווער רויבט אוועק פון מיין קינד די לופט און די ליכט, דיעזע צוויי פרייע מתנות פון דער נאַטור? ווער?

אי, א פּיקניק!

פּרופט אויף א שפּאס איינלאדען שמואל דעם קאפּען־מאכער אויף א פּיקניק, וועט ער פון אייך אבשפּרינגען גלייך ווי איהר וואלט איהם געשיקט צו דער תליה... געקומען איז דאס איהם, ניט פאר אייך געדאכט, פון זיין ווייבעל: זיין שרה האט איהם לעננער נעגעבען אזא „פּיקניק", אז ער וועט דאס ניט פערגעסען זיין גאנצען לעבען.

דאס איז געוועזען א שבת אין די לעצטע טעג פון אויגוסט. שמואל איז געקומען אהיים פון דער ארבייט און האט געזאגט צו זיין ווייב:

— שרה לעבען.

— וואס מיין מאן? — האט שרה געפרעגט.

— איך וואלט זיך וועלען עפּעס פערשאפען א פערגעניגען — האט שמואל געענטפערט עפּעס ווי האלב דערשראקען.

— וואס איז? דו ווילסט מארגען אין א וואנע געהן? — האט שרה ווידער געפרעגט.

— עט! וואס איז די וואנעס!

— נו, וואס דען? אביסעל אייז־וואסער צו סאפּער ווילסטו דערקאזען?

— אויך ניט.

— —א סיפאן נעהמען?

שמואל האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ: ניין.

— וואס דען־זשע? — האט שרה געפרעגט האלב פערוואונדערט — א פיינטעל ביער אפשר ברענגען?

— וואס איז די ביער?

— אויפ'ן רוף שלאפען?

— ניט דאס.

— נו, וואס דען, א טעלערעל פון הימעל, פויגעל־מילך? — האט שוין שרה בייז געזאגט — וואס האט שוין די קאפּ אויסגעטראכט? זאג!

און שמואל זאגט:

— שרה, דו ווייסט דאך, אז מיר בעלאנגען צו א לאדזש.

— פאר וואס זאל איך ניט וויסען? — קוקט איהם שרה אן האלב פערוואונדערט און האלב דערשראָקען — איך ווייס שוין גוט, א דו האסט פאר־אכטאגען אבגעריסען זיך אן אבר און אוועקגעשלעפט אהין א טאלער. נו, וואס, מען דארף שוין ווידער געלד געבען?

— נאך עפעס?

—טא וואס דען־זשע?

— איך... וואלט וועלען, שרה — זאגט שמואל — אז מיר זאלען פאהרען אויפ'ן פיקניק.

— מעהר ווי פיקניקס, שמואל'קע, — שרייט שרה — פעהלט דיר שוין ניט?

— מיר ארבייטען, פראצעווען — רעדט שמואל — א גאנצען יאהר. מעהר ווי געשמאלצענע צרות זעהט מען אין די אויגען ניט.... וויסען מיר דען פון א לעבען, וואס פאר א פערגעניגען האבען מיר?

— נו, וואס זאל מען טהאן? — זאגט שוין שרה שטילער אביסעל.

— דער זומער וועט באלד אריבער און מיר האבען אפילו א גרין גרעזעל אין די אויגען ניט געזעהן; מיר זיצען דא טאג אזוי ווי נאכט און שוויצען אין דעם חושך.

— אך, אך, אך — זיפצעט שרה... און שמואל רעדט מיט א העכערען קול:

— לאמיר פאהרען, שרה, לאמיר עפעס א הנאה האבען פון לעבען; זאלען אונזערע קינדער פערזוכען אביסעל פרישע לופט; לאמיר כאטש איין מינוט אויסלופטערען די אויגען.

— וואס דארף דאס קאסטען? — פרעגט פלוצלינג שרה. און שמואל גיט באלד א ריכטיגען רעכענונג:

— א פאמיליע טיקעט קאסט בלויז 30 סענט; פאר יאסעלען, פאר ריוועלען, פאר חנה'צקען, פאר בערעלען, פאר רייזעלען, און פאר דאלעצקען דארף מען דאך קיין קאר־געלד ניט צאהלען. וואס דען, פאר מיר און פאר דיר צעהן סענט אהין און צעהן סענט צוריק — האבען מיר פופציג סענט. וויטער רעכען איך, אז ביי 30 סענט דארף קאסטען אויף צו נעהמען מיט זיך צו קוויקען זיך: א פיין־עפעל, א צוגעלעגענע קען מען קריגען פאר פינף סענט, עטליכע באנאנעס, א שטיקעל וואטער־מעלאן, א באטעלע מילך פאר די קינדער, א פאר זעמעלעך... אן ערך פון אכציג סענט דארף אונז קאסטען דער פערגעניגען.

— אכציג סענט! — האָט שרה אַ פּאַטש געגעבען מיט די הענד — אכציג סענט! פאר אכציג סענט קען מען דאך צוויי טעג לעבען, אויף אכציג סענט דארפסטו כמעט אַ טאָג האָרעווען, אכציג סענט! פאר אכציג סענט קען מען קויפען אַ צוגעניצטען אייזבאקס, פאר אכציג סענט קענסטו זיך קויפען אַ פּאָר נייע הויזען, אכציג סענט!...

— געגוג דיר שוין משוגעת — האט איהר שמואל איבערגעשלאָגען — מיט אכציג סענט וועלען מיר דעם דלות ניט פערשטאָפּען, ווי מיט זיי אזוי אָהן זיי. אָבער מען מוז כאָטש איין טאָג אין יאָהר לעבען ווי אַ מענש. שרה, לאָמיר פאָהרען; מיר וועלען זיך דאָרטען זעהן מיט מענשען, מיר וועלען זעהן אַ וועלט, מיר וועלען זעהן ווי לייט פערברענגען... וועסט זיך אביסעל דורכפאָהרען, וועסט זעהן אַ וועלט; נו, זאָג, שרה, האָבען דיינע אויגען וועז עס איז געזעהן אַ רעכטע זאך דאָ אין אַמעריקא? צו ווייסטו פון אַ ברוקלין ברידזש, פון אַ סענטראל פּארק, פון אַ באראָן הירש׳ם באָד?...

— פון וואנען זאָל איך וויסען? — שלאָגט איהם איבער שרה — איך האָב דען צייט ארומצוגעהן?! מעהר אז פון דאנען אין חזיר מארק ווייס איך טאקע די וועג ניט.

—און וואָס מיינסטו — רופט זיך אָב שמואל — איך וואָלט אויך געווען אזא גרינהאָרן ווי דו, ווען איך וואָלט ניט געדארפט טרייען וועגען ארבייט. איצט ב״ה ווייס איך שוין, אז אַמעריקא איז אַ גרויסע מדינה. די סלעק טיים, ניט היינט געדאכט, האָט מיר בעוויזען וואו עס געפינט זיך אַן אכטע סטריט, אַ הונדערט און דרייסיגסטע סטריט מיט אַ בלעך־פעקטאָרי, אַ פּיער און אכציגסטע סטריט מיט אַ מעטעש פעקטאָרי. איך ווייס שוין יעדע געסעלע ארום די „וואָלדם בילדינג“. איך ווייס, וואו די קייבל קאר סטאָפּט... אָבער דו, מיין ווייב, ווייסט דאך פון גאָרנישט — ביזט דאך ווי אָט ערשט פון שיף אראָב... לאָמיר פאָהרען, שרה — דיך וועט עס אסור פערדריסען.

— איך ווייס — זאָגט שרה, שוין מיט אַ שמייכעל — זאָל מען פאָהרען...

און אזוי האָט שמואל מיט זיין ווייבעל בעשלאָסען מאָרגען צו פאָהרען צום פיקניק פון לאָדזש.

אויף מאָרגען פריה איז מען ביי שמואל׳ן אויפגעשטאַנען פיעל פריהער ווי אין יעדען געוועהנליכען זונטאָג. שוין גאַנץ פריה איז דאר־

טען געווען א מהומה: שרה מיט'ן מאן האבען אהן רחמנות געריינינט זייערע קינדער. שרה האט געמאכט א וואנע דער דאלעצקען, און די דאלע האט געשריען אויף וואס די וועלט שטעהט. שמואל האט גענומען יאסעלען אויסוואשען די פיסלעך, אבער מחמת יאסעלע פלעגט אימער ארומלויפען א בארפוסער איז געווען אונמעגליך צו דערגעהן א גרונד, און שמואל האט גענומען יאסעלע'ס פיסלעך און אריינגעשטעלט אין א בעקען מיט וואסער ווייקען זיך... און יאסעל האט געשריען... ערשט א זייגער צוועלף זיינען שוין געווען די קינדערלעך פיקס און פערטיג צום פאהרען, און שרה האט זיך גענומען פאר איהר מאן: פעררייכט די הויזען, אויסגעריבען די פלעקען פון דעם רעקעל מיט קעראסין, איינגענעהט קנעפלעך אין וועסט. נאכהער האט זי זיך אליין צוגעקליבען: אנגעטהאן די היימישע אטלעסענע חופה־קלייד... א זייגער צוויי האט זיך שמואל'ס געזינדעל בשלום אין וועג געריהרט. מען האט זיך געזעצט אין קאר.

— גאר נישט פערגעסען? — האט שרה געפרעגט.

שמואל האט באלד איבערגעצעהלט זיין ביסעל בלוט און האט באלד געזאגט:

— גאר נישט, שרה!

די דאלעטשקע איז אנשלאפען געווארען. די קינדערלעך זיינען געזעסען גאנץ רוהיג. שרה האט אויך געכאפט א לייכטען דרעמעל — אזא דרעמעל, ווי מען כאפט בעת מען הערט א רעדנער, און עס ווילט זיך שלאפען. זי איז געווען זעהר מיעד פון צוגרייטען זיך צום וועג. אלץ איז געגאנגען רוהיג און שטיל ביז מען איז אריינגעפאהרען „טיעף אפ־טאון". דא האט זיך שרה פלוצלינג אויפגעכאפט.

— מיר איז עפעס אזוי ניט גוט... די קאפ שווינדעלט — האט זי געזאגט צו שמואל'ן.

— איך פיהל זיך אויך ניט אין גאנצען — האט שמואל אונרוהיג געענטפערט. — הפנים ווי די פרישע לופט האט אונז פערשאדט.

— הפנים — האט שרה געזאגט — איך האב מורא פאר די קינדער.

אזוי ווי דאס הארץ האט איהר געזאגט: די דאלעטשקע האט זיך אויפגעכאפט און האט אנגעהויבען צו שרייען און צו ברעכען. יאסעלע האט זיך אויף איהר קוקענדיג אויך צוואויינט. דער טאטע האט זיך

אויף איהם צובייזערט, — האָבען די איבעריגע קינדער גענומען וויינען. דער קאָנדוקטאָר האָט אויף שמואל'ן אויסגעשטעלט אַ פּאָר טאַטערשע אויגען; ביי דעם אָרימען שמואל'ן איז אַרויסגעפאַלען פון די הענד די האַנד־בייטעל מיט די עסענוואַרג. שמואל האָט געוואוסט, אַז דאָרטען האָט געמוזט טרעפען אַ גרויסער חורבן און האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען. שרה האָט גענומען איינגעהמען די' קינדער. שמואל'ן האָט זי גאָר ניט געזאָגט, אָבער איהר פּנים האָט געפלאַקערט פון כעס, און שמואל האָט שוין גוט געוואוסט, אַז קוים געהט זי אַראָב פון קאַר, וועט ער שוין לייזען אַ חלק; און אַזוי איז טאַקע געווען: ווי שמואל מיט זיין געזינדעל זיינען אַראָב פון קאַר, האָט שרה גלייך אויסגעשאָסען:

— פּיקניקעס האָט זיך פערוועלט דעם שרדה! אַ פּיקניק איהם אין הארצען!... ביזט אַן ארבייטער, דאַרפסטו ליגען אויף אַן אָרט!...

שמואל'ען האָט שוין טאַקע אין גאַנצען פערדראָסען אויף דער גאַנצער מעשה און ער האָט געשוויגען... נור די הארץ האָט איהם געקלעהמט...

אויף איין האַנד האָט ער גענומען יאָסעלען, אויף דער צווייטער ריוועלען. און דערביי האָט ער געטראָגען די האַנד־בייטעל מיט'ן חורבן.

— שטיל, מיינע קינדערלעך, שטיל, מיינע בעבעלעך, שטיל! די מאַמע וועט באַלד געבען צוקער מיט ברויט, שטיל — האָט שמואל ניט אויפגעהערט צו לאַסצען די קינדער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געוויינט...

שרה האָט געטראָגען אויף די הענד די דאַלעטשקע און איהר געוויעגט, און פון איהרעביידע זייטען זיינען געגאַנגען בערעלע און חנה'לע.

— די יאָהרען האָט ער מיר אָבגעריסען — האָט שרה געזאָגט — אָבגעריסענע יאָהרען זאָל איהם זיין...

און שמואל'ס געזינדעל איז גלייך אין פּארק אריין.

— לאָמיר אויסזוכען אַ בוים און זעצען זיך — האָט שמואל געזאָגט צו זיין ווייב — קום, שרה.

— איך האָב ניט קיין כח צו שלעפּען זיך, גזלן — האָט שרה געענטפערט, און האָט זיך ווי אַ שטיין אַוועקגעזעצט ביים רעכטען

אריינגאַנג. שמואל האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נור אַ בליק געבענדיג אויף שרה'ס פּנים, האָט ער דערזעהן, אַז זי איז פערמאַטערט... אַליין איז ער אויך געווען מיעד, און ער האָט זיך שווייגענדיג געזעצט לעבען זיין ווייב. שרה האָט געגעבען זויגען רויזעלען. די קינדערלעך האָבען זיך גענומען קייקלען אין גראָז, שפּיעלען און לאַכען, און שמואל האָט גענומען אָטהעמען אַביסעל גרינגער.

איבער'ן פּאַרק האָבען אַרומגעשפּאַציערט יום־טוב'דיג צוגעפּוצטע מיידלעך און ערטער־ווייז אונטער בוימער איז מען געזעסען גאַנצע קאָמפּאַניעז־ווייז. אַרום אַ שעהנע מיידעל פלעגען זיך אַ סך בחורים צוזאַמענקלייבען און אַרום אַ שעהנעם בחור פלעגען אַרומטאַנצען יונגע מיידלעך.

ווייט ערגעץ פון אונטער אַ בוים האָט זיך איבער'ן פּאַרק געטראָגען אַ טרויעריגער געזאַנג פון אַן אַרבייטער ברוסט. ניט ווייט האָט איינער געשפּיעלט אויף אַ פּיעדעל. שרה האָט דאָס אַלץ בעקוקט און בעטראַכט. איהר כעס איז אָבגעגאַנגען... די האַרץ האָט אפילו איהר עפּעס אָנגעפאַנגען וועה צו טהאָן... אָבער דאָס איז געווען אַ וועהטאָג ניט פון כעס. זי האָט עפּעס אָנגעהויבען פונאַנדערצוקלייבען איהר לעבען... און איהר איז געוואָרען ביטער... איהר האָט אָנגעפאַנגען צו קלעהמען קוקענדיג אויף שמואל'ן — זי האָט איהם אָוועקגעלעגט די הענד אויף די קניע.

שמואל איז אויך געבליבען זיצען פערטראַכט... ער האָט עפּעס געטראַכט וועגען די בוימער, וועגען די גראָז, וועגען דער פּיעדעלע וואָס האָט געשפּיעלט... איהם איז עפּעס אויך געוואָרען שווער אויפ'ן האַרצען...

— אָה, באָבעלע מיינע! — האָט ער אַ זיפץ געטהאָן... ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען צו שרה'ן... נור דאָ האָט אָנגעפאַנגען צו טריפען אַ רעגען. שמואל האָט ניט קיין צייט געהאַט פון אָרט זיך אויפצוהויבען, ווי עס האָט אַ גאָס געגעבען אַ שלאַגס־רעגען... עס איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע אין פּאַרק... שמואל איז געבליבען שטעהן ווי אַ צוטומעלטער....

— שלים־מזל, נעהם די קינדער! — האָט שרה אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן. שמואל האָט געכאַפּט אַ פּאָר קינדערלעך, שרה אַ פּאָר, און מען איז אַנטלאָפען אין אַ הויז. די דאַלעטשקע האָט זיך ווידער צושריען...

— מאמע, עסען! — האָט אַנגעפאַנגען צו שרייען בערעלע...
— עסען, עסען — האָט געוויינט יאָסעל — איך וויל עסען.
שמואל האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן האַנד־בייטעל, אָבער דאָ האָט ער דערזעהן דעם חורבן... די פלאַש האָט זיך צובראָכען און די מילך האָט זיך אויסגעגאָסען אין בייטעל, די באַנאַנאָס מיט די זעמיל זיינען צוקראָכען אין די מילך... די פיין־עפּעל האָט געקראָגען אַ פּנים פון אַן אָפּגעגעסענעם געשוויר... שרה האָט עס בעמערקט... פון כעס האָט זי אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט איהר מאַן. שרייען, שילטען האָט זי זיך געשעהמט פאַר לייטען. זי איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און האָט איהם אויפ'ן אויער אַ סוד געזאָגט:
— אַזאַ חורבן זאָל דיר זיין אין די קישקעס, מיין מאַן!
די קינדער האָבען ניט אויפגעהערט בעטען עסען.
— איך וועל געהן צום בופעט קויפען אַ גלאָז מילך מיט אַ פּאָר זעמעל — האָט שמואל געזאָגט צו זיין ווייב.
— געלד האָסטו דען? — האָט שרה געפרעגט — דאַכט זיך אויסגעבייטעלט זיך אין גאַנצען איבער דיין פּיקניק.
— פאַראַן ביי מיר אַקוראַט פינף סענט איבעריגע.
— נו, טאָ געה שנעל — האָט שרה געזאָגט. — זעהסט דאָך אַז די קינדערלעך שטעהען נעבעך פערשמאַכטע.
שמואל איז צוגעגאַנגען צום בופעט און האָט אַ פרעג געטהאָן וויפיעל עס קאָסט אַ גלאָז מילך מיט אַ פּאָר זעמעל.
— צוואַנציג סענט, מיסטער — האָט דער בופעטשיק געענטפערט.
שמואל איז אָבגעשפּרונגען ווי אַן אָבגעבריהטער. ער איז צוגעגאַנגען צו שרה'ן מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ.
— נו, וואָס, שלים־מזל, וואו איז די מילך? — האָט שרה געפרעגט.
— ער בעט צוואַנציג סענט...
— צוואַנציג סענט פאַר אַ גלאָז מילך מיט אַ זעמעל... וואָס ביזטו עפּעס מאַנטעפיאָר? — האָט שוין שרה ניט איינגעהאַלטען זיך — מען וועט דאָך אונז בדיל הדל שטעלען! פאָהר נאָך אַמאָל אויף אַ פּיקניק, וועלען מיר מוזען די איבעריגע בעבעכעס פערקויפען.
די קינדער האָבען ניט אויפגעהערט בעטען עסען....

— אָבער וואָס זאָל מען טהאָן ? — האָט געפרעגט דער פערלאָ־רענער שמואל.

— וו'הייסט וואָס ? — האָט שוין געשריען שרה — אהיים ! די מינוט אהיים.

שמואל האָט גליך גענומען די וויינענדיגע קינדער אויף די הענד... און מען איז ארויס פון פארק... פאָהרענדיג צוריק האָט שרה דעם מאַן ניט געשאָלטען ; זי האָט איהם אָבער געזאָגט, אז קומענדיג אהיים וועט זי זיך מיט איהם אָברעכענען.

— איך וועל דיר בעצאָהלען — האָט זי געזאָגט — פאַר דער אטלעסענער קלייד, פאר דעם האנד־בייטעל, פאר דעם פיין־עפּעל, פאר די באנאנעס, פאר די מילך, פאר דעם גאנצען פיקניק, פאר דעם גאנצען ביטערען לעבען...

— שריי, שריי, מיין ווייב ! — האָט שמואל געענטפערט. — דו ביזט גערעכט ! שדים וויסען וואָס מיר האָט זיך פערוואָלט... א פיקניק !... פרעג, וואָס, ווען ?... איך בין א פינסטערער, א ביטערער ארבייטער... דארף איך מעהר אז וועגען דעם שאפ ניט טראכטען...

קומענדיג אהיים האָט שרה מקיים געווען איהרע ווערטער. שמואל'ען האָט זיך געוואָלט עסען אקוראט ווי אין סלעק צייט, נור איהם איז שוין ניט געווען צום עסען. ער האָט זיך אוועקגעלעגט אין בעט א הונגעריגער און א גאנצע נאכט האָט ער פון שלאָף גערעדט :

„א פיקניק, אי א פיקניק !...“

מופעניש

אין הויז איז א הקדש צו שרייען „שמע ישראל". בארעלם מיסט, בלאָטע, שטריק... א בארג מיט שטריק! איך חייב ניט אָן צו וויסען פון וואנען עס קומט אזוי פיעל שטריק... אלטע פייפער, טיכער, טראַנטעס, שמאַטעס, שטויב, פיעל... די ווייב א פערטרונקענע אין טראַנטעס און אין בלאָטע — געהט ארום, שרייט קאָמאַנדעוועט און איז בייז ווי א טייפעל; די בייבי האָט א „גוד טאַים", עס איז ניטאָ קיין צייט אויף איהר אכטונג צו געבען און זי זיצט זיך נעבען שפּיי־באַקס, טונקט די הענטלעך און וואשט מיט גרויס נחת דעם פּנים'ל... עס איז ליהודים... באלד קומט שוין דער עקספּרעס און מען נעהמט אריבערשלעפּען מיינע פּאַטרעכעס...

איך מוף שוין ווייטער.

רבונו של עולם, גאָטעניו טהייערער, אפשר איז א סברא, אז דו זאָלסט מיר לאָזען וויסען וויפיעל מאָל וועל איך נאָך ארוממופען פון איין דירה אין דער צווייטען ביז מען וועט מיך אוועקמופען אהין, אין יענער בעסטער, רוהיגסטער דירה, וואו מען דארף אפילו אין ניו יאָרק קיין רענט ניט צאָהלען?...

צעהן יאָהר אז איך בין שוין אין דער גליקליכער אמעריקא — וויפיעל מאָל האָב איך שוין געמופט? הא? וויפיעל מאָל, לאָמיך אקאָרשט בערעכענען.

געקומען בין איך אין ניו יאָרק אין אָנהויב זומער, באלד נאָך פּסח. פּערפאָהרען בין איך צו מיינער א פריינדין, וועלכע איז געווען זעהר צופריעדען מיט מיין קומען... דאָס איז געווען אין דער איין־און־זעכציגסטער סטריט צווישען קאָלומבוס און אמסטערדאם עוועניוס. אין דריי טעג ארום האָב איך אויפגעזוכט ארבייט און איך האָב דאַן געמופט דאַון־טאַון אין ראַטגערס סטריט... א חודש האָב איך דאָרט אָבגעוואוינט, געקויפט זיך אין העסטער סטריט אַן אָוועדקאָוט מיט א צובראָכענע פאָלע פאַר פינף דאָלאר און איך האָב ווייטער געמופט נאָך דער איין־און־זעכציגסטער סטריט צו מיין פריינדין מיט דעם צוועק צו העלפען איהר טענדען איהר צייטונגס־סטענד... אין עטליכע וואָכען

האבען מיר געמופט נאך קאלומבוס עוועניו; אין א חודש ארום אין אמסטערדאם עוועניו; פון דארטען נאך דער זעבציגסטער סטריט; פון דער זעבציגסטער סטריט אין אמסטערדאם עוועניו... דארטען האב איך זיך ארויפגעארבייט אויף טראבעל מיט מיין פריינדין און איך בין האלבע נאכט אנטלאפען דאון־טאון.

איך האב זיך גענומען א וואנע און אריינגעמופט צו א בעקאנטען לאנדסמאן, א פעדלער מיט אלטע קליידער.

דא האב איך אבגעוואוינט אזוי גוט ווי פיער—פינף חדשים. פאר דער לאנגער צייט האב איך אליין ניט געמופט — בלויז מיין געלעגער האט מחמת פערשיעדענע אורזאכען געמופט פון פראנט־רום אין קיטשען, פון קיטשען אויפ'ן פייער־עסקייפ, פון פייער־עסקייפ אין האלל נעבען טהיר, און פון האלל נעבען טהיר אין דער הויף אויפ'ן רוף. דאט'ס אלל!

אין דער זעלבער לאזשי האב איך זיך געקויפט א נייעם, סעקאנד־הענדיגען סוט און איך האב זיך ארויפגעארבייט אויף א געליעבטער — א גרינע לאנדסמיידעל, וועלכע איז טאקע יעצט מיין ווייב, ניט פאר קיינעם גערעכט.

ערקלערט אין ליעבע האב איך זיך צו דער גרינער מיידעל ביי מיר אויפ'ן לאזשי, אויפ'ן רוף, אהינטערן קוימען, נעבען א ליין מיט פייכטע וועש. דעם גליקליכען ענטפער האב איך בעקומען ביי איהר אויפ'ן לאזשי, האלבע נאכט ביי דעם מעלאנכאלישען שיין פון א פעררויכערטען לאמפ... קאקערוטשעס, פליעגען און וואנצען, במחילה, זיינען געווען די הייליגע עדות... די וואנצען זיינען ארומגעלאפען זעהר עקסייטעד, אפשר געריהרט פון דער ראמאנטישער סצענע, און אפשר דערפאר ווייל איך האב זיי ניט געגעבען אזוי שפעט זייער געזעצליכען קרבן — מיין געליעבטע...

אין דער נעקסטער לאזשי האב איך שוין געמופט צוזאמען מיט מיין ווייב. איך האב דאן פערמאגט א הילצערנעם קעסטעל מיט א שווארצען קארניז; זי — א שטרויענעם קאסטען מיט איין הענטעל. און מיר האבען גענומען צוזאמען א לאנגע, שמאלע רום מיט גרינע ווענד, פאר וועלכע מיר האבען בעצאהלט זעקס דאלאר א חודש. דאס איז געווען אין מאנרא סטריט, איך געדענק ניט דעם נומער. אלעס וואס איך געדענק איז, אז די הויז האט זיך געפונען צווישען צוויי

סטייבעלם און עס איז עפּעס אויסגעקומען אזוי, אז כמעט ווי שטענדיג פלעגט דערביי נעבען סיידוואַק ליעגען א גע'פּגר'טער פערד.

אין צוויי חדשים ארום האָט זיך מיין ווייב צוקריעגט מיט דער לאַזשי־מיסעס און מיר האָבען געמופט אין טשעררי סטריט, אין די קאַזאַרמעס, צו א לאַנדסמאַן — א העמדעל־נעהער — אין א סעפּערעט רום מיט געלע ווענד און א בעזונדערע טהיר.

אין דער דירה האָט אונז געגומען שפּיעלען דער מזל — איך האָב גענומען פערדיענען, די ווייב האָט פערדיענט און מיר האָבען גענומען שפּאָרען געלד אום צו קומען צו א תכלית.

און מיר זיינען געקומען. און ביי דעם תכלית האַלטען מיר זיך עד היום.

אין א האַלב יאָהר ארום האָבען מיר געקויפט א צייטונגס־סטענדעל אין דער הונדערט־און־ניינטער סטריט — דאָס איז געווען דער תכלית, צו וועלכען מיר האָבען געשטרעבט... און עררייכט.

מיר האָבען געקויפט דריי פראָנט־רום טשערס, צוויי קיטשען־טשערס, א טישעל פאַר'ן קיטשען, א טישעל מיט א פליגעל פאַר'ן פראָנט־רום, א ביוראָ, א ראָקינג טשער, עטליבע טעפּלעך, גלעזער, מעסער, טעלער, א וואַש־ברעטעל, א גרויסען פייל אויף מיסט האַלטען און א ברום... אויף שמאַטעס האָבען מיר זיך שוין דערלעבט אין די סעפּערעט רומס — און מיר האָבען געמופט אין דער הונדערט־און־ניינטער סטריט, נעבען אונזער ביזנעס, וועהרענדיג פאַר זיך בעלי בתים.

צווישען דער לעצטער מזל'דיגער דירה און די רומס אין דער הונדערט־און־ניינטער סטריט איז געווען נאָך א דירה'לע, בלויז צוויי וואָכען האָבען מיר דאָרטען געוואוינט... די מעשה איז אזוי געווען: אונזער לאַזשי־מיסעס, דעם העמדעל־נעהערם ווייב, דערוויסענדיג זיך אז מיר געהען ווערען אייגענע בעלי בתים האָט בעצייטענס גענומען זוכען א באָרדער אנשטאַט אונז. עס האָט זיך געפונען א באָרדער, וועלכער האָט אָבער געוואָלט אריינמופען באַלד, דעם זעלבען טאָג. מיר האָבען אָבער נאָך דאַן ניט געהאַט געקויפט די ביזנעס, זאָ דאָס מיר האָבען ניט געוואוסט ווען און וואוהין מיר וועלען האָבען צו מופען און מיר האָבען גענומען א צימער אויף א ווייל'ע. אין דעם לעצטען צימער האָבען מיר געוואוינט בלויז צוויי וואָכען און אַלץ וואָס איך געדענק וועגען דער קורצצייטיגער דירה איז, אז עס איז דאָרט געווען

זעהר קאַלט, אַז די לאַזשי־מיסעס האָט זיך אונטערגעפוילט צו הייצען און איינמאָל אבענד איז געגאנגען אַ נאַסער שנעע, איך האָב דורכ־געווייקט מיינע שיך טרייענדיג זוכען ביזנעס, אויף מאָרגען איז געוואָרען אַ פראָסט, איך האָב געמוזט געהן און די שיך זיינען נאָך געווען גאָר נאַס... אין הויז איז געווען ניט געהייצט און איך האָב געטריקענט מיינע שיך אויף אַ קעראָסין־סטאָוו, וואָס איך האָב פערמאָגט אַן אייגענע.. די לעדער האָט דורכגעברענט און אויף מאָרגען זיינען די שיך צופאַלען אויף שטיקלעך — דאָס איז אַלעס וואָס איך געדענק וועגען דיעזער צוויי־וואָכיגער דירה.

אין דער הונדערט־און־ניינטער סטריט האָבען מיר געהאַט דריי רומס, אַ פינסטערען קיטשען מיט גרינע ווענד און אַ דונקעלע פראָנט־רום צו די בעק מיט וויים־בלויע ווענד... פון דער הונדערט־און־ניינטער סטריט האָבען מיר געמופט אין דער הונדערט־און־צעהנטער אין אַ נייע בילדינג מיט געז און וואַש־טאָבס — דאָ האָב איך אריינ־גענומען די ערשטע באָרדערין, און אין מיין לעבען האָט זיך אָנגעפאַנ־גען דער באָרדער שווינדעל.

פון דער הונדערט־און־צעהנטער סטריט האָבען מיר געמופט אין דער הונדערט־און־אכטער סטריט צו דער פראָנט. דאָ האָב איך בעקומען דעם ערשטען מוף־צעטעל.

שאַ, דער עקספרעססמאַן איז צוגעפאָהרען — איך קען מעהר ניט רעכענען!... ניטאָ קיין צייט. מען דאַרף שוין מופען.

עטליכע ווערטער וועל איך נור צוגעבען:

דאָס איז ערשט געווען דריי יאָהר זייט איך בין געווען אין אמעריקאַ. עס איז נאָך זיעבען לאַנגע יאָהר געבליבען און עס איז נאָך אויסצורעכענען אַ לאַנגע, לאַנגע סדרה פון מופענים, פון מוף־צעטלעך, פון באָרדער, צרות, יסורים, קינדער־האָבען... קינדער־האָדעווען... און מופען און מופען... געמופט און געמופט... און וויימער געמופט.

גוד באַי! דער עקספרעססמאַן איז אריין, מען שלעפט שוין מיינע שמאַטעס — איך מוף... יעצט מוף איך פון די בראָנקס, וואו איך האָב געהאַט פיער רומס, אַ וואַנע און מאַלעריע, איך מוף נאָך דער פופציג־סטער סטריט וואו איך נעהם דריי רומס צו די בעק... מען פערשפּרעכט דאָ צו געבען הייסע וואַסער, אָבער מען וועט געבען קדחת, שונאי ישראל. איך וויים שוין דעם שווינדעל מיט די הייסע וואַסער...

גוד באַי, איך מוף! אין דער נייער דירה וועל איך אם ירצה השם קויפען אוילקלאָטה.

אין אַ רוהיגער צייט וועל איך דעררעכענען דעם חשבון. אדיע. מען שלעפּט שוין דעם מאטראַץ — דער ממזר לאָזט זיך ניט און צופּאַלט אויף שטיקער...

גוד באַי! הורריי! איך מוף!

די שטילע פּאָר פאָלק

זיין נאָמען איז מאיר ברייניז, זיין פרוי'ס נאָמען איז גרונע, און מיט דיעזע נעמען רופט מען זיי בלויז ווען מען רעדט צו זיי פערזענליך, אָבער אַזוי קען מען זיי אונטער דעם נאָמען: „די שטילע רוהיגע פּאָר פאָלק".

זיי זיינען בלויז מאַן און ווייב, קיין קינדער האָבען זיי ניט און א שטילען, רוהיגען לעבען פיהרען זיי דארום, ווייל זייט זיי האָבען געהייראַטה, א צייט ביינאַהע פון אכט יאָהר, זיינען זיי נאָך איין־איינציגע מינוט צוזאַמען אין זייער היים ניט געווען, ניט רעכנענדיג נאַטירליך די עטליכע שטונדען אין מעת־לעת ווען זיי שלאָפען צוזאַמען. אויב זיי פערהאַלטען זיך דאָן שטיל און רוהיג, ווייס איין גאָט!

אָבער די ארומיגע שכנים זיינען זיי דאָך מקנא און מען רופט זיי „די שטילע רוהיגע פּאָר פאָלק". הויפּטזעכליך איז דער לענדלאָרד פון דעם הויז און אויך דער הויזקיפּער פון זיי איינפאַך ענטציקט.

מיט אכט יאָהר צוריק, ווען מאיר האָט חתונה געהאַט אַט מיט דערזעלבער גרונען, האָבען זייערע פריינד און פערוואַנדטע טרויעריג געשאָקעלט מיט די קעפּ און שטילערהייט צווישען זיך נביאות געזאָגט וועגען דער נייער פּאָר פאָלק, און האָט מען דען עטוואָס גוטעס געקענט ערוואַרטען?

מאיר איז געווען א „סלאָוער" ארבייטער און האָט זיין אייגענעם זינדיגען נפש ניט געקענט ערנעהרען. און גרונע? אויף גרונע'ן האָט מען זיך אויך געקענט ווענינ פערלאָזען. זי איז געווען א מיידעל, וועלכע האָט שוין צעהן לאַנגע יאָהר אָבגעארבייט ביי דער נעה־מאַשין; זי האָט, ניט פאר קיינעם געדאַכט, אָנגעלעבט גרויסע אינערליכע וועה־טאָגען, און ווייטער ארבייטען האָט מען פון איהר ערוואַרטען אין קיין פאַל ניט געקענט — אַלזאָ האָט מען וועגען זיי אונטערגערעדט, אַז דאָס געהען צוויי מתים טאַנצען.

אָבער אין אַמעריקא ווערט קיינער ניט פערפאַלען, הוררייי פאר קאָלאָמבוס'ען!

גרונע האָט פאר איהרע צעהן יאָהר ארבייטען אין די ציינער ניט

געקוקט און האָט כסדר געלעגט געלד אין די ביינק און זי האָט געהאַט אָבגעשפּאָרט אַזוי גוט ווי הונדערט־און־פיער־און־פערציג דאָלאר אין געזונדע קלינגער, אַ שווארצע זיידענע קלייד און אַ קליינעם גאָלדענעם רינג און חפצים.

מיט דיעזען פערמעגען איז גרונע צו דער חופה געגאַנגען. מאיר פון זיין זייט האָט גאָרניט געהאַט, בלויז אַ הילצערנעם קאַסטען, אַ פּאָר אויבער־העמדער, אַ זיידענעם האַלזטוך און אַ נייעם „סוט" — דאַס אַלעס!

די פיער־און־פערציג דאָלאר האָט גרונע פערברויכט אויף חתונה־הוצאות און אויף אַ ביסעל פערלעבען זיך, און פאר דעם הונדערטער האָט זי שוין מיט מאיר'ן צוזאַמען, ווייל די געלד האָט שוין צו איהם בעלאַנגט אַזוי גוט ווי צו איהר, געקויפט אַ ביזנעס אין ניו יאָרק.

אַט דיעזע ביזנעס האַלטען זיי נאָך עד היום און מאַכען אַ רוהיגען, שטילען לעבען אַזוי אַז גאָט און לייט זיינען זיי מקנא.

די ביזנעס איז אַ קליינער סטענדעל אויף אַ קאָרנער נעבען אַ סאַלון, אונטער אַ „אָהנינג". אויף דעם סטענדעל ווערט געקויפט קענדי, טאַבאַק, אַ ביסעל סטיישאָנערי, סאָדאַ וואַסער, סטעמפּס, פּאָסטאַל־קאַרדס און צייטונגען.

פערנומען ביים סטענד מוזען זיין צוויי מענשען: איינער פון פינף אוהר פריהמאָרגענס ביז צוועלף אוהר אין דער נאַכט אריין, און אַ צווייטער אַזוי בלויז צום איבערבייטען עטליכע שטונדען אין טאָג.

זומער, מחמת די סאָדאַ־וואַסער, טראָגט דער סטענד אריין פיינע געלד, ווינטער זיינען די געשעפטען אַביסעל שטילער, נור דורכשניטליך מאַכט מאיר בריינין פון זיין סטענד ביי זיעבען דאָלאר די וואָך.

און מאיר מיט זיין ווייב מאַכען אַ פיינעם, אַנשטענדיגען לעבען!

אין דער פריה, צעהן מינוט צו פינף פּינקטליך, שטעהט אויף מאיר. פינף מינוטען פערנעהמט ביי איהם דער אָנטהאָן זיך און פינף מינוטען דער גאַנג ביז'ן סטענד, און פּונקט פינף דעם זייגער איז דער מאַן אויפ'ן פּלאַץ.

דער סטענד האָט נאָך אויך אַ שטיקעל אויסערליכען טרייד, דאַס הייסט, מאיר האָט פונאַנדערצוטראָגען צייטונגען אין דער פריה און פאַרנאַכט צו קאַסטאָמער איבער די הייזער, און אַט דאָ קומט שוין גרונע צוניץ.

זעקס אוהר קומט גרונע צום סטענד און מאיר געהט גלייך אוועק מיט די צייטונגען; זיעבען אוהר קומט ער צוריק און גרונע געהט גלייך אהיים אוועק, מאכט קאפע, מאכט עפעס צום עסען, געהט אוועק צום סטענד און דער מאן איהרער געהט גלייך אהיים.

דער קערל עסט אב, טרינקט אב און לעגט זיך צו אויף א האלבע שעה, ניין אוהר איז ער צוריק ביין סטענד און גרונע געהט אהיים.

צוועלף אוהר ערשיינט גרונע ווייטער ביים סטענד, דאס קומט זי מאיר׳ן רופען עסען דינער, און מאיר געהט גלייך אהיים אוועק. ער עסט אב וואס גאט האט געגעבען און דאס ווייב האט פערפערטיגט, כאפט א לייכטען דרעמעל, אזוי ביי צעהן, פופצעהן מינוטען, און נאהענט פון איינס איז ער שוין צוריק ביין געשעפט, און גרונע געהט אהיים.

די וויבעל עסט אב דינער און נעהמט זיך פאר איהרע ווייבערשע הויזיגע מלאכות. א זייגער פיער קומט זי ווייטער צום סטענד און מאיר לויפט גלייך אוועק איילענדיג, צוטראגען זיינע צייטונגען. פינף אוהר איז ער אויפ׳ן פלאץ און גרונע לויפט אוועק מאכען סאפער.

א זייגער זיעבען קומט גרונע צום סטענד און מאיר לויפט אוועק עסען סאפער. ער עסט אב, רוהט זיך אוים עטליכע מינוטען און געהט אוועק צום סטענד און גרונע געהט אהיים. פערבלייבען א ווילע ביים סטענד צוזאמען איז ניטא וואו און ניטא צו וואס, דער קארנער איז א ביזי קארנער, דער סטענדעל איז א קליינער, און פאר צוויי מענשען איז קיין פלאץ ניטא, און צו וואס זאלען זיי ביידע דארטען זיין?

צוועלף דעם זייגער אין דער נאכט פערמאכט מאיר דעם סטענד און געהט אוועק אהיים. ווען ער האט א גוטען טאג, דאס הייסט ווען עס לייזט זיך גוט, געהט ער אריין אין הויז מיט גאנץ שטילע טריט, צינדט ניט אן קיין פייער, געהט אריין אין בעד־רום, טהוט זיך אוים שטילער־הייד און לעגט זיך שלאפען לעבען זיין פרוי.

ווען ער האט א שלעכטען טאג, דאס הייסט ווען ער לייזט שלעכט, געהט ער אריין אין צימער מיט שטארקע טריט און מורמעלט עפעס בייז אונטער׳ן נאז.

גרונע כאפט זיך אויף. זי ווייס שוין דעם סימן און זי הויבט אן זיפצען, זיי בייטען זיך דורך א פאר ווערטער, ריידען לאנג איז ניטא קיין צייט, און מאיר לעגט זיך שלאפען.

אזוי געהט עס זייער לעבען. קיין קינדער האבען זיי ניט און דאס איז פאר זיי א גרויסער גליק, א קינד וואלט אוועקגענומען גרונען פון דעם ביזנעס, מאיר וואלט מוזען דינגען א העלפער און ער וואלט דאר־פען קייען די ערד, ווארים דער סטענד טראגט בלויז צו מאכען א לעבען און צאהלען דעם העלפער וואלט ניט זיין פון וואנען.

קיין געלד שפארען זיי ניט, אבער א רוהיגען לעבען מאכען זיי, און אזוי געהט עס שוין פון אכט יאהרען אן: קיין שום איבערבייט, סיי ווינטער, סיי זומער, סיי אין מיטען דער וואך, סיי זונטאג, אימער איינס און דאס זעלבע: גרונע אהיים, מאיר צום סטענד; מאיר אהיים און גרונע צום סטענד.

זונטאג קומט פאר אין זייער לעבען א קליינע ענדערונג: מאיר און גרונע טהוען אןביידע ריינע וועש — דאס אלעס!

סלעק־טיים שלאָפען זיי

ניט אכטענדיג אויף דעם וואָס די ווינטער־נעכט זיינען לאַנג ווי דער פינסטערער, אידישער גלות, צולעגט מען זיך שלאָפען ביי די כריופקינס ווי עס ווערט נור דרויסען דונקעל.

עס שאַדט ניט, דאָס איהר זאָלט אָבער האָבען אין זינען, אַז ווען דרויסען הויבט ערשט אָן ווערען אבענד איז ביי די כריופקינס אין הויז שוין אַ שטיק אין דער נאַכט אריין, און דאָס איז דארום, ווייל די כריופניקעס וואוינען אין אַ בייסמענט אָבגעצאַמט פון דער איבעריגער וועלט דורך אַ הויכען, שמאָלען „עיר־שעפט" און אבענד צייט, ווען די זון פאַנגט אָן צוזאַמענרופען איהרע קינדערלעך — די שטראַהלען — אהיים, רופט זי ארוים יענע אָרימע שטראַהלען, וועלכע האָבען זיך געשטיקט אין דעם שמאָלען „עיר־שאַפט" לעבען די כריופקינס' פענס־טער מיט אַ גוטער שעה פריהער, ווייל עס דאַרף נעהמען גענוג צייט פון דאָרטען ארויסצוקאַראַבקען זיך.

מחמת דער זעלבער אורזאַכע הויבט זיך אָן דער פריהמאָרגען אין בייסמענט, ווען דרויסען איז שוין גרויסער טאָג, און אזוי ווי די לייטע געהען ארוים פון בעט נור דאַן ווען עס איז גוט ליכטיג, קומט עס אויס, אז די כריופקינס שלאָפען אָב אַ גוטען חלק פון דעם טאָג אָלס צוגאָב צו דער לאַנגער, לאַנגער נאַכט.

וועט איהר דאָך ביי מיר פרעגען: ווי אַזוי בלייבען זיי דאָס ניט אָהן זייטען ליגענדיג? וועל איך אייך ענטפערען, אַז זיי שטעהען טאַקע אויף מיט קראַנקע זייטען. וועט איהר דאָך פרעגען: ווי אַזוי זיינען דאָס מענשען אַזעלכע „פעפער"? וועל איך אייך ענטפערען: אַז זיי ליגען אין בעט ניט פון תענוג וועגען.

שונאי ציון זאָלען אַזוי לעבען ווי זיי שלאָפען. ווער קען עס אָבשלאָפען אַזוי פיעל? און איך מיט אייך זאָלען ביידע האָבען אַזוי פיעל גוטע יאָהרען וויפיעל קללות מאַן און ווייב גיבען איינער דעם צווייטען טאַקע אין דער זעלבער צייט, וואָס מען ליגט אין בעט.

אָבער צו וואָס ליגט מען דאָס, ווען מען שלאָפט ניט?

אָט דאָ ליגט טאַקע דער גאַנצער בייזער שפּיעל. דאָס איז אַ פּראָדוקט פון די עקאָנאָמישע אומשטענדען.

די כריופקינס זיינען גרויסע אביונים און מוזען אָנפיהרען אַ שטאַרקע מלחמה צו בעקעמפּפען דעם דלות, נון זיינען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער בילינגסטער מיטעל צו קעמפּפען געגען דלות, דערהויפּט ווינטער, איז ליגען אין בעט פערבאָרגען אונטער אַ גרויסען באַרג מיט שמאַטעס, טראַנטעס און שווייגען.

כריופקין איז אַ פיינטער און פון קריסטמעס ביז פורים, להבדיל, האָט ער וויסטע סלעק. און ער פערדיענט זיך אַז אסור אַ צובראָכענע פּעני. טאָ וואָס טהוט מען?

מען מוז לעבען אויף „קעש", דאָס הייסט פאַר די עטליכע דאָלאַר, וועלכע מען שפּאָרט אָב פאַר'ן סיזאָן. דאַרף מען זעהן אַז עס זאָל זיין די הוצאה וואָס קלענער, ווען ניט וועט דער אָבגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל ניט כאַפּען און מען וועט דאַרפען לעגען די צייהנער אויפ'ן בוידעם.

עסט מען ניט, לעבט מען ניט, אָבער דאָס איז ווייניג, עס איז ווינטער, און ווען מען זאָל ניט עסען און טרינקען, און ניט לעבען, געהט אויך אַוועק געלד: עס איז קאַלט און מען מוז הייצען, די נעכט זיינען לאַנג און מען מוז ברענען אַ לאָמפּ.

און די כריופקינס האָבען איינגעזעהן, אַז זייער אָבגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל וועט ניט ציהען ביז פורים און זיי וועלען מוזען מאַכען אַ צו לאַנגען „אסתר תענית". קויהלען זיינען אין הימעל און קעראָסין איז טהייערער פון וויין, אָבער ווי קען מען דערביי שפּאָרען? הייצען מוז מען, עס איז קאַלט, ברענען אַ לאָמפּ מוז מען, עס איז פינסטער, און די כריופניקעס פאַלען אויף אַ המצאה.

צו וואָס זאָל מען דאָס זיצען ביינאַכט און קוקען ווי דער אויוועז און דער לאָמפּ ברענען? קען מען זיך דאָך אַריינלעגען אין בעט, פער־טרינקען זיך אין שמאַטעס און ליגען, און זאָל דער דלות צופּלאַצט ווערען.

טהאָן איז סיי־ווי־סיי ניטאָ וואָס, וואָס טהוט מען אַ לאַנגען ווינטערדיגען אבענד? גאָרנישט, אויפ'ן הארצען איז ביטער, גיסט מען אויס דעם כעס, מען רייסט זיך און מען שילט זיך, קען מען דאָך דיזעלבע מלאכות טהאָן ליגענדיג אין בעט, און עס וועט זיין פער־שפּאָרט קויהלען און קעראָסין.

און ווי עס ווערט נאָר אין דרויסען דונקעל, בעט אויס די בעט

דער מיסטער כריופקין און זיין ווייב פערשלעפערט זייער איינציג דריי יאהריגעס קינד. בערעלע פערשטעהט נאך ניט פאר וואס מען לעגט זיך אזוי פריה שלאפען, נור ער פרעגט קיין קשיות ניט. אין הויז הויבט אן צו ווערען קאלט, און דאס ארימע פויגעלע איז גערן צו „פערטוליען" זיך אין בעט אין די שמאטעס.

מען פערלעשט דעם פייער אין לאמפ, דער אויווען געהט שוין אליין באלד אויס און ביי די כריופקינס שלאפט מען.

מען שלאפט, מען קעמפפט מיט דעם דלות, ליגענדיג אין צרות. א ביליגער מיטעל.

ווען מען שלאפט זיך דורך דעם ערשטען שלאף, ווענדעט זיך כריופקין צו זיין פרוי:

— וויפיעל דענקסטו איז דאס יעצט דער זייגער, יהודית?

יהודית הערט זיך גוט צו און ענטפערט:

— עס מוז שוין זיין א זייגער אכט.

— פון וואנען נעהמסטו זיך? — פרעגט כריופקין.

— הערסט דען ניט ווי מען קלאפט מיט לעפעל און מיט טעלער, מען עסט ערשט סאפער ביי לייטען.

— אין „ציזין" פלעגען מיר אויך עסען סאפער ביי דיעזער צייט — זאגט כריופקין און גיט דערביי א טיעפען, בייענקענדען זיפץ.

— מיר וועלען שוין באלד פערגעסען די גוטע צייט — ענטפערט איף דעם יהודית, און מאן און ווייב לאזען זיך ווייטער אוועק אין דער וועלט פון חלומות.

עס געהט אריבער נאך עטליכע שטונדען און עס דערהערט זיך ווי כריופקין קרעכצעט.

— וואס איז דיר? — פרעגט יהודית.

— עס ברעכען מיר די זייטען ליגענדיג.

— מיר אויך — ענטפערט יהודית, און ביידע נעהמען גענעצען.

— וויפיעל קען דאס יעצט זיין דער זייגער? — פרעגט כריופקין, און יהודית הערט זיך ווייטער צו.

— עס מוז שוין זיין א זייגער צעהן. — טהיילט מיט יהודית.

— ניט מעהר? — וואונדערט זיך כריופקין — עס קען ניט זיין; עס מוז זיין א סך מעהר.

— אט אדרבא הער זיך צו, — גיט ניט נאך יהודית — וועסטו

הערען ווי אפסטעז שילט זיך די הויזקיפערין -- דאס לעשט זי ערשט אוים די געז אין האל.

— אוי, וועה איז מיר, ווי די נאכט ציהט זיך! — רעדט פאר זיך כריופקין און קעהרט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט.

און יהודית הערט זיך אימער צו, און רעדט מעהר פאר זיך:

— דארט אפסטעז לעבט מען נאך און מיר ב"ה שלאפען.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר! — זיפצט כריופקין צום טאקט און עס ווערט ווייטער שטיל.

די נאכט ציהט זיך ווייטער.

— דו שלאפסט? — פרעגט כריופקין זיין אידענע.

— משוגע בין איך, וואס? — ענטפערט יהודית — ווער קען עס אבשלאפען אזא לאנגע נאכט; איך ליעג און ברעך זיך דעם מוח.

— אויף וואס? — פרעגט כריופקין.

— את, איך וואלט א בעלן געווען וויסען — דערצעהלט יהודית אויף וואס זי ברעכט זיך דעם מוח — וואס איך זאל מארגען מאכען צום עסען, אז עס זאל גאר ניט קאסטען און מען זאל קענען זאט זיין.

— אוי, וועה איז מיר, וועה איז מיר! — זיפצט כריופקין און וויים ניט וואס ער זאל אויף דעם ענטפערן.

— איך וואלט א בעלן געווען וויסען וויפיעל איז דער זייגער איצט.

— פרעגט יהודית שוין יעצטיגען מאל.

— עס מוז שוין זיין באלד טאג. — ענטפערט כריופקין.

— געה שוין, געה שוין, משוגענער! — איז יהודית ניט איינ־שטימיג.

— עס מוז שוין זיין באלד טאג.... — וויל כריופקין ניט אויפגע־בען זיין מיינונג.

— דיר ווילט זיך דערלעבען טאג, — זאגט יהודית גוטמוטהיג — דאכט זיך דיר אלץ אז באלד איז טאג, און איך זאג אז עס איז נאך פאר האלבע נאכט.

— וואס רעדסטו, וואס? — גלויבט זיך ניט כריופקין'ען — איך וועל דאך ווערען משוגע.

— דו ווייסט דאך, — זאגט יהודית — אז ארום האלבע נאכט צושרייט זיך בערעלע און יעצט שלאפט ער נאך.

— נא, מאמע! — לאזט זיך הערען בערעלע.

— אוי, מיין גליק, ער שלאָפט דאָך גאָר ניט! — טהוט זיך א כאַפּ יהודית פאַר איהר קינד.

— עס איז איהם נעבעך קאַלט. — זאָגט כריופּקין.

— איז דיר קאַלט, זונעניו? — פרעגט די מוטער איהר קינד.

— קאַלט, מאַמע! — ענטפערט בערעלע.

און יהודית פערווערגט בערעלען מעהר און מעהר מיט די בעט־שמאַטעס און טוליעט דאָס קינד צו זיך.

די נאַכט ציהט זיך ווייטער און ווייטער.

— אוי, מיר נעהמען אָב די זייטען! — קרעכצט כריופּקין.

— מיר אויך! — קלאָגט זיך אויך יהודית און מען פערפיהרט ווייטער א רייד.

און אַנדערס מאָל בערעדט מען שכנים; און אַנדערס מאָל פּרובירען די כריופּקינס בערעכענען ווי לאַנג איז עס שוין נאָך זייער חתונה, אָדער וויפיעל מען איז א בעל־הוצאה דורכשניטליך א וואָך, אָדער וויפיעל עס האָט זיי אָבגעקאָסט דער קינדבעט מיט בערעל׳ען...

זעלטען ווען זיי בערעכענען אויף ריכטיג אזא חשבון, נור דערווייל רעדט מען אָב, ביז וואַנען אין בייסמענט הויבט אָן ווערען ליכטיג און דאַן שפּרינגען אַרויס די כריופּקינס פון בעט עפּעס אַזוי ווי פון א געפעהרליכער בעהעלטעניש און ביידע נעהמען אין גרויס איילעניש מאַכען דעם אויוועו.

מנחם׳ס ביזנעס־טאָג.

עס איז געווען א ווינטער נאָכמיטאג. א גאַנצען פריהמאָרגען האָט שטאַרק געשנעעט און יעצט האָט עס אָנגעפאַנגען ביסלעכווייז צו סטאָפּען; דער הימעל איז געווען בעדעקט מיט ווייסע וואָלקענס; דאָס וועטער איז געווען ווארעם און פייכט און דער שנעע איז צוגאַנגען אונטער די פיס.

אויף די גאַסען פון ניו יאָרק איז געווען פרעהליך, לעבעדיג און טומעלדיג, ניט אַכטענדיג אויף דער שטילער נאָכמיטאג־שטונדע, עס האָט זיך געדאַכט אז דער פרישער שנעע האָט ארויסגערופען א פרישען שטראָם פון לעבען.

די סטאַרקיפּערס, די הויזקיפּערס זיינען ארויס אַבריינינגען דעם שנעע פון די טראָטוארען אין דעם פראָנט פון די סטאָרס אָדער די הייזער, מען האָט געקלאַפּט מיט די שאָוועלס, מיט די ברומס, און דאָס האָט עפּעס אויך געמאַכט די גאַסען פרעהליכער און טומעלדיגער.

אָט האָבען אָנגעפאַנגען צו געהען די קינדער פון די סקולס. אהא, דאָ האָט גענומען קעהרען א וועלט! א פרישער שנעע, און דער שנעע איז פייכט און ווייך, אזוי גוט צו מאַכען שנעע־באָלס, א גלענצענדע געלעגענהייט פאר די ניו יאָרקער לויפערס. עס איז ליהודים... עס קאָכט, עס לעבט, א טומעל, א רעש, און שנעע־באָלס פליהען אין אלע זייטען, אין אלע ריכטונגען, מען קען דורך די גאַסען ניט דורכגעהן.

מנחם, דער קאָסטאָמער פּעדלער, האָט טרויעריג און פערטראַכט געשפּאַנט אהיים צו זיך אין לודלאָוו סטריט.

אויף דעם הארצען איז דעם אָרעמען אידישען פּעדלער, נעבעך, זעהר, זעהר ניט פרעהליך, ער געהט פערטראַכט און זיפצט זיך שטילער־הייט: אוי, וואָס צרות!

אברהם׳קע זייגער איז גאָר קראַנק, הייזעריג ווי די וואַנד, מען מוז געהן צו א דאָקטאָר; באַסיע׳לע געהט ארום גאָר א נאַקעטע, א באָר־וועסע; א גאָז־ביל ליעגט ניט אָן איינגעצאָהלטער; שטיינמאַן מאָהנט די דריי דאָלאר וועלכע ער, מנחם, האָט געבאָרגט אויף א פּאָר טעג און האָלט זיי שוין א האלב יאהר און קען בשום אופן ניט אָבגעבען. היינט

וועט ער געווים ביי איהם זיין, ווי וועט ער איהם קוקען גלייך אין די אויגען?

אוי, וואס צרות!

און ער געהט און דאס הארץ טהוט וועה, און ער זיפצט שטילערהייט.

א טאג האט ער היינט געהאט א שלעכטען. קיין סחורה האט ער ניט אויסגעבראכט און קאלעקטען האט ער אפילו איין צובראכענע פעני ניט קאלעקטעט: דער איז ניטא אין דער היים, דער איז יא דא אין דער היים, אבער ער וויל ניט עפענען די טהיר און לאזט ניט אריין — מאך עפעס! דער האט אבגעלעגט אויף נעקסטע וואך, און מנחם געהט דערווייל אהיים אהן א פעני, און דאס הארץ טהוט איהם וועה און ער זיפצט שטילערהייט.

איין קאסטאמער האט איהם היינט ענטזאגט, א צווייטער האט פאר עפעס אויף איהם אויסגעגאסען א פינסטערע תוכחה און א דריטער האט ארויסגעמופט און פערפיהרט צוויי דאלאר...

צוויי דאלאר! צוויי דאלאר! וואס פאר א בלוטיגע געלד דאס איז! מען דארף האבען א שטיינערנע הארץ אזעלכע געלד ניט אוועקצוגעבען און דאך גיבען אויף יעדער שטריט און טריט בלוטזויגערס, ספעציעלע געלד־פרעסערס, וואס כאפען אן אט ביי אזעלכע פינסטערע פעדלער, בארגען אן, צאפען ארויס די לעצטע ביסעל בלוט פון א פינסטערען ארעמאן און אנטלויפען און מופען אוועק ווער ווייס וואוהין. און בארגען מוז מען... וואס קען מען זיך העלפען? וועז ניט קען מען קיין קאסטאמער ניט האבען.

צוויי דאלאר! ווי שווער, ווי ביטער ער דארף אויף דעם ארביי־טען! ווי פיעל אפסטעזען דארף ער דורכקלעטערן? אין וויפיעל טהירען דארף ער אנקלאפען? צוויי דאלאר, צוויי דאלאר! וועה, וועה... און דעם פעדלער׳ס הארץ דריקט צוזאמען א וועהטאג און ער געהט פערטראכט שטילערהייט און זיפצט פאר זיך... און ער בעמערקט ניט, ווי א באנדע לויפערט גרייטען שנעע־באלס, לויערן און בעטראכטען זייער אפפער.

מנחם איז שוין צעהן יאהר אין לאנד, רעדען ענגליש קען ער ניט. און פון וואנען זאל ער קענען?

די גאנצע צייט וואס ער איז דא אין ניו יארק וואוינט ער אין

לודלאָוו סטריט. ער וואוינט צווישען אידען און האָט אַ פערקעהר בלויז מיט אידען, וועלכע רעדען מיט איהם בלויז אידיש, און ווייטער איז ער שטענדיג פערדרעהט און פערזאָרגט וועגען מאכען אַ לעבען. און עס ליעגט איהם גאָר וועניג אין קאָפּ צו לערנען זיך די שפּראַך פון לאַנד! דער טראָבעל איז אָבער, וואָס דעם פעדלער קומט אויס, ווילענדיג ניט ווילענדיג, אויך האָבען אַ פערקעהר מיט לויפער און דאָס האָט איהם געצוואונגען אַביסעל צו אַמעריקאַניזירען זיך: ער טרימט אַביסעל אָרום זיין בערדעל, טראָגט אַ הויכען שוואַרץ־גרינליכען איירישען הוט, סמוקט מאַנכעס מאָל אַ פּייפ א. ז. וו., אַ. ז. וו.

מעגליך, אַז דאָס ברענגט איהם ווען־עס־איז אַריין אַ פּראַקטישען נוצען, אבער יעצטיגעס מאָל האָבען די לויפער אין איהם דערקענט אַ גרינעם אידישען פעדלער...

טראַך!... אַ שנעע־באָל האָט מנחם'ן אַראָבגעשאָסען זיין הויכען הוט... נאָך אַ באָלל אין רוקען... נאָך אַ באָל אין האַלז... און די באָלס זיינען אויסגעאַרבייט קינצליך, זיי זיינען האַרט ווי שטיינער און טהוען טאַקע גוט וועה...

שרעק און וועהטאָג האָבען צוזאַמענגעדריקט דעם פעדלער'ס האַרץ. ער האָט אויפגעהויבען זיין הוט און אַרומגעקוקט זיך — אַ גאַנצע באַנדע לויפער זיינען געשטאַנען פערטיג איהם ווייטער צו אַטאַקירען.

ער איז אויף אַ ווייל‌ע געבליבען שטעהן, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן... בוך! אַ באָל פון הינטען אין רוקען... מנחם האָט גענומען לויפען און די לויפער לויפען נאָך, און גוטע חברים טרעטען צו, און די באַנדע וואַקסט און וואַקסט, און שנעע־באָלס פליהען און פליהען, און אָט פליהט דעם פעדלער'ס הוט אַ צווייטען מאָל אַראָב... נאָך אַ באָל, און נאָך אַ באָל...

די לויפער שרייען, לאַכען, און פאַרבייגעהער קוקען צו און שמייכלען.... נאָך אַ אידישער פעדלער איז דורכגעגאַנגען, ער האָט דערקענט דעם אָרעמען מנחם'ן, נור ער האָט זיך געמאַכט ווי ער בעמערקט איהם ניט און האָט שנעל פערקעהרט זיך אין אַ זייטיגע גאַס. נאָך אַ באָל און נאָך אַ באָל... מנחם'ס אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען. אויפגערעגט, דערשראָקען, צוטומעלט האָט ער גענומען לויפען נאָך די לויפער, און פון הינטען פליהען באָלס אין האַלז, אין

קאָפּ, אין רוקען... דער פּעדלער האָט זיך ווייטער אָבגעשטעלט, ארומ־געקוקט זיך ווי א דערשראָקענע חיה, צוגעלאָפען צו אַ סטאָר און אוועק־געשטעלט זיך נעבען סטאָר־פענסטער. די לויפער האָבען אויף א וויילע געסטאָפּט צו ווארפען מיט שנעע־באָלם אין דעם פּעדלער, מורא־האָבענדיג צו צוברעכען די פענסטער, זיי זיינען אָבער געשטאַנען מיט שנעע־באָלם אין די הענד און זיינען געווען גרייט יעדע מינוט אויף איהם ארויפוואַרפען זיך. דער סטאָרקיפּער, וועלכער איז געשטאַנען אין טהיר האָט זיך דערשראָקען פאר טראָבעל און האָט אוועקגעטריבען דעם פּעדלער.

מנחם האָט א בליק געגעבען אויף דעם סטאָרקיפּער מיט ברייטע אָפענע אויגען פול מיט שרעק און פּיין. ער איז אָבגעטרעטען און ער האָט ווייטער געטומען לויפען...

ווען מנחם איז אריינגעלאָפען צו זיך אין הויז, האָט זיין פרוי געהאַלטען אברהם׳קען אויף די הענד.

— וואָס מאַכט דאָס קינד? — האָט דער פּעדלער געפרעגט איין אָטהעם, און ער האָט דערשראָקען געקוקט אויף זיין פרוי.

— בעסער, בעסער, גאָט צו דאַנקען! — האָט מנחם׳ס פרוי געענטפערט.

דער פּעדלער האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענד, גענומען עס עפּעס אַזוי פיעבעריש, אַזוי האסטיג בעשיטען מיט קושען, און זיינע אויגען זיינען געוואָרען פייכט פון טרערען...

וועט זי האַלטען וואָרט

אַ גרויסער ליכטיגער, רייך און עלעגאַנט בעפּוצטער צימער.

אין אַ ווייכען פּלאַשענעם ראָקינג־טשער זיצט אַ יונגע פרוי און זויגט אַ קליינע בייבי. די בייבי איז אַנגעטהאָן אין זיידענס, עס האָט אַ געזונדען שעהנעם רויטען פּנים'על און גוטע לאַכעדיגע אויגען, עס איז פעסט צוגעבויגען מיט די ראָזעווע ליפּעלעך צו דער ברוסט און מיט אַ צאַרט־קלאָהרער הענטעל שפּיעלט עס מיט דער זעלבער ברוסט.

די זויגערין קוקט אַמאָל אויף דעם קינד, אַמאָל אויפ'ן צימער און אַלעם וואָס רינגעלט זי אַרום, אויף איהר געזיכט איז אָבער ניט קענטיג קיין מוטערשער גליק, איהרע בליקען זיינען אַזוי טרויעריג, און עפּעס ביינקענד און אין זיי שפּיעגעלט זיך אָב אַ גאַנצער ים מיט שמערצען.

זי פערטראַכט זיך און בלייבט זיצען אַזוי ווי אַ פערגליווערטע. די אויגען קוקען אויף איין פּינטעל אָהן אַ צוועק און אָהן אַ דעת.

זי איז הפּנים פערטיעפט אין ניט פרעהליכע מחשבות, וואָרום איהר פּנים ווערט פון מינוט צו מינוט טרויעריגער און דונקעלער.

ראַפּטום טהוט זי זיך אַ צאַפּעל.

— אָה, מיין זיסע ענגעלע... — האָט די פרוי אַ פערשטיקטען זיפץ געטהאָן און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען.

דיעזע פרוי האָט געזויגען אַ פרעמדעס קינד. זי איז געוועזען אַ אַם און עס איז געוועזען בלויז צוויי טעג זייט זי איז געוועזען אויף דיזע שטעלע.

זי האָט פערקויפט איהר ברוסט, זי האָט פערהענט איהר בלוט, וואָס די נאַטור האָט אין איהר איבערגעאַרבייט אין מילך. זי איז געוועזען אַן אַם.

אַן אַם — דאָס איז אַן איינפאַכער וואָרט און יעדער איינציגער ווייס די בעדייטונג פון דיעזען וואָרט, אָבער כמעט יעדע אַם, יעדע זויגערין, יעדע פרויענצימער, וועלכע דער שיקזאַל צווינגט צו פער־קויפען איהר ברוסט, פערמאָגט אין דער טיעפענים פון איהר הארצען אַזאַ מין וואונד, אַז ווייט ניט יעדער איינציגער קען בעגרייפען, קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ גיפטיגע שמערצען דיעזע וואונד פערשאַפט.

עס איז אַן אונגעהויערער גרויסער פערגניגען פאַר אַ מוטער ווען זי האַלט איהר ברוסט צווישען די וואַרעמע ליפּעלעך פון איהר אייגען קינד, און גרויזאַם און ביטער זיינען יענע אומשטענדען, וועלכע רויבען אַוועק ביי דער מוטער דיעזען פערגניגען איהרען!

די מיסעס בראַון — אַזוי האָט געהייסען די אַם — האָט געהאַט צוויי אייגענע קינדערלעך. איינס איז אַלט געווען צוויי יאָהר און דאָס צווייטע איז שוין אַלט געווען צוויי מאָנאַט. דאָס צווייטע קינד האָט געהייסען עני.

אין זעקס וואָכען אַרום נאָך עני'ס געבורט איז דער פאַטער פון דעם קינד געשטאָרבען.

דער פערשטאָרבענער מיסטער בראַון איז געווען אַן אָרימער אַרבייטער, וועלכער האָט פערלעבט זיין טעגליכען פערדיענסט, און ער האָט איבערגעלאָזען זיין פרוי און קינדער אין אַ פערצווייפעלטע לאַגע. דער אַלמנה איז געקומען צו נעהמען איהרע צוויי קינדערלעך און אַריינ־שפּרינגען מיט זיי צוזאַמען אין טייך. צום גליק האָט זיך איהר געמאַכט אַ געלעגענהייט אָנצונעהמען אַ שטעלע אַלס אַן אַם און זי האָט עס אָנגענומען.

מיסעס בראַון האָט דאַן איהרע צוויי קינדער אָבגעגעבען צו איינער אַ פרוי אויך אַן אַלמנה, וועלכע האָט פערמאָגט איהרע אייגענע דריי קינדערלעך און וועלכע האָט געמאַכט אַ לעבען פון דעם, וואָס זי פלעגט נעהמען קינדער צום האָדעווען און אויך פרעמדע וועש צום וואַשען.

דיעזער „פּריוואַט קינדער־אַנשטאַלט“ צוזאַמען מיט דער לאָונדרי האָבען זיך געפונען אין צוויי צימערען, וועלכע זיינען געווען אָהן לופט און אָהן ליכט, און פאַר וועלכע די בעל־הבית'טע האָט געצאָהלט זיעבען דאָלאַר אַ חודש.

דער קליינער ענעלע'ן האָט מען געגעבען זויגען פון באָטעל מילך און איהר מוטער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אַם...

מיסעס בראַון איז געזעסען אין ראָקינג טשער, געזויגט די בייבי און געטראַכט וועגען איהר אייגען קינד.

זי האָט בעטראַכט דעם רייכען געראַמען צימער, אין וועלכען זי איז יעצט געזעסען... און זי האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם ענגען קבר, אין וועלכען איהרע קינדערלעך וואַלגערן זיך.

זי האָט געקוקט אויף דעם קינד, וועלכעס זי האָט געזויגען, און זי האָט געטראַכט וועגן איהר אונגליקליכער יתומה׳לע, וועגען איהר פּיטשינקער ענגעלע׳ן; זי האָט אוועקגעריסען די ברוסט פון איהר אונשולדיגעס קינד און פערשטאָפּט איהר דאָס מויל מיט א באַטעל... זי האָט זיך א צאַפּעל געגעבען, א שניידענדער וועהטאָג האָט צוזאַמענגעדריקט איהר האַרץ און איהרע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרערען.

פּלוצלינג האָט די זויגערין דערהערט טריט צום צימער, זי האָט דערקענט דעם גאַנג פון איהר בעל־הבית׳טע, פון דער מוטער פון דעם קינד. שנעל האָט זי מיט א נאַזטיכעל אויסגעווישט די אויגען און געמאַכט א פאַלשען פרעהליכען שמייכעל אויף די ליפען.

די מוטער פון דעם קינד איז אריינגעקומען.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און עס מעהר פערנאַנדערגעעפענט.

— עס איז אזוי שעהן דרויסען, — האָט די פרוי געזאָגט — פאַרוואָס זאָלען די פענסטער ניט זיין אין גאַנצען אויפגעעפענט?

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום קינד און זי האָט גענומען קוקען אויף איהם מיט ליעבע און פערגניגען.

— מיר שיינט אז מיין קינד איז עפּעס היינט בלאַס? — האָט די מוטער זיך געווענדעט צו דער אַם.

— גאָר, נאָו... איך זעה ניט... — האָט געענטפערט די מיסעס בראַון.

די מוטער פון דעם קינד האָט געוואָרפען א בליק אויף דער זויגערין, זי האָט בעמערקט איהרע פערוויינטע אויגען און איהר טרויעריגען פּנים, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואָס מיסעס בראַון האָט זיך געסטאַרעט אויסצוקוקען פרעהליך.

דער פרוי׳ס פּנים האָט זיך בעדעקט מיט א דונקעלען שאַטען.

— איהר בענקט הפּנים פאַרט נאָך אייערע קינדער? — האָט זי געפרעגט און איהר שטימע האָט נערוועז געציטערט.

— נאָ... וואָס איז, וואָס? מיינע קינדער פעהלט גאָר ניט. — האָט געענטפערט די זויגערין.

— איהר קוקט עפּעס אויס אזוי אומעטיג.

— וועהר, איך? נאָ!... אייך דאַכט זיך דאָס... — האָט די אַם געענטפערט און האָט זיך צולאַכט.

דער געלעכטער איז געווען א געמאכטער און ניט־ווילענדיג האט זיך פון אונטער דער זויגערינס ברוסט ארויסגעריסען א לייכטער זיפץ.

— נא, מאדאם גרינבערג, — האט די אם ווייטער געזאגט — איך בענק א האר אויך ניט, און איך האב ניט וואס צו בענקען.

— דאס קינד מוז עפעס זיין קראנק, — האט אבער מאדאם גרינבערג געענטפערט, ניט גלויבענדיג דער אם'ס ווערטער — עפעס ער אטהעמט, דאכט זיך, שווער... נו, וואס דען קען זיין, אז איהר זארגט שטענדיג און בײנקט און וויינט... און מיין קינד זויגט אייער מילך.

— איך דוכט זיך דאס, מאדאם גרינבערג... — האט די זויגערין ווייטער געענטפערט און א שארפער וועהטאג האט פלוצים דורכ־געלעכערט איהר הארץ — קוקט זיך נור צו, דאס קינד, קיין עין הרע זאל איהם ניט זיין, איז שעהן, פריש און געזונד... אויף מיין ען...

די אם האט זיך פערכאפט און איהר שטימע האט ציטערדיג זיך איבערגעריסען.

— וואס איז דער מעהר, איהר וויינט טאקע? — האט מאדאם גרינבערג נערוועז און אונרוהיג א פרעג געגעבען.

— גאט איז מיט איך... איך חלום'ט זיך...

אבער אין דער מיסעס בראון'ס אויגען האבען זיך פארט געזעהען טרערען.

די מאדאם גרינבערג האט פערביסען די ליפען.

— מיסעס בראון... — האט די מאדאם גרינבערג גענומען רעדען טרוקען און ערנסט — איך מוז אייך זאגען א לעצטען מאל, אז עס קען ווייטער אזוי ניט אנגעהן... ווען איהר נעהמט זיך דאס לעבען און ערגערט זיך און טראכט וועגען אייערע קינדער... און בענקט... און וויינט — איז אייער מילך שעדליך, איהר פטר'ט מיר אוועק מיין קינד, און איך וועל עס ניט דערלאזען. קענט איהר זיין פריש, מונטער און פרעהליך איז גוט... ווען ניט, — קען עס ווייטער ניט אנגעהן.

— מאדאם גרינבערג, — האט זי געענטפערט — עפעס היינטי־גער טאג איז אויף מיר אן אויסגוס... איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז... אבער איהר וועט זעהן, אז מעהר וועט עס ניט פאסירען... איך האב זיך דאס אויסגעוויינט א לעצטען מאל.

— געדענקט־זשע.

— נו, גנעווים, איך וועל זיך מעהר נאריש ניט מאכען... איך ווייס, אז איך זאָל ניט זיין קיין אַם, דאַרף איך זיך טרינקען.

— אבי איהר פערשטעהט, — האָט די מאַדאַם גרינבערג גענענט־פערט שוין רוהיגער — קומט עסען דינער.

און די בעל־הבית׳טע מיט דער זויגערין זייַנען באַלד אוועק אין דיינינג־רום צום טיש.

ווער די אַם האַלטען וואָרט?

אַ מעשה מיט אַן אָווערקאָוט

דיעזער אָווערקאָוט האָט בעלאַנגט צו אייבי דעם שוסטער. און מיט איהם האָט פּאַסירט אַ גאַנצע געשיכטע, פּונקט, להבדיל, ווי מיט אַ לעבעדיגען וועזען. דער אָווערקאָוט איז שוין אַלט געוועזן תרח'ס יאָהרען. אייבי האָט איהם בעקומען אַלס ירושה פון זיין טאַטען, אונז צו לאַנגע יאָהר. דאָ אין אַמעריקא איז ער שוין אויך געוועזן אַ יאהר נייַן.

אַ בליק געבענדיג אויף דיעזען אַלטינקען בגד, וואָלט יעדער איינציגער געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט דער בעל דבר זאָל זיך געהן צו זיין רוה. יעדע לאַטע זיינע, יעדער געוואַלדריס, זיין אויסגעמאַטער־טער אויסזעהען — דאָס אַלעס האָט דייטליך געצייגט, אַז ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ לאַנגען, לאַנגען לעבענס־קאַמפּף. אייבי, נאַטירליך, ווייס דאָס אויך גאַנץ גוט. יעדעס מאָל ווען ער טהוט נור אָן אויף זיך זיין אַלטען אָווערקאָוט, פיהלט ער זעהר גוט, אַז ער האָט דאָ צו טהאָן גיכער מיט אַן אויסגענוצטער שמאַטע איידער מיט אַ בגד. ער פיהלט עס טאַקע, אָבער צו דערזעלבער צייט פיהלט אייבי, אַז ער איז אַ פיינער אביון, אַז ער האָט ניט פאַר וואָס צו קויפען קיין נייעם אָווערקאָוט און ער מאַכט זיך פון דער מעשה כלא ידע.

אייבי'ס וויבּ, יאַכנע זאָל לעבען, אַנערקענט אויך דעם פאַקט, אַז זי און איהר מאַן זיינען עקאָנאָמיש טויט, נור וואָס צו גאָט — איז צו גאָט, און וואָס צו לייטען — איז צו לייטען ; אָט איז שוין דריי יאהר זייט זי איז אַרויס אין אַ קאַמפּף מיט איהר מאַן און זי האָט זיך אָפען ערקלערט געגען זיין אַלטען אויסגעוועלטערטען אָווערקאָוט.

—געוואַלד, אייבי, — האָט יאַכנע כסדר גע'טענה'ט — מאַך אַ סוף פון דער טראַנטע. עס פעראומערט מיר דאָס לעבען. טהוסט דאָס אָן — איז עס אַ סם המות ; מען מיינט, אַז דו ביזט ערשט פון הקדש אַרויס.

איהרע רייד האָבען איהר ווייניג געהאָלפען. אייבי פלעגט בלויז אַ מאַך געבען מיט'ן האַנד, עפּעס אַזוי ווי איינער וואָלט געזאָגט, רעד מיט אַ אידענע, וואָס ווייס זי ? און ער פלעגט זיך טהאָן זיינס : אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די טראַנטע און ווייטער געטראָגען.

יאכנע האָט אָבער ניט פערלוירען איהר מוטה און זי האָט פעסט בעשלאָסען אויסצופיהרען איהר קאמפף און געברויכען זאָגאר געוואלט־מיטלען ווען עס וועט זיין נויטווענדיג.

דאָס איז געווען א זונטאג, אין דעם אָנפאנג פון זומער. אייבי מיט זיין אידענע זיינען געווען זעהר ביזי: זיי האָבען געהאלטען אין ארויסנעהמען דעם ווינטער פון הויז.

יאכנע האָט געהאט צוזאמענגעקליעבען א גרויסע קופע מיסט אין קיטשען און האָט געהייסען אייבי׳ן, אז ער זאָל דערמיט מאכען עפּעס א טאָלק. אייבי האָט ברייט פאנאנדערגעעפענט דאָס מויל, געשטאנען און געקוקט אויף די מיסט און האָט ניט געוואוסט וואָס מיט דעם צו טהאָן. יאכנע האָט זיך צו דערזעלבער צייט מתעסק געווען מיט עפּעס אין בעדרום.

וואָס דענקסטו צו טהאָן מיט דיין ווינטערדיגען אָווערקאָוט? — האָט זיך דערהערט יאכנע׳ס קול פון בעדרום.

— מיט מיין פּאלטאָ? — האָט אייבי איבערגעפרעגט.

— יעס, יעס.

— וואָס זאָל מען טהאָן? — האָט אייבי געענטפערט — זאָל ער הענגען; עס וועט ווען־עס־איז קומען נאָך א ווינטער.

יאכנע האָט ניט געענטפערט, נור ווי אייבי איז אזוי געשטאנען נעבען די מיסט, האָט עפּעס א „מעלקע" געגעבען אין זיינע אויגען און א שווארצע זאך האָט זיך אראָבגעלאָזט אין די מיסט.

ווען אייבי האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזעהען נעבען זיך זיין יאכנע׳ן און אין די מיסט — זיין אָווערקאָוט.

— פעררי קטע! — האָט ער אויסגעשריען — וואָס הוליעט זיך דיר אזוי? — וואָס ווארפסטו זיך? ווייסט נאָך ניט אויב דו וועסט האָבען אויף א בעסערען... ווארפט זיך!...

יאכנע האָט זיך אליין דערשראָקען פאר איהר טהאט, און זי איז אייניגע סעקונדען געבליבען שטעהען שטיל; באלד איז זי אבער געקומען צו זיך.

— אויף מיין אחריות, — האָט יאכנע געענטפערט — ער איז מעהר ניט ווערטה.

— מאך זיך ניט נאריש. — האָט אייבי בייז גערעדט — וואָס

ביזטו אזוי געהויבען? דערווײַלע זײַנען נאָך די קינדער באָרוועס, און דו האָסט ניט אויף א קלייד.

— מיך ארט ניט, איך דארף ניט... איך קען ניט צוזעהן ווי דו טהוסט אָן אויף זיך די טראַנטע. עס איז צו שרייען „שמע ישראל!“

— וואָס ארט עס אָבער דיך?

— ווי הייסט, וואָס ארט עס מיך? —האָט יאכנע געענטפערט— זאָג מיר אַקאָרשט, ווער בלענדט זיך אוים די אויגען צו „לאַטעוועןֹ“ די שמאַטע, אויב ניט איך, און צווייטענס ביזטו דאָך מיין צרה... מיינסטו אז מיין הארץ איז מיר ניט פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט, ווען פאָריגע וואָך מאַכט צו מיר חנה די ביגלעריכע: „יאכנע לעבען, וואָס איז דער מעהר מיט אייער מאַן? קען ער זיך שוין ניט ארויפ־ארבייטען אויף א נייעם אויבערראָק? עס איז דאָך א חלשות א קוק צו טהאָן ווי ער געהט אום.“

חנה די ביגלעריכע האָט אייגענטליך גאָר ניט גערעדט צו יאָכנע'ן וועגען איהר מאַנ'ס אָווערקאָוט, יאכנע האָט עס געזאָגט א ליגען. דאָס האָט זי געטריעבען פּאָליטיק מיט איהר מאַן, און דאָס האָט טאַקע געהאַט א ווירקונג.

— מען האָט זי אין דר'ערד! — האָט אייבי געזאָגט מיט פער־דרום.

— יא, יא, אבי דיר פערדריסט.

—און די שמאַטע האָט מען אויך אין דר'ערד! — האָט ווייטער אייבי געזאָגט מיט הארץ.

יאָכנע האָט געזיפצט.

— עס וועט גאַנץ זיין, האָט זי גענומען רעדען מיט בעגייסטערונג — מען וועט זיך אָנטהאָן א כח. ווען די טראַנטע וועט ניט זיין וועסטו זיך ווי־עס־איז ארויפשלאָגען אויף א נייעם בגד.

— ווער ווייס? — האָט אייבי גענומען צווייפלען.

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין מאַן: איך ווייס, ברוך השם, אז ביי אונזער א ברודער, וואו מען רייסט ניט ארוים מיט געוואַלט, האָט מען טאַקע ניט. ווען ניט דורך געוואַלט, מיינסטו, אז מיר וואָלטען פאַר צוויי יאהרען ארויסגעריסען אונזער בערעלע'ן א סוט'ל.

—ניין, ניין. — האָט אייבי איינגעשטימט.

— און ווען ניט דורך געוואלט, מיינסטו, אז אונזער באשעלע וואלט געהאט איהר מאנטעל?

— איך וויים. איך וויים... — האט אייבי געזיפצט.

— נו, און מיט געוואלט וועט מען דיר, אם ירצה השם, צו ווינטער א פאלטא נעהמען.

— אבער... אבער מען קען איהם דאך איבערלאזען צוצודעקען זיך... — האט זיך אייבי אנגעכאפט, אזוי ווי איינער וואס טרינקט זיך כאפט זיך אן פאר א שטרויעלע.

— אה, הער שוין אויף! — האט אבער יאכנע געענטפערט — עס איז דא, גאט צו דאנקען, א פולער אלמער מיט טראנטעס. לענגער איז ביי מיר געזעסען דעם הויקער'ס ווייבעל, ווען דער קליידער־אלמער האט זיך געעפענט, האב איך געמיינט איז וועל זיך לעבעדיגערהייט בעגראבען.

— וועלל, זאל זיין אזוי ווי דו ווילסט.

אין א האלבע שטונדע ארום איז אייבי דעם שוסטערס אווערקאוט איינשטימיג ארויסגעווארפען געווארען אין א בארעל מיט מיסט.

ליעבע לעזער, בעדויערט אבער ניט דעם שיקזאל פון דיזען אלטען, אויסגענוצטען בגד. א איטאליענער האט איהם טאקע באלד ארויס־גענומען פון בארעל, דער אווערקאוט איז ווידער ערשיענען אויף דער וויסער וועלט, און ווי איהר וועט שפעטער זעהן וועט ער האבען ניט קיין שלעכטע ענדע.

דער זומער האט פון קיינע געשעפטען געוואלט וויסען און ער איז זיך געגאנגען זיין וועג. בינר־לבינו איז געקומען דער מאנאט סעפטעמ־בער. ביי טאג פלעגט נאך זיין ווארעם, אבער די פריהמארגענס און די נעכט זיינען שוין געווען קאלט. און דא האט אייבי גענומען בייקען נאך זיין אלטען אווערקאוט און איהם האט אלץ מעהר און מעהר גענומען פערדריסען, ווארום ער האט איהם יעצט ניט. איינמאל, געהענדיג פון דער ארבייט, איז אייבי'ן געווארען טאקע גוט קאלט, ער האט געכאפט א פיינעם ציטער. איהם איז נאך מעהר געווארען פער־דראסיג אויף זיין ארויסגעווארפענעם אווערקאוט, ווארום ווי אזוי צו דערקאזען א נייעם האט ער פארלויפיג קיין שום מיטעל ניט געזעהן.

— וואס, איך בין געווען משוגע? — האט ער פאר זיך אין וועג גערעדט — האב איך זי בעדארפט פאלגען? וואס? ווען?

אייבי איז אין כעס געוואָרען אויף זיין ווייבעל, און ער האָט יעצט געטראַכט, ער זאָל קומענדיג אהיים אוועקגעבען איהר אַ גאָב.

יאַכנע וואָלט געווים טאָקע געלייזט פון איהר מאַן, ווען זי וואָלט זיך אָבער פריהער ניט בעוואָרענט. און בעוואָרענט האָט זי זיך.

אַ גאַנצען זומער, אין דער צייט ווען אייבי, איהר מאַן, האָט זיך אין גאַנצען פערגעסען, אז ער האָט קיין אָוועקאָוט ניט, און אַז ווען־עס־איז וועט קומען אַ ווינטער, אין דער זעלבער צייט האָט יאַכנע וועגען דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. זי האָט געטראַכט, אָבער זי איז ניט געבליבען ביי איהר טראַכטען; זי האָט אויך שטאַרק געאַרבייט אין דער זאַך.

וואו און ווען יאַכנע האָט נור געהאַט די קלענסטע מעגליכקייט, האָט זי אָבגעריסען אַ פּעני פון דער הוצאה. זי האָט אָבגעשפּאָרט פון עסען, אָבגעשפּאָרט פון טרינקען, געשפּאָרט און געשפּאָרט, געשפּאָרט פון זיך, געשפּאָרט פון איהר מאַן, געשפּאָרט פון איהרע אָרעמע קינדער און זי האָט געקליבען אַ פּעני צו אַ פּעני — אזוי האָט זי ווי־עס־איז פאַר דעם זומער פינף דאָלאַר צוזאַמענגעקליבען.

— עס איז שוין אַזוי קאַלט אויף דרויסען! — מיט די ווערטער איז אייבי אריין צו זיך אין הויז.

— עס מוז טאָקע זיין... — האָט יאַכנע קאַלטבלוטיג געענטפערט.

אייבי'ן האָט פערדראָסען וואָרום זיין ווייב זאָגט עס אַזוי קאַלט־בלוטיג און ער האָט שוין געוואָלט אויסשיסען מיט זיין „גאָב“.

— עס איז מיר געוועזן אַזוי קאַלט צו געהן! — האָט אייבי ווייטער גערעדט — איך בין גאָר דערפראָרען.

— דו דאַרפסט זיך שוין קויפען אַן אָוועקאָוט... — האָט יאַכנע נאָך קאַלטבלוטיגער געענטפערט.

— איאָ, איך דאַרף?... האָט אַ זאָג געגעבען אייבי, און ער האָט אַזוי שטעכיג אַ בליק געגעבען אויף זיין אידענע.

— נו, געווים דאַרפסטו.

— נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט די קלינגער? — האָט אייבי אויסגעשאָסען אַ קויל אין זיין אידענע.

יאַכנע'ן האָט עס אָבער ניט געטראָפען. אדרבה, איהר פּנים איז נאָך געוואָרען עפּעס פריהליכער, לעבעדיגער.

— ניט קיין גרויסע סכנה... — האָט זי געענטפערט מיט א שמייכעל.

אייבי האָט א בליק געגעבען אויף זיין אידענע מיט שרעק און מיט וואונדער.

— זאָג מיר, מיין ווייבעל, — האָט ער גענומען לאַנגזאַם ציהען די ווערטער — זאָג מיר, מאַכסטו זיך משוגע אָדער דו ביזט טאַקע ניט ביי דיין פולען פערשטאַנד... וואָס לאַכט זיך דיר אַזוי?

יאַכנע האָט גאָר ניט געענטפערט, זי האָט ווייטער א שמייכעל געגעבען און איז אַוועק אין בעדרום.

ביי אייבי'ן איז די האַרץ פערשטאָרבען געוואָרען... ער האָט זיך טאַקע באמת דערשראָקען פאַר זיין אידענע.

באַלד איז יאַכנע אַרויס פון בעדרום... און אָה, וואונדער, וואָס אייבי האָט דערזעהן! יאַכנע האָט אַרויסגעלעגט אויפ'ן טיש א קאָם מיט אַסיגנאַציעס...

— צעהל צו... — האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן, און איהר פּנים און איהרע אויגען האָבען געברענט מיט גליק.

אייבי האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט ער געפינט זיך. ער האָט פונאַנדערגעעפענט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט די אויגען און איז געבליעבען שטעהען ווי א לֶמך.

— צעהל צו... — האָט יאַכנע איבערגעזאָגט — דאָס איז געלד... צעהל צו, וואָס שטעהסטו, וואָס?

איהרע ווערטער האָבען געציטערט פון גרויס גליק.

אייבי האָט צוגעצעהלט דאָס געלד.

— פינף דאָלאַר, ווי קומט עס צו אונז?

— האָב איך דיר ניט געזאָגט? — האָט יאַכנע זיעגרייך גערעדט

— האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז עס וועט זיין פאַר דיר אויף א פּאַלטאָ?

— אָבער ווי?

— וואָס אַרט עס דיך!

— א דאנה מיר; אבער דאָך, ווי? — האָט זיך אייבי געוואונדערט.

— אָבגעשפּאָרט.

— עה, פון וואַנען? — האָט אייבי ניט געוואָלט גלויבען.

— פון וואנען? פון דאנען! א גאנצען זומער האָב איך געקליבען אַ פּעני צו אַ פּעני.

אייבי האָט צופריעדען געדריקט מיט די פּלייצעס.

— טאַ הער־זשע, אייבעלע, צוויי דאָלאר וועט מען מוזען אָב־רייסען פון דיין פּיידע, — האָט יאכנע נאָכגעזאָגט — און געה און קויף זיך אַ פּאַלטאָ.

— נו, איך וועל שוין קויפען. — האָט אייבי געענטפערט.

נעקסטען זונטאג האָט אייבי געהאַלטען זיעבען דאָלאר אין די הענד און האָט געהאַלטעןביים ארויסגעהען פון הויז, אום צו קויפען זיך אַן אָווערקאָוט.

— הער־זשע, מיין מאַן, — האָט איהם יאכנע אָבגעשטעלט — איך בעט דיך, זיי נור אַ מענש.

— נו, וואָס איז דאָרטען?

— אָט אזוי, זאָלסט זיך דינגען... זעה, אז מען זאָל דיך, גאָט בעהיט, ניט אָבנאַרען.

— וואָס וועט מען עפּעס נאַרען?

— זאָלסט זיך ניט איילען אויף ביליג.

—נו, פאַר די זיעבען דאָלאַר... דאָס האָב איך און פאַר דעם וועל איך קויפען.

— איך ווייס, מען זאָל דיך חס ושלום ניט נאַרען, מען זאָל דיר חלילה ניט אריינשפּאַרען אַ צוגעניצטע סחורה.

— איך האָב דאָך אויגען.. — האָט זיך שוין אייבי בעליידיגט, און ער האָט גענומען עפּענען די טהיר.

—זעה־זשע, — האָט איהם יאכנע ווייטער אָבגעשטעלט — האָב אין זינען אז די געלד איז בלוטיגע, און חלילה לאָז זיך ניט נאַרען.

— גענוג דיר שוין, חיה דו איינע... — האָט אייבי מיט ליעבע געענטפערט צו זיין אידענע און ער איז ארויס פון צימער.

דאכט זיך גאָר אַ גליקליכער, אַ צופריעדענער, מיט דעם געדאנק צו קויפען זיך אַ גוטען, נייעם אָווערקאָוט איז אייבי ארויס פון זיין היים; אויך מיט דיעזען געדאנק האָט ער גענומען מארשירען איבער קאַנעל סטריט און אריינקוקען אין די „שאָו ווינדעס“ פון פערשיעדענע קלאָדינג געשעפטען. נור אָט אזוי פערטראַכטערהייט שפּרייזענדיג

איבער קאנעל סטריט איז אייבי'ן געווארען עפעס אלץ טרויעריגער און טרויעריגער אויפ'ן הארצען.

— דו געהסט קויפען א נייעם אווערקאוט? — האט צו איהם גערעדט א שטימע אין דער טיעפענים פון זיין הארצען — א נייעם? און פאר זיבען דאלאר? פאר אזא אייגענם מיט געלד? און א סעקאנד־הענדיגען ביזטו חולה צו טראגען?

— גערעכט! — האט אייבי א מורמעל געגעבען.

— דו געהסט דאך ארום אין צוריסענע שיך, — האט דיזעלבע שטימע גערעדט — און דיין ווייב? זי איז דאך אויך נעבעך א היילע, א נאקעטע... און דו? און דו ערלויבסט זיך?

— א צולאזענקייט... — האט אייבי דורכגעזייט דורך די ליפען.

— דיין בערקע, א קראנק קינד, נעבעך, געהט אויך אום א נאקעטער! — האט די שטימע גערעדט.

— א מערדעריי... — האט אייבי געענטפערט.

— און דיין באסעלע? און דיין טוביה'לע? בעסער פאר זיי עפעס אויך א קליידעלע, א פאר הייזקעלעך... און דו? דו? א נייעם אווערקאוט? אייבי האט א שווערען זיפץ געגעבען און זיין הארץ האט איהם גענומען וועה טהאן.

— עט! — האט ער א מאך געטהאן מיט'ן האנד — איך וועל צוטראגען א צוגעניצטען... נאך בעסער... א פאר דאלאר וועלען בלייבען, זיי וועלען צוניץ קומען.

אייבי האט גענומען און האט גלייך פערקעהרט אין העסטער סטריט. דא איז איהם עפעס געווארען ווי היימליכער און זיין געוויסען האט איהם אויפגעהערט צו בייסען.

גראדע נעגען אייבי איז געגאנגען א איד מיט א „פאלטא" אריבער די פלייצעס. אייבי האט זיך אבגעשטעלט א קוק געגעבען אויף דעם טרעגער.

דער טרעגער פון דעם אווערקאוט איז שוין געוועזן גענוג ערפאהרען און ער האט גלייך פערשטאנען, אז ער האט דא צו טהאן מיט א גוטען קאסטאמער.

— מיסטער, —איז ער צו איהם צוגעלאפען ווי א פער'סם'טער— דארפט איהר עפעס סחורה, א רעכטען אווערקאוט'ל, א פאר הויזען... א ראק... אלץ וואס איהר דארפט.

— אָן אָווערקאָוט. — האָט אייבי געענטפערט.

— אָה, גאָט זאָל אייך בענטשען, וויפיעל איהר ווילט.

— קומט. קומט אין סטאָר, — האָט שוין דער מאַן אייבי'ן געשלעפּט פאַר די אַרבעל — קומט, זאָל איהר געזונד זיין — סחורה ווי גאָלד.

דער מאַן האָט אייבי'ן אריינגעשלעפּט עפּעס אין א בייסמענט, אין וועלכען עס האָט עפּעס געהערשט א מצרים'דיגע פינסטערניס.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך אייבי דערשראָקען, נור ווען דער מאַן האָט אָנגעצונדען א ברענער פון געז און ער האָט דערזעהן, אז ער איז ווירקליך אין א סטאָר פון קליידער, האָט ער זיך עטוואָס בערוהיגט.

— נו, מיסטער, אָן אָווערקאָוט'ל? — האָט דער פערקויפער געזאָגט — אין וועלכען געלד ווילט איהר?

— אין א דאָלאר פינף. — האָט אייבי געענטפערט.

— דאָס הייסט איהר ווילט ביליג און גוט.

— נו, געוויס! — האָט אייבי געענטפערט.

— עס איז דאָ א טהייערע סחורה'לע פאַר אייך, — האָט דער פערקויפער גערעדט — אָט, א צוגעניצטע, אבער א כפּרה פאַר טויזענד נייע אָווערקאָוטס. שטאַרק, שעהן און ניי.

— און וויפיעל געלד? — האָט אייבי געפרעגט.

— מעסט אָן בעפאָר, — האָט דער פערקויפער געזאָגט — נאָכ־הער, ווען אייך וועט געפעלען ווערען, וועלען מיר רעדען וועגען פּרייז.

— ניין, — האָט אייבי געזאָגט — איך וויל בעפאָר וויסען אין וואָס פאַר א געלד דאָס געהט, איך זאָג אייך בעפאָר אז איך וועל מעהר ווי פינף דאָלאר ניט ספּענדען. איך וויל זיך אומזיסט ניט באַדערען.

— נעהמט, זייט מוחל, טהוט אָן... — האָט דער פערקויפער צוגעטראָגען צו אייבי'ן עפּעס אַן אָווערקאָוט.

— איז דאָס מיין פּרייז?

— זייט ניט קיין גרינער, מעסט אָן.

אייבי האָט אָנגעמאָסטען די סחורה.

— נו, וואָס זאָגט איהר צו דעם? — האָט דער פערקויפער געזאָגט מיט התפעלות — אָט אזוי ווי אויף אייך גענעהט. איך זאָג אייך אז דער בגד'ל איז פּראַכטפאָל.

ווען אייבי האָט דערפיהלט אויף זיך א גאַנצען און „נייען" אָווערקאָוט, האָט ער זיך פון גרויס גליק אין גאַנצען פערלאָרען, ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו רעדען.

— נו, ווי פיהלט איהר זיך אין איהם? — האָט דער פערקויפער געפרעגט ביי אייבי'ן.

— ווי... גוט... אָבער... דאכט זיך.

— וואָס דאכט זיך?

— עפּעס אין די אַרבעל ציהט.

— לאָזט אראָב די הענד גוט, ניעדריגער... עה, ווי א מאַן האלט עם די הענד! איהר האָט הפנים קיין מאָל קיין רעכטען בגד ניט געטראָגען, מיסטער לעבען.

אייבי האָט אראָבגעלאָזען די הענד.

— נו? — האָט דער פערקויפער געפרעגט.

— יעצט איז בעסער. — האָט אייבי געענטפערט.

— געוויס בעסער! — האָט דער פערקויפער בעשטעטיגט — מיך וועט איהר שוין ניט נאַרען, איך זעה אז דאָס איז ווי פאַר אייך געאָרדערט געוואָרען.

— וויפיעל קאָסט עס? — האָט אייבי געפרעגט.

— די שטיקעל סחורה'לע וועט אייך קאָסטען זיעבען דאָלאַר.

אייבי האָט געוואָלט א באָט טהאָן פינף דאָלאַר, אבער ער האָט אין זיך ניט געהאַט דעם מוטה צו טהאָן אזא זאַך.

— גיט א ביליגערען. — האָט ער א זיפץ געגעבען.

— די סחורה איז אַן אויסגעצייכענטע! — האָט דער פערקויפער געגומען לויבען דעם אָווערקאָוט.

— איך זעה, אָבער איך קען ניט ספּענדען.

— קענט איהר ספּענדען זעקס דאָלאַר?

— זעקס?... איך ווייס.. — האָט געשטאַמעלט אייבי.

— זאָל איך פערפּאַקען?

— וועט עס ניט געהן פאַר פינף? — האָט שטיל און דערשראָקען אייבי געפרעגט.

— זאָל איך אזוי האָבען פינף מזל'דיגע יאָהרען, — האָט אָב־געשוואָרען דער פערקויפער — ווי עס קאָסט זיך מעהר.

קורץ גערעדט, אייבי האָט משלם געווען פאַר דעם אָווערקאָוט

זעקס דאָלאַר און ער איז אַ צוהיצטער, אַ צופריעדענער אַרויס פון בייסמענט מיט דעם פערפאַקטען אָווערקאָוט אונטער׳ן אָרעם.

— אַ דאָלאַר געראַטעוועט, אויך גוט! — האָט ער גערעדט פאַר זיך, און ער האָט זיך געאײַלט אַהיים.

— געקויפט? — האָט יאַכנע בעגעגענט איהר מאַן מיט שמחה.

— געקויפט! — האָט אייבי געענטפערט.

— אַ נייען?

אייבי האָט צוגעשוויגען.

— אַ נייען? — האָט יאַכנע איבערגעפרעגט.

— אַ ביסעל אַ צוגעניצטען... אבער אַ טהייערע סחורה.

— ווייז אַקאָרשט אַ בליק געבען... — האָט יאַכנע געזאָגט דער־שראָקען.

יאַכנע האָט גענומען דעם אָווערקאָוט אין איהרע הענד, זי האָט איהם בעטראַכט. פּלוצלינג האָט זי זיך אַ כאַפּ געגעבען; איהר פּנים איז געוואָרען טויט־בלאַס.

— וועה איז מיר! — האָט זי אויסגעשריען אַ פּערציטערטע.

אייבי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איהר טהוט זיך.

— וואָס איז דאָרטען? — האָט ער דערשראָקען געפרעגט.

— דאָס איז דאָך דיין אָווערקאָוט! — האָט יאַכנע ווייטער אַ געשריי געגעבען. זי האָט פערבראָכען די הענד און האָט גענומען אַרומ־לויפען איבער׳ן צימער.

— ווי הייסט מיינער?... — האָט געשטאַמעלט אייבי.

— דיינער.. דיין שמאַטע, וועלכע דו האָסט פאַר־אַ־יאָהרען אַרויסגעוואָרפען אין בארעל.

—ביזט משוגע? — האָט אייבי אויך געגעבען אַ געשריי, אבער די נשמה איז ביי איהם אַוועק אין די שפּיצען פון די פיס־פינגער.

— דיינער... דיינער... וועה! וועה! וועה! ביזטו געשלאָפען?

נאַ, קוק! — האָט יאַכנע גענומען צייגען איהר מאַן דעם געקויפטען אָווערקאָוט — אָט זיינען אַלע סמנים: אָט איז נאָך דער לעצטער געוואַלטרים, וועלכען איך האָב געפיקסט... אָט איז נאָך אַ סימן אויפ׳ן אונטערשלאַג, וואו אונזער חיים׳קע, אונז צו לאַנגע יאָהר, האָט געבראָ־כען... אוי וועה, וועה!...

יאכנע איז געווען אין דער העכסטער שטופע פון פערצווייפלונג, און אייבי איז געבליעבען שטעהן ווי פון א דונער א דערשלאָגענער...

— וויפיעל האָסטו בעצאָהלט?

— זעקס דאָלאר.

— ווער האָט דיר געהייסען... שלים—שלים—שלים־מזל! ווערה! ווערה איז מיר! זעקס דאָלאר! יעדער פעני קאָסט מיך בלוט...

יאכנע האָט זיך אוועקגעזעצט און גענומען וויינען און שלאָגען זיך קאָפּ אָן דער וואנד.

— שאַ, זיי ניט פעררירקט... — האָט אייבי פערביטערטערהייט געשטאַמעלט — איך געה איבערבייטען... ער איז גלייך ארויס פון הויז, און ער איז אוועק צו דעם זעלבען בייסמענט, וואו ער האָט געהאנדעלט זיין מציאה.

וואָס ביי אייבי'ן איז דאָרטען פאָרגעקומען מיט'ן סטאַרקיפּער איז שווער צו זאָגען. אָבער דער פאקט איז געווען, אז אין א שטונדע ארום האָט זיך אייבי א האלבער א טויטער צוריקגעשלעפּט און אונטער זיין אָרעם האָט ער געטראָגען דעם זעלבען אָווערקאָוט, וועלכען ער האָט בעפאָר געהאנדעלט.

דעם קינד'ס פראגען

עס איז א ווינטער נאכט...

דרויסען איז א ברענענדער פראסט און א שניידענדער, קאלטער ווינד... דרויסען איז „סיביר"... און אין צימער? אין צימער איז ניו יארק!

און עס איז קאלט ווי אויף דרויסען, ווייל אין צימער וואוינט אן ארבייטער, א אידישער פענטס־מאכער, און פון יעדען ווינקעלע קוקט טרויעריג ארויס די ביטערע, שטיקענדע נויט, ווייל דער פענטס־מאכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטא צו הויז — ער איז אויף א מיטינג.

די פרוי זיינע זיצט ביים אויווען און נעהט עפעס מיט'ן נאדעל — דאס פיקסט זי אויס וועש פאר שכנים און העלפט דעם מאן אין זיין סטרייק.

דאס פייער אין אויווען געהט אויס.

הפנים ווי דעם סטרייקער'ס פרוי האט דערפיהלט די קעלט, ווארום זי האט געעפענט א דעקעל און האט אריינגעקוקט אין אויווען.

האט זי א שווערען, טיעפען זיפץ געגעבען, געווארפען א טרויעריגען בליק אויף דעם לעערען פייל פון קוילען, און איז ווייטער געבליבען זיצען פערטראכט און שווער פערזארגט.

און עס איז שטיל אין צימער, בלויז דער ווינד קלאפט מיט די פערפראהרענע שויבען און א מאל אין א ווייל רייסט ער זיך אריין אין דעם קוימען פון מענטעל־פים און וויינט, אזוי הערצרייסענד, אזוי טרויעריג, עפעס ווי ער וואלט אויך געהאט א ביטערע הארץ פון א פענטסמאכער, א סטרייקער...

— מאמע — האט זיך דערהערט א קינדערשע שטימע פון בעד־רום, און די מאמע ווארפט די ארבייט און לויפט אין בעד־רום. דארט שלאפט איהר צירעלע, איהר איינציג דריי־יאהריגעס קינד.

צירעלע איז געווען בעהאלטען אין א גאנצען ים מיט שמאטעס, האט זי דאס אלעס אראבגעווארפען און וויל ארויסגעהן פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד — פרעגט די מוטער און טרייט איינדע־

קען צוריק דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעהם מיך צום אויווען, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— לעבען אויווען איז אויך קאַלט, מיין נשמה.

און די מוטער דעקט איין דאָס קינד מיט נאָך א שמאַטע און זעצט זיך לעבען איהר און טרייט זי פערשלעפּערען.

— שלאָף, מיין קינד, שלאָף, מיין נשמה.

— נעהם מיך צום אויווען — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטען קאַלט, צירעלע.

— שיט אריין קויהלען — גיט אַן עצה דאָס קינד.

— ניטאָ, מיין נחת, קיין קויהלען — זיפצט דעם סטרייקער'ס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מיין לעבען, אַט וועל איך דיר ווייזען דעם פּייל.

און די מוטער געהט אין קיטשען, נעהמט דעם לעערען פּייל און צייגט צירעלען...

צירעלע קוקט אריין אין פּייל און גיט דערביי א טיעפען קינדער־שען זיפץ.

— נאָ מאַר קויהלען — זאָגט צירעלע און איהר קינדערש פּנים'ל ווערט אזוי ערנסט טרויעריג.

— נאָ מאָר! — בעשטעטיגט די מוטער.

— געה ברענג — ראַטה דאָס קינד.

— ניטאָ קיין געלד, מיין הארץ.

— ניטאָ קיין פּעניס ? — פרעגט איבער דאָס קינד.

— יעס, מיין נשמה, ניטאָ קיין פּעניס.

— דער טאַטע ברענגט ניט ?

— יעס, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַר וואָס ?

— ווייל עס איז א סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אזוי ביינקענד, אזוי טרויעריג, אָבער דאָס קינד פערשטעהט ניט וואָס די מאַמע האָט איהר דאָ געזאָגט, זי ווייס ניט וואָס א סטרייק איז.

— שלאָף צירעניו.

— איך וויל עסען, מאַמע.
— ביזט הונגעריג, מיין אָרים פויגעלע?
— איך וויל עסען, מאַמע.
— באַלד, מיין קינד.
— און די מאַמע געהט אין קיטשען, שניידט אָב אַ שטיקעל ברויט, זוכט עפּעס מיט די אויגען אין אַלמער, געפינט גאָרנישט און ווייטער געבענדיג אַ שטילען, אָבער טיעפען זיפץ, געהט זי אין בעד־רום צו איהר הונגעריגעם קינד.
— נאַ, מיין קינד.
— וואָס איז דאָס?
— ברייטעלע!
— מיט פּוטער? — פרעגט דאָס קינד.
— יעס, מיין טאָכטער, מיט פּוטער — פּרובירט די מאַמע נאַרען דאָס קינד.
צירעלע נעהמט דאָס שטיקעל ברויט אין האַנד און דערגעהט גלייך דעם טרויעריגען שווינדעל און עסט ניט און טרייסעלט מיט'ן קאָפּ.
— איך וויל ניט, מאַמע.
— פאַר וואָס, צירעניו?
— בעשמיר מיט פּוטער.
— נישטאָ, מיין נחת, מאָרגען וועל איך בעשמירען. — דערווייל עס אַזוי.
— איך וויל ניט.
— נו, קען איך ניט העלפען.
— גיב מיר סאַפּער.
— ניטאָ קיין סאַפּער.
— גיב מיר פליישעלע און זופּעלע.
— ניטאָ, מיין קינד, ניטאָ — שוועהרט זיך די מוטער, קושט דאָס קינד און איהרע אויגען ווערען פערלאָפען מיט טרעהרען.
— טאָ גיב פּוטער — ווידערהאָלט דאָס קינד איהר ערשטע פאָדערונג.
— קינד מיינע, צו וואָס זאָל איך דיר ניט וועלען געבען, אַז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מיינע! — רעדט איין די מוטער איהר קינד.
צירעלע וויל אָבער ניט גלויבען און צייגט אויפ'ן אַלמער.

— אָט נאָ זעה, איך וועל דיר בעווייזען — זאָגט די מוטער, נעהם צום אַלמער, נעהמט די לעערע פוטער־באַל, און צייגט דעם קינד...

און צירעלע קוקט אויף דער לעערער פוטער כלי מיט אזעלכע בייגקענדע בליקען און דאָס קינדעלע... די אָרימע פויגעלע פון אַן אָרימען סטרייקער גיט ווייטער אַ שטילען, הערצרייסענדען זיפץ.

— נאָ מאָר פוטער, מאַמע — זאָגט דאָס קינד אזוי טרויעריג און פיהרט פאַנאַנדער מיט די הענדטלעך.

— נאָ מאָר, מיין לעבען — ענטפערט די מוטער, און אין איהר שטימע פיהלען זיך טרעהרען.

— נאָ פענים — ערקלעהרט די יונגע צירעלע.

— יעס, מיין טאָכטער, נאָ מאָר פענים.

— דער פאָפּאַ ברענגט ניט?

— נאָ, מיין נשמה, ער ברענגט ניט.

— פאַר וואָס, מאַמע?

— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.

אַ ווײלע בלייבט שווייגען דאָס קינד. נור פּלוצלינג טהוט עס אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מיין קינד?

— פאַר וואָס דער פּאָפּאַ ברענגט ניט קיין פענים?

— ער סטרייקט, מיין קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט ווייטער צירעלע.

— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז אַ סטרייק — ערקלעהרט די מוטער, צירעלע פערשטעהט ניט און פרעגט ווייטער:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרייק, מיין נשמה.

— אַ „בוגימען“?

— ניין, מיין קינד, קענסט עס ניט פערשטעהן... ביזט נאָך אַ יונגינקע, ועסט עלטער ווערען, ועסטו פערשטעהן...

דער ווינד ווערט שטאַרקער... פאַנגט אָן עפּעס אזוי ווי מיט אכזריות צו קלאַפּען מיט די שויבען... עס ציטערט די גאַנצע הויז... און עס הערט זיך אזא בענומענער ווײנען... צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק...

— נאַרעלע, ניט שרעק זיך, מיין לעבען...

— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע ?

— נאַרישע קינד, דאָס איז דאָך אַ ווינד...

צירעלע הערט זיך צו, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעהמט עסען דעם שטיקעל טרוקענעם ברויט...

און פון דער מוטער'ס אויגען קאַפּען אַרונטער טרעהרען אויף דעם קינד'ס קעפּעלע. אויך פון צירעלע'ס אויגען האָבען אַרונטערגעקאַפּעט אַ פּאָר קינדערשע טרעהרען אויף דעם שטיקעל טרוקענעם ברויט...

— מאַמע ! — האָט זיך פּלוצלינג דאָס קינד צוואַויינט...

— וואָס איז, צירעלע ? וועה איז מיר, וואָס וויינסטו דאַרלינג'ל ?

— וואו איז דער פּאַפּאַ ?

— ער וועט באַלד קומען, נאַרעלע...

דאָס קינד איז איינגעשלאָפען מיט דעם שטיקעל ברויט אין האַנט און דעם סטרייקער'ס פרוי האָט שטילערהייד געוויינט...

#ביידע

דער מאַנאַט דזשולײַ האָט מיט זײַנע ברענענדע היצען געבראַכט אין ריינאַך דעם עקספּרעסמאַנ׳ס הויז אַן אונגליק נאָך אַן אונגליק, אַ צרה נאָך אַ צרה.

אין די שפּעטער איז געוואָרען סלעק, פאַלגליך זײַנען אויך ריינאַך׳ס פּערדיענסטען פּערקלענערט געוואָרען, ווייל זײַן פּרנסה איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער פּלעגט פונאַנדערפיהרען אָרדערס פיר פערשיעדענע שעפּער.

ריינאַך׳ס פרוי, וועלכע איז זייט יאָהרען־לאַנג אַן אינוואַליד, איז מיט דעם אָנקומען פון די היצען ערגער און ערגער געוואָרען.

מיט אַ וואָך צוריק האָט דער עקספּרעסמאַן פּעררופען צו זיך אַ דאָקטאָר און דער מעדיצין־מאַן האָט איהם עפּעס אָנגערעדט גאַנצע הרים וגבעות, פון וואָס ריינאַך האָט נור פערשטאַנען, אַז זײַן ווייב איז געפעהרליך און יעדער טאָג קען מיט זיך ברענגען איהר טוידט... אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט; דער הויפּט אונגליק, די גרעסטע צרה איז אויף איהם אויסגעפאַלען געסטערען, ווען זײַן פערד, זײַן שפּייזער. זײַן ערנעהרער איז פון די ברענענדע היצען פּלוצלינג קראַנק געוואָרען.

דער לעצטער אונגליק האָט דעם אָרימען עקספּרעסמאַן אין גאַנצען דערשלאָגען!

צו די סלעק אין די זומערדיגע חדשים איז ער געוועהנט געוואָרען: דיעזע צרה ווידערהאָלט זיך יעדען יאָהר.

די ווייב איז דאָך שוין אויך קראַנק פון יאָהרען. אמת, ביז יעצט פּלעגט זי זיך נאָך אַרומשלעפּען איבער׳ן הויז און איצטער ליגט זי אין בעט אַ האַלב טוידטע, אָבער דאָס מאַכט אַ גאַנץ קליינעם דיפערענץ. קיין נוצען ברענגט זי זאָ־ווי־זאָ ניט, און די ווירטהין אין הויז איז זײַן עלטערע זעכצעהן יאָהריגע טאָכטער.

אָבער דער פערד!

אָהן דעם פערד קען ער ניט עקזיסטירען, זײַן ביזנעס מוז ער טענדען. זאָל ער נור עטליכע טעג ניט אַרבייטען פּערליערט ער די גאַנצע טרייד און דאַן בלייבט ער אָהן ברויט, מיט אַ קראַנקער פרוי

אויפ'ן האלז און מיט פינף קינדער, פון וועלכע ניט איינם פערדיענט א סענט.

די עלטערע טאכטער זיינע וואלט שוין יא געקענט פערדיענען איהר שטיקעל ברויט, נו, מוז זי דאך טענדען די הויז.

און דערפאר האט די פלעצליכע קראנקהייט פון דעם פערד אזוי ניעדערגעשלאגען אונזער ארימען עקספרעסמאן.

דאס פערד ליעגט אין סטייבעל... דער וועטערינאר האט ער־קלעהרט, אז מיט דער בעשעפענים האלט עס היינט ניט פרעהליך, און דער עקספרעסמאן איז אין איינע ציטערנים.

ביזנעס מוז מען טענדען. אויף מארגען האט ריינאך געדונגען א פערד און האט פאר איין טאג געמוזט בעצאהלען צוויי דאלאר אין אדוועגס; בעצאהלענדיג די קעש האט ער נאך שטארקער געפיהלט וואס זיין פערד בעדייטעט פאר איהם, און איהם איז געווארען שווערער און ביטערער אויפ'ן הארצען.

א גאנצע נאכט איז ריינאך ניט געשלאפען און געפונען זיך ביי דער זייט פון זיין קראנקען פערד, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס זיין פרוי האט געהאלטען אין זעגענען זיך מיט'ן לעבען.

אויף מארגען פריה איז ריינאך געוועזן פארטיג אוועקצופאהרען צו דער ארבייט.

— ריינאך — האט איהם צוגערופען זיין שטערבענדע פרוי.

ריינאך איז צוגעגאנגען צו דער קראנקער.

— ריינאך, וואס מאכט דער פערד? — האט די שטערבענדע געפרעגט מיט א שוואכער שטימע.

— גאט זאל רחמנות האבען — האט ריינאך געענטפערט, און א ווײלע שטיל־בלייבענדיג זאגט ער ווייטער:

— און ווי פיהלסטו זיך?

— שלעכט — ענטפערט די קראנקע — זעגען זיך מיט מיר בעפאר דו געהסט אוועק... ווען דו וועסט קומען, וועסטו מיך אפשר שוין ניט טרעפען. — און די שטערבענדע פרוי האט אריינגענומען דעם מאן'ס האנד אין איהרע קאלטע און האלב אבגעשטארבענע הענד.

— זיי געזונד, ריינאך...

ביי דעם עקספרעסמאן זיינען פלוצלינג די אויגען פערלאפען מיט

טרעהרען. ער האָט טרויעריג אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען זיין פּרוי.

— דו וויינסט, ריינאך? — האָט די שטערבענדע געפרעגט מיט אַ שמייכעל, זי האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אָן זיינע קניע און פון דעם עקספּרעסמאַן'ס אויגען האָבען אראָבגערונען אַ פּאָר טרעהרען.

— וויין ניט, ריינאך... פאָהר צו דער ארבייט... עס איז שוין ניט פריה... זאָג די קינדער... ווי זיי זאָלען זיך בעגעהן מיט'ן פערד — האָט געזאָגט די קראַנקע.

— זיי דו געזונד, מיין ווייב.

— פאָהר געזונד.

ריינאך איז אוועק אין סטייבעל נאָך אמאָל, אַ בליק געגעבען אויף זיין פערד און האָט געגעבען די קינדער אייניגע אונטעריכטונגען, ווי אזוי צו בעגעהן זיך מיט דער קראַנקער בעשעפעניס, אונטערדעסען האָט ער אָנגעזאָגט זיין צעהן־יעהריגען אַלבערט'ן, אַז אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג זאָל ער אוועקלויפען אהין און אהין, אין יענעם און יענעם שאַפּ, וואו איהם וועט ביי דער זעלבער צייט אויסקומען צו זיין, און ער זאָל אָנזאָגען וואָס עס הערט זיך אין דער היים.

— גיט אויך אכטונג אויף דער מאַמע'ן — האָט ריינאך געזאָגט זיינע לעצטע ווערטער און ער איז אוועקגעפאָהרען צו זיין ארבייט...

*

אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג איז ריינאך געווען נאָהענט פון יענעם שאַפּ, וואוהין זיין קינד האָט איהם בעדאַרפט ברענגען נייעס פון דער היים, און צופאָהרענדיג צו דעם בעשטעלטען אָרט, פּרובירט דער עקספּרעסמאַן טרעפען זיין שיקזאַל.

„אפשר האָט דאָס קינד אָנגעזאָגט — טראַכט ריינאך — אַז עס איז שוין נאָך דעם פערד", און דעם עקספּרעסמאַן ווערט שרעקליך שווער אויפ'ן הארצען.

„וואָס טהוט מען דאַן?" — טראַכט ער ווייטער און דריקט אזוי פערצווייפעלט מיט די פּלייצעס.

דער פערד איז ניט אינשורט, אָבגעשפּאָרטע געלד אויף צו קויפען אַן אנדער פערד האָט ער ניט, דינגען אַ פערד איז אַ קנאַפּער תכלית, עס וועט ניט זיין ניט אויפ'ן פערד און ניט פאַר זיך.

„וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?" — שעפּטשעט ריינאך און

איהם ווערט אזוי אומעטיג, אזוי ביטער, און איהם דאכט זיך, די גאנצע וועלט ענדיגט זיך.

„און אפשר וועט די בשורה לויטען, אז די ווייב איז שוין געשטאר־בען" — טראכט ריינאך ווייטער... און זיין הארץ פערבלייבט זיך שטיל און רוהיג.

עס וועט ניט פארקומען קיין שום ענדערונג אין זיין געזינד, די לאגע וועט נאך פערלייכטערט ווערען, ווארים די קראנקע איז אן איבעריגע פערזאן אין הויז, און פערשאפט בלויז טראבעל. ריינאך פערגעסט דערביי ניט, אז די אלטע איז פערזיכערט אין הונדערט און פופציג דאלאר, פון די פיונעראל עקספענסעס וועט נאך איבערבלייבען עטליכע דאלאר... דער עקספרעסמאן זעהט פאראוים א גאנצען פיקניק און איהם ווערט פרייער אויפ'ן הארצען.

ווייט, ווייט אין א טיעפען, פערבארגענעם ווינקעל פון דעם עקס־פרעסמאן'ס נשמה לאזט זיך הערען א שוואכע שטימע פון זיין געוויסען, אין דער פארמע פון א שטילען בייזקענדען וועהטאג. עס עראינערט זיך דער עקספרעסמאן, ווי אזוי זיין אלטע איז אמאל געווען יונג... די קראנקע איז געווען געזונד, די שטערבענדע איז געווען שעהן און האט געבליהט... עס קומען איהם ארויף אויפ'ן זינען עראינערונגען, וועלכע שילדערען אין פערשיעדענע בילדער, ווי אזוי די קראנקע האט אוועקגעלעגט איהרע יאהרען, איהרע כחות, זייענדיג א טרייע ווייב, אן איבערגעבענע הויז־ווירטהין און ארבייטענדיג טאג אזוי ווי נאכט שווער און ביטער אויף איהם און אויף די קינדער...

טומאנע, אונדייטליך דערפיהלט ריינאך, אז זיינע מחשבות, זיינע פריהערדיגע רעכענונגען וועגען זיין פרוי זיינען א פערברעכען. עפעס דריקט איהם צוזאמען ביים הארצען... אבער דאס דויערט ניט לאנג, דער קאלטער, טרוקענער אינטערעס פערשטיקט די שוואכע שטימע פון געוויסען און ווען דער עקספרעסמאן געהט אריין אין שאפ פיהלט ער גאנץ דייטליך, אז איהם וואלט זיך בעסער וועלען הערען, אז זיין פרוי איז געשטארבען, איידער צו דערוויסען זיך, אז דער פערד איז טוידט.

— גוד עפטער נון, מיסטער ריינאך — האט דער פארמאן פון שאפ מיט א פריינדליכער שטימע בעגעגענט דעם עקספרעסמאן.

דער עקספרעסמאן האט זיך פערנייגט און האט געענטפערט מיט

דעם זעלבען פריינדליכען געדוס, ריינאך האט אבער אויך פערשטאנען אין דעם פארמאן׳ס פריינדליכקייט מיטלייד צו איהם און ער האט געוואוסט, אז פאר איהם איז דא א טרויעריגע בשורה אין זאפאס.

— איז מיין באי דא געוועז? — האט דער עקספרעססמאן געפרעגט מיט א ציטערדיגער שטימע.

— יעס, געוועז.

— וואס הערט זיך ביי מיר צו הויז?

— ליידער, קיין פרעהליכע נייעס — האט געענטפערט דער פארמאן.

— איז מיין פערד טוידט? — האט ריינאך א פרעג געגעבען און זיין הארץ איז געבליבען א ווייל[ע] שטיל שטעהן.

— ליידער, יעס.

ריינאך איז געווארען בלאס ווי א טוידטער.

— וואס מאכט מיין פרוי? — האט ער ווייטער געפרעגט עפעס אזוי ווי אויטאמאטיש.

— האט קוראזש, אלטער מאן — האט דער פארמאן טרויעריג געענטפערט.

— געשטארבען?

— זי איז יעצט אין הימעל.

ריינאך האט פערבראכען מיט די הענד; דער מאן האט עס אבער געטהאן בלויז פון אנשטענדיגקייט וועגען. אויפ׳ן הארצען איז איהם גראדע געווארען פרייער פון דער לעצטער בשורה, ווארים אין זיין געדאנק איז איהם גלייך דורכגעלאפען די „אינשורענס" פאר זיין פרוי, און ער האט אין דעם דערזעהן א רעטונג פאר זיך.

— פאהר אהיים צו דיין טוידטער ווייב, צו דיינע קינדער — האט דער פארמאן געזאגט און געקוקט אויף ריינאך׳ן מיט מיטלייד.

— יעס, מען מוז פאהרען — האט ריינאך געענטפערט, און ער האט שוין געוואלט געהן צום טהיר.

— איין מינוטעלע — האט איהם דער פארמאן אבגעשטעלט.

ריינאך איז געבליבען שטעהן.

דער פארמאן האט ארויסגענומען פון אן אלמער א באטעל בראנפען, אנגעגאסען א גלעזעל און דערלאנגט צו ריינאך׳ן — טרינק, ברודער!

רײנאַך האָט אױסגעטרונקען.

— פערליר ניט דײן מוטה — האָט דער פּאָרמאַן געטרײסט דעם עקספּרעסמאַן און האָט איהם דערלאַנגט נאָך אַ גלעזעל.

רײנאַך האָט אױסגעטרונקען, און האָט מיט אַ גענאַרטער װײנענ־דיגער שטימע געזאָגט:

— אָט אַזױ שטראָפט מיך גאָט.

— מען טאָר ניט זינדיגען — האָט דער פּאָרמאַן געזאָגט פון זײן זײט. — מיט אײן האַנד שטראָפט גאָט און מיט דער צװײטער ערבאַ־רעמט ער זיך.

— ריכטיג, ריכטיג — האָט רײנאַך צוגעגעבען, און דער מאַן איז מיט אַ לײכטען, פרײען געמיטה אַרױס פון שאַפּ.

מאיר דעם ביגלער׳ס באַנדעל

נאָך פּסח, ווען די זון טהוט אַ ברען און עס קומט אָן דער ליעבער זומער, קלייבט אוים גאָסיע אַ טאָג, ווען איהר מאַן, מאיר דער ביגלער, אַרבייט ניט און ביידע געהען אויסראַמען דעם ווינטער פון הויז.

גאָסיע קלייבט צוזאַמען די ווינטערדיגע קליידער, איהר מאַן׳ס היטעל, איהר אייגענעם ווינטערדיגען בגד, ביידענס צוריסענע וואָלענע זאָקען, ווארעמע שמאַטעס, וואַטאָווע טיכער א. ז. וו. זי לעגט עס אַלעס אין אַ קופּע אויפ׳ן פּלאָר, שטעלט זיך אַוועק לעבען דעם אין אַ דראַמאַ־טישע פּאָזע און רופט אוים מיט אַ פערטראַכטער אָבער הויך־קלינגענדער שטימע:

— מאיר, קום אַקאָרשט אהער!

מאיר ערשיינט זאָפאָרט.

— וואָס דאַרפסטו מיך? — פרעגט ער זיין אידענע.

— וואָס טהוט מען מיט דעם? — ציינט איהם אָן גאָסיע אויף דער קופּע מיט די ווינטערדיגע טראַנטעס.

מאיר שטעלט זיך אַוועק לעבען דער קופּע טראַנטעס, בלייבט אַ ווײַלע שטעהן, בעטראַכטענדיג מיט דורכדרינגענדע בליקען די חפצים... זיין פּנים ווערט ערנסטער און ערנסטער, אַמאָל אין אַ ווײַלע טהוט ער אַ דריק מיט די פּלייצעס, עפּעס אַזוי ווי אויסדריקענדיג מיט דעם אַ שטאַרקען צווייפעל, נור פּלוצלינג טהוט ער זיך אַ כאַפּ און זאָגט פעסט און ענטשלאָסען:

— אַרויסוואַרפען אויף אַ ריינעם אָרט!

— אַ שאָדען — ענטפערט געלאַסען גאָסיע.

— טראַנטעס — מאַכט מאיר.

— פון דעסטוועגען — ענטפערט גאָסיע.

מאיר פאַלט אויף די קניע פאַר דער קופּע שמאַטעס און קוקט עס איבער נאָך אַמאָל.

— אויף אַ ריינעם אָרט — זאָגט ער ווייטער ענטשלאָסען.

— און איך זאָג אַז עס איז אַ שאָד. — האַלט זיך גאָסיע ביי איהר מיינונג.

— טראַנטעס, מען קען דאָס שוין מעהר ניט טראָגען.

— האָסטו אַנדערע ? — פרעגט גאָסיע, און אין איהר טאָן הערט זיך אַ פאָרוואורף.

— ביז איבער־אַ־יאָהר האָבען מיר אַ גוטען גאָט — האָפּט מאיר.

— האָפען מעג מען — גיט צו גאָסיע — פון דעסטוועגען ווייס איך דיינע ביטערע פּרנסות... אויפ'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט איז דאָ און ווייטער איז אפילו אויף אַ העמד ניטאָ.

— נו, אָבער אז מען קען דאָס מעהר ניט „יוזען" — רעדט שוין אביסעל בעליידיגט מאיר — אז מען וועט מוזען אַנדערע האָבען וועט ניט זיין קיין תירוץ, וועט מען דערקאַזען.

— זאָל מען דאָס נעהמען טאַקע גאָר אַזוי און אַרויסוואַרפען ? — גלויבט זיך דאָס גאָר ניט גאָסיע'ן.

— ניין, וואָס עפּעס אַזוי גאָר, מאַך פריהער אַ הספד — שמייכעלט מאיר גוטמוטהיג.

— אַס וועניגסטען קען מען דאָך דערפאַר עפּעס נעהמען ביי אַ רעגס־מאַן — זאָגט גאָסיע מעשה ווירטהין.

— נו, טאָ געה רוף אריין אַ רעגס־מאַן — האָט מאיר גאָרניט וואָס אויסצוזעצען דאַגעגען.

גאָסיע וויל שוין געהן צום טהיר, נור זי טהוט אַ וואָרף אַ בליק אויף די שמאַטעס, קעהרט זיך אום און בלייבט שטעהן.

— ניין, מאיר — זאָגט גאָסיע ענטשיעדען — איך וואָרף דאָס ניט אַרויס.

— דאַרף מען ניט — ענטפערט מאיר.

— איך וועל מאַכען אַ באָנדעל און אַראָבטראָגען אין קעלער.

— זאָל זיין אַזוי — אַרט עס ניט מאיר'ן.

גאָסיע מאַכט אַ באָנדעל און מאיר שלעפּט עס אַרונטער אין קעלער.

*

דער שעהנער זומער לויפט זיך מיט זיין וועג... עס איז הייס, עס איז דושנע, מאיר שוויצט און פאָכט מיט דער נשמה אין שאָפּ, גאָסיע מאַטערט זיך אין דער היים... מען געהט אַרום האַלב נאַקעט, מען וואָלט גערן פון זיך די הויט אַרונטערגעריסען... און ניט דעם בינגלער, און ניט

זיין ווייב ליעגט אפילו אין דער מחשבה ניט דער אָרימער באַנדעל, דאָרטען אין קעלער.

דער באַנדעל אָבער פאַלט ביי זיך ניט אראָב, ער ווייס שוין פון יאָהרען וואס מיט איהם פאסירט און וועט פאסירען.

אין פרנסה געהט מאיר דעם ביגלער אזוי ווי געוועהנליך.

מאיר ביגעלט און דער באָס שניידט. מאיר סטרייקט און דער באָס שווייגט. מאיר האָט סלעק און דער באָס ווארט, מאיר גיט נאָך און דער באָס לאכט... און אזוי לויפט פערביי דער ליעבער ווארימער זומער...

ביי טאָג, ווען די זון ברענט, איז נאָך ווארים; נור פריהמאָרגען און ביינאַכט איז שוין גוט קאַלט.

ווען מאיר לויפט פארטאָג צו דער ארבייט, כאַפּט ער אַ פיינעם ציטער, און אהיים פון דער ארבייט קומט ער אויך בלוי ווי אַ קעסיל.

גאָסיע פריהרט אויך צו ביסלעך.

זי קלייבט אוים אַ טאָג, ווען דער מאַן איז צו הויז, און זי נעהמט שמועסען וועגען „אריינצעהמען" דעם ווינטער אין שטוב.

— מאיר — פרעגט גאָסיע — וואס וועט זיין?

— וואס זאָל זיין? — פרעגט מאיר פון זיין זייט.

— עס איז שוין ווינטער — זאָגט גאָסיע.

— איך זעה — ענטפערט מאיר.

— עס איז שוין גוט קאַלט. — זאָגט גאָסיע.

— איך פיהל — ענטפערט מאיר.

— וואס טהוט מען? — פרעגט גאָסיע.

— וואס זאָל מען טהאָן? — פרעגט מאיר פון זיין זייט.

— עס איז ניטאָ אַ ווארימע טיכעל אין הויז — טהיילט מיט גאָסיע אַ ביטערע בשורה.

— איך וויים — ענטפערט שטיל מאיר, און לאָזט אראָב טרויעריג דעם קאָפּ. ביידע טראַכטען דערביי וועגען דעם באַנדעל אין קעלער, נור פאר עפּעס ווילט זיך ביידען ניט דערמאָנען וועגען איהם.

— געה אקאָרשט אין קעלער — ברעכט גאָסיע איהר הארץ.

— הא? — פרעגט מאיר תמ'עוואטע.

— אין קעלער, דעם באַנדעל — ווידערהאָלט גאָסיע, און ביידע גיבען דערביי אַ שווערען, האַפנונגסלאָזען זיפץ...

מאיר לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, איז זיך מטריח אין קעלער, און באַלד איז דאָ אַ גאַסט אין הויז: דער באַנדעל מיט די שמאַטעס, וועלכען מען האָט געוואָלט ארויסוואַרפען אין אָנפאַנג זומער.

מאיר און גאָסיע פּאַלען אין גרויס עהרע־פורכט אויף די קניע פאַר דעם באַנדעל מיט די טראַנטעס, מען בינדט עס אויף, און ביידע הויבען אָן בעטראַכטען די חפצים.

— נאָך גאָר אַ גוטער אָוועקאָוט — מאַכט מאיר צופריעדען.

— מען קען עס נאָך טראָגען אַ ווינטער. — גיט צו גאָסיע.

— אַ ווינטער ניט אַ ווינטער, ביז גאָט וועט העלפען אויף אַ נייעם, קען מען איהם נאָך נוצען — מאַכט מאיר אַ פּשרה.

— און מיין בגד איז נאָך אויך גאָר אַ גוטער — זאָגט גאָסיע, און צייגט מאיר׳ן איהר בגד.

— מען וועט דאַרפען עטוואָס צופיקסען — מאַכט מאיר אַ פּשרה.

— און די זאָקען זיינען נאָך אויך גוט גענוג — זאָגט גאָסיע.

— גוט וועט זיין — ענטפערט מאיר.

— יעדער ברעקעלע וועט צוניץ קומען — זאָגט גאָסיע.

— ווינטער איז אַלץ גוט — גיט צו מאיר.

מען צונעהמט דעם באַנדעל, און די חפצים פערנעהמען זייערע אַלטע עמטער...

און אַזוי שפּאַצירט דער באַנדעל פון הויז אין קעלער און פון קעלער אין הויז, און ווייטער פון הויז אין קעלער, און צוריק פון קעלער אין הויז... שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען...

זיצט שבעה אויפ'ן רוף

וואו ער געפינט זיך א גאנצענעם גרויסען טאָג קען איך קיין רעכענונג ניט אָבגעבען, נור ווען דער לאַנגער, זודיגער זומער־טאָג פאַנגט אָן צו פערלאָזען די זינדיגע וועלט — (די צייט פון יאָהר ווען דיעזע סצענע שפּיעלט זיך אָב איז מאָנאט דזשולייּ) — ווען די זון פאַנגט זיך אָן צו בעהאַלטען אין מערב־זייט פון הימעל און די מילדע אבענד־שאָטענס וואקסען ברייטער און לייגגער, דאַן קומט ער.

ער רינגט אירגענד װעלכען בעל, ווייל קיין „אייגענע" בעל פערמאָגט ער דאָ אין הויז ניט און יעדער איינוואוינער פון הויז, וועמעס גלעקעל ער זאָל ניט אָנקלינגען, עפענט איהם די טהיר.

נאָך דעם שוואכען, עפּעס אזוי ווי רחמנות'דיגען רינג דערקענט יעדער איינציגער פון די „טענער" אז דאָס קומט ער — „אונזער רופ־באָרדער". מיט א גוטמוטהיגען שמייכעל טהוט מען איהם א דריק דעם עלעקטרישען באָטען און מען לאָזט איהם אריין.

ער געהט דורך אַלע שטיגען, געהט גלייך אויפ'ן רופ, עפּעס אזוי ווי אין אָן אַלטע היים, דאָ אויפ'ן רופ פערבלייבט ער שוין נעכטיגען; אויף מאָרגען בעגינען פערשווינדט ער ווייטער.

קיין וואוינונג האָט ער דאָ אין הויז ניט. ער האָט ניט קיין לאָזשי, קיינע פערוואַנדטע, קיינע לאַנדסלייט, קיינע פריינד.

דער רופ — דאָס איז זיין נאַכטלעגער. ער האָט שוין דאָ זיין קאָלדרע, וועלכע ער בעט אונטער, ווען די נאַכט איז וואַרים און שעהן און דעקט זיך צו מיט דער זעלבער קאָלדרע, ווען עס פאַלט אוים א קיהלע נאַכט אָדער ווען עס רעגענט.

פריהמאָרגענס שפּרייט ער אוים די קאָלדרע צו טריקענען זיך אָדער לופטערען זיך און אונזער רופ־באָרדער געהט פּאָרט.

וואוהין ער געהט און פון וואַנען ער קומט ווייסען מיר ניט, און קיינער אינטערעסירט זיך ניט צו וויסען. מיר פערשטעהען, אז ער זוכט ארבייט, נור דער פאַקט, אז ער קומט אימער נעכטיגען אויפ'ן רופ בעווייזט, אז זיין זוכען האָט קיין ערפאָלג ניט, און מיר האָבען ניט וואָס צו פרעגען.

אונזער רוף־באָרדער האָט אויך זיין נאָמען. ער הייסט מיסטער בלודין.

אום צו פערענטפערען די פראגע, ווי אזוי קומט עפּעס מיסטער בלודין צו אונזער רוף, מוז מען דערצעהלען א קורצע אָבער דייטליכע געשיכטע.

אמאָל איז ער דאָ אין הויז א באָרדער געוועזן. זיינע לאָזשי בעלי־בתים זיינען דאָ אין הויז געוועזן אַלטע גוטע איינוואוינער, און אונזער רוף־באָרדער האָט מיט זיי צוזאמען געוואוינט עטליכע פיינע יאָהרען.

פאר דיעזער לאַנגער צייט האָט ער אין אונזער טענעמענט הויז געקראָגען גאָר א פיינעם נאָמען.

א שטילער, א רוהיגער, א העפליכער און א פרומער יונגער מאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג איז אונזער רוף־באָרדער. זיין בלאַסער ערנסטער פּנים, זיין שטילער בענעהמען זיך האָט צו איהם ארויסגערופען רעספּעקט און יעדער פון די איינוואוינער האָט, ניט קענענדיג און ניט וויסענדיג דעם מאַן, עפּעס איהם רעספּעקטירט און געגליכען... זאָגאר דער הויזקיפּער פלעגט איהם שטענדיג אָבגעבען א ברייטען גוט־מאָרגען, טראָץ דעם וואָס בלודין איז געוועזן בלויז א באָרדער אין הויז... און אויף באָרדער קוקען די הויזקיפּער ווי אויף פאראזיטען.

די לעצטע צייטען האָט מען געקענט בעמערקען אָן בלודין׳ס פּנים, אז דעם מאַן געהט ניט אָם בעסטען. און בסוד נאַטירליך האָט יעדער איינציגער געוואוסט, אז עס איז שוין באלד א האלב יאָהר זייט בלודין האָט אויפגעהערט צו צאָהלען לאָזשי־געלד.

זיינע לאָזשי בעלי־בתים האָבען אין זיך קיין קוראזש ניט געהאַט מאַכען איהם צו מופען. אויסגעדריקט זיך האָבען זיי, אז זיי קענען איהם דאָס ניט טהאָן, ווייל ער איז אזא פיינער מאַן. נור מורמלען האָט מען געמורמעלט, אז זיי האָבען ניט קיין זיך מוטה איהם מאַכען צו מופען, ווייל אין גוטע צייטען, ווען בלודין האָט פערדיענט, האָט ער ניט געקעהרט פאר א פּעני און די לייטע האָבען ארום איהם זעהר שעהן אויסגעמאַכט. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, זיינע לאָזשי בעלי־בתים האָבען איהם אָבגעטהאָן א בייזען שפּיצעל: אין איין שעהנעם טאָג, ווען זייער באָרדער איז צו הויז ניט געוועזן, האָבען זיי געמופט. דעם אדרעס וואוהין האָבען זיי ניט אָנגעגעבען, און בלודין׳ס טשעמאָדאַן מיט די עטליכע חפצים, האָבען די לצים איבערגעלאָזען אין די לעערע

רומס. אויס רחמנות האָט דער הויזקיפּער אריינגענומען די חפצים צו זיך און ביי נאַכט, ווען דער אָרימער בלודין איז געקומען אהיים, האָט איהם דער זשעניטאָר איבערגענומען און האָט איהם אָנגעזאָגט די טרויעריגע בשורה, אז ער איז אוים באָרדער דאָ אין הויז, אז ער האָט ניט וואָס צו געהן אפּסטערז.

ווען בלודין האָט בעגריפען דעם שפּיצעל וואָס מען האָט איהם אָבגעטהאָן — אזוי דערצעהלט אונזער הויזקיפּער — איז ער בלאָס געוואָרען ווי א טוידטער. ער האָט א ביטערען שמייכעל געגעבען און זיינע אויגען זיינען פערלאָפען מיט טרעהרען.

בלודין'ס גוטע רעפּוטאציע האָט איהם אויסגעהאָלפען אין דיעזען אונגליקליכען פאַל: דער הויזקיפּער האָט מיט איהם סימפּאַטיע געקראָגען.

— האָט איהר עפּעס געלד? — האָט דער הויזקיפּער געפרעגט דעם פעראונגליקליכטען, אָבגענאַרטען באָרדער.

— איך האָב ניט — האָט בלודין געענטפערט קורץ און ערנסט.

— האָט איהר בעקאַנטע פריינד, לאַנדסלייט דאָ אין ניו יאָרק?

— קיינעם ניט — האָט בלודין פערצווייפעלט געענטפערט.

דער הויזקיפּער האָט זיך פערטראַכט, און אַז ערשטען מאָל זייט ער איז א הויזקיפּער אין אמעריקא — אזוי דערצעהלט ער זעלבסט — האָט ער רחמנות געקראָגען אויף א באָרדער און בלודין האָט געקראָגען די ערלויבניס צו נעכטיגען, אָבער בלויז נעכטיגען אויפ'ן רוף, ביז זיין לאַגע וועט זיך פערבעסערען און ער וועט זיין אימשטאַנדע צו דינגען א לאָזשי.

מיר, די שכנים פון הויז, האָבען אויס רחמנות צו דעם אָרימען וואוילען בלודין דאַגעגען גאָר ניט אויסגעזעצט, און אזוי האָט אונזער טענעמענט־הויז געקראָגען אונזער רוף־באָרדער.

מיט צוויי טעג צוריק איז אָנגעקומען צו אונזער רוף־באָרדער א בריעף פון דער היים.

אבענדס, ווען בלודין איז געקומען אויפ'ן רוף, האָט איהם איינער פון די שכנים דערלאַנגט דעם בריעף.

בלודין האָט א קוק געגעבען אויפ'ן קאָנווערט.

— פון דער היים — האָט ער פאַר זיך א מורמעל געגעבען, און זיין פערוואָלקענטער פּנים האָט עפּעס אזוי ווי א שיין געגעבען.

— איהר זעהט — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, ווייל איך בין

אין דער מינוט אויך געווען אויפ'ן רוף און בין געשטאַנען נאָהענט לעבען איהם. — איהר זעהט, דאָס איז פון דער היים... איך האָב אַמאָל אויך געהאַט א היים.... איך האָב דאָרטען א יונגע קליינע, טהייערע שוועסטערל, איך האָב דאָרטען אַן אַלטע מאַמע.

און ריידענדיג די ווערטער האָט בלודין אויפגעריסען דעם קאָנ־ווערט און גענומען לייענען דעם בריעף פון דער היים...

— אוי! — האָט בלודין פּלוצלינג אויסגעשריען.

דער לעטער איז איהם אַרויסגעפאַלען פון די הענד. ער איז בלייך געוואָרען, א כאַפּ געגעבען זיך פאַר'ן קאָפּ, א זעץ געגעבען זיך אַזוי ווי אַן אונטערגעשניטענער אויפ'ן רוף און ער האָט זיך צואוויינט אויפ'ן קול.

אַלע, וואָס עס איז נור געווען אויפ'ן רוף, האָבען זיך אַרום איהם אַרומגעקליבען.

— בלודין, וואָס איז מיט אייך? — פרעגט איינער.

— בלודין, וואָס איז געשעהן? — פרעגט א צווייטער.

— עפּעס אַן אונגליק? — פרעגט א דריטער.

— וואָס שרייבט מען אייך? — פרעגט א פערטער.

בלודין ענטפערט ניט...

בלודין ברעכט די הענד און וויינט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַזאַ מאָדנעם בליק... ווי לאַנג איך וועל לעבען וועל איך דעם בליק ניט פערגעסען. גרויסע ברענענדיגע אויגען.. פול מיט אונגליק... פול מיט געבעט...

— לאָזט מיך א ווײַלע אַליין... האָט רחמנות...

מעהר האָט ער גאָר ניט געזאָגט.

מיר זיינען אַלע אַוועק ווייטער פון איהם, דער רוף איז גרויס גענוג... נור אויך פון דער ווייטען האָבען מיר געהערט ווי ער וויינט... פערשטיקט שטיל, אָבער מען האָט געקענט הערען.

שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אָנגעזאָגט אין דעם בריעף די ביטערע בשורה, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבען. דאָס האָט איהם געשריעבען זיין קליינע שוועסטער'ל און זי האָט זיך אין דעם לעטער געבעטען, אַז ער זאָל זי נעהמען אַהער אין אַמעריקאַ צו זיך, ווײַל זי איז א יתומה'לע און ער איז יעצט איהר טאַטע און איהר מאַמע...

די וואָך טרייעט בלודין ניט קיין ארבייט זוכען, ער זיצט שבעה אויפ׳ן רוף.

דער הויזקיפּער איז אַ פרומער איד, און ער האָט איהם ערלויבט. און מיר טענער האָבען דאגעגען גאָר ניט. אדרבה, אַלע בשותפות האַלטען מיר איהם אוים די וואָך מיט קעסט.

אַ רחמנות אויף איהם. רעדט אַלץ וועגען דער פערשטאָרבענער מאמע׳ן און נאָך מעהר וועגען דער קליינער שוועסטער׳ל.

דעם קליינעם אַלבערט'ס פּסק

אַלבערט איז ניין יאָהר אַלט. ער איז קליין־געוויקסיג, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פאַר איהם קיין אָרט ניט אויסגעקומען, און ער איז פערבליבען אין הויז. עס קען זעהר זיין, אז דאַ שטעקט א השגחה פון אויבען, וואָרום אַלבערט'ס פערבלייבען צו הויז ברענגט נוצען.

אַלבערט'ס טאַטע איז א באַטאָן־האָל־מייקער, אָבער ער וועט שוין באַלד זיין ארבייט אין גאַנצען פערגעסען, וואָרום ער סטאַפּט שוין זעהר, זעהר לאַנג.

טאָג און נאַכט געהט ער ארום זוכען ארבייט, ער שלעפּט זיך אַרום פון פריהמאָרגען ביז נאַכט, אָבער ניט פאַר אייך געדאַכט — קיין ארבייט הערט זיך ניט.

ער איז שוין שוואַרץ ווי א קויהל, איהם איז שוין דאַס לעבען ניט ניחה.

אַלעברט'ס מאַמע איז א פּערדיענערין. זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הויזקעס צו פינישען, אָבער — וואָס זאָל איך אייך א סך ריידען? עס כאַפּט ניט אויף טרוקענעם ברויט. ווייבערשע פּרנסות!

אַלבערט האָט נאָך א קליינע שוועסטער, עמעלע. זי איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, און ווען איהר ווילט זיך עסען אָדער ווען איהר איז קאַלט, מאַכט זי געשרייען ביז אונטער'ן הימעל. אַלבערט האָט זעהר ליעב זיין קליינע שוועסטער'ל, און ווען ער האָט נאָר א פרייע מינוט, שפּיעלט ער זיך מיט איהר, קושט זי און וואַרימט איהר מיט'ן מויל איהרע קליינע הענדטעלעך, וועלכע זיינען אימער בלוי און קאַלט. פאַר־נאַכט פּעדעלט אַלבערט מיט צייטונגען, און אין דער פריה שאַפּט ער פאַר דער פאַמיליע קויהלען און האָלץ.

יעדען פריהמאָרגען, זייט עס האָט זיך פערצויגען דער קאַלטער ווינטער, געהט אַלבערט ארויס מיט א בעסקעטעל אין די הענד. ער געהט ארום איבער די גאַסען, האַלט די אויגען צו דער ערד, און ווען ער געפינט א קויהל אָדער א שטיקעל האָלץ, קלייבט ער דאָס אויף... אַפּט, זעהר אָפט, פריהרט די קליינע עמעלע, וואַרטענדיג אויף אַלבערט'ס בעסקעטעל.

ווען אַלבערט טרעפט אַראָבשיטענדיג א וואָגען קויהלען —

רעכענט ער דאָס פּאַר זיין טשאַנס. ער וואַרט אימער איבער ביז וואַנען מען ענדיגט דעם אַראָבשיטען, נאָכהער געהט ער צו מיט זיין בעסקעטעל, און דאָס רוב קלייבט ער אויף עטליכע קויהלען אין איין מאָל.

אַלבערט קומט אַהיים אַ צובראָכענער אויף ברעקלעך; אָבער די מאַמע קושט איהם אָן, מאַכט פייער. ער זעצט זיך אַוועק לעבען אויוועז מיט דער קליינער עמעלען און ער איז גליקליך.

די לעצטע נסיעה האָט אָבער אַלבערט'ן זעהר און זעהר ניט אָבגעגליקט.

דאָס איז געוועזן אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־טאָג. די זון האָט אפילו געשיינט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איהר אויסגעלאַכט — ער האָט געקעניגט. ער האָט געביסען און געריסען אויף טוידט.

די מאַמע וואָלט אפשר אַלבערט'ן ניט אַרויסגעלאָזען אין אַזא פראָסט צו קלייבען קויהלען, אָבער די קליינע עמעלע איז עפּעס קראַנק געוועזן. זי האָט געשלוקערצט און געציטערט ווי אַ בלאַט. אין הויז איז געווען זעהר קאַלט. קויהלען איז אפילו געוועזן אביסעל, אָבער צו ווענינ אום איינצוהייצען. קיין געלד פאַר וואָס צו קויפען איז אויך ניט געוועזן. נו, האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטהאָן איהר גוטען זוהנעלע אין אַ בארג מיט שמאַטעס און האָט איהם אַוועקגעלאָזען מיט זיין בעסקעטעל.

אַלבערט איז אַרוים אויף דרויסען...

די קעלט האָט זיך דורכגעקליבען דורך די שמאַטעס, און האָט איהם גענומען צערטליך אַרומנעהמען, עס האָבען איהם גענומען ציטערען אַלע גליעדער, אָבער איהם האָט דערפאַר געגומען גליקען: ער האָט עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד בעגעגענט אַראָבשיטענדיג קויהלען און צו יעדער מאָל האָט ער געמאַכט ניט שלעכט.

איהם האָט גענומען זעהר שטעכען אין די פינגער פון די הענד און פון די פיס, און ער איז שוין אַ היים געלאָפען, טראָגענדיג מיט זיך אַ „שעהנע ביסעל“ קויהלען.

אַך, ווי קאַלט איז איהם געוועזן! ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט פערפראָרען; אָבער אָט איז פאַר זיינע אויגען נאָך אַ וואָגען; די קויהלען האָט מען שוין באַלד געהאַט אַראָבגעשאָטען און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטען.

אַלבערט האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפען אַ פוס אָן אַ פוס.

די קויהלען זיינען געווען אראבגעשאטען; אלבערט איז גלייך צוגעגאנגען מיט זיין בעסקעטעל און גענומען אויפקלייבען די שטיקלעך איבערגעלאזענע קויהלען.... פלוצלינג האט איהם איינער געגעבען מיט'ן פוס א שטארקען שטויס...

דער דערשראקענער באי איז אויפגעשפרונגען א פערציטערטער.

נעבען איהם איז געשטאנען א גרויסער, פערשווארצטער איטא־ליענער קויהלען־מאן, און האט עפעס געשריען.

אלבערט האט געוואלט נעהמען לויפען, אבער דער קויהלען־מאן האט איהם אנגעכאפט, ארויסגעריסען דאס בעסקעטעל מיט די קויהלען פון זיין האנד, אויסגעשאטען פון איהם די קויהלען און האט איהם פערשליידערט פאר א האלבען בלאק. ביי דעם קינד האט דאס הארץ פערקלעהמט פון וועהטאג און די אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעהרען.

ער האט אויפגעהויבען דאס בעסקעטעל, א קריהם געטהאן זיך פון דער ווייטען אויף דעם צורייצטען איטאליענער און איז וויינענדיג אהיים געגאנגען...

אי, וועט דארטען פריהרען די קליינע עמעלע...

צוריק אין דיספּענסערי

נחום איז געווען אַ בעקער, דאָס הייסט ער איז געלעגען טיעף אין דער ערד, האָט געבאַקט ברויט און פּרעמדע האָבען עס געגעסען. דורכשניטליך האָט נחום פערדיענט זיינע פינף דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט ניט פאַר אייך געדאַכט פערמאָגט אַ ווייב מיט דריי קינדערלעך און איז געווען נישקשה'דיג אויף צרות.

נחום'ס ווייב האָט געהייסען גיטעל.

גיטעל איז געווען אַ הויכע פרוי, הויט און ביינער, מיט שוואַכע, אויסגעוויינטע אויגען.

אָט די גיטעל, נחום דעם בעקער'ס אשת חיל, איז געווען אַ שטענדיגע פּאַציענטקע אין די אָרומיגע דיספּענסעריעס, וואָרים דער, וועלכער עס שפּייזט אַ ווערימעל אונטער אַ שטיין, האָט צוזאַמען מיט רעם דלות איינגעטהיילט נחום'ען אַ פיינעם פּעקעל קריינק. זייט נחום געדענקט זיך און זיין געזינדעל, פּאַכען זיי אַלע, פון קליין ביז גרויס, מיט די נשמות. ער אַליין איז אַ „הארמאַטיזניק". עס ציהען איהם און ברעכען איהם די פיס. ער קען ניט אָבבייגען דעם קרייץ און אין אַלע גליעדער פיהלט ער אַ מין חלשות. זיין גיטעל האָט אַ קלאַפּפּענעס אין הארצען, אַ שוואַכקייט אין די אברים; עס קלינגט איהר שטענדיג אין קאָפּ און די אויגען ווערען איהר אַלץ דונקעלער און דונקעלער.

דער עלטערער זוהן נחום'ס, אַלבערט, וואָלט געווען אַ גאַנץ פיינער באָי, ווען ער וואָלט געווען עטוואָס גרעסער און געזינדער.

ער איז שוין אַלט, קיין עין הרע, צעהן יאָהר, און גרויס איז ער ווי פון זעקס, — קוים וואָס ער אָטהעמט נעבעך. און דערהויפּט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, איז ביי איהם די קעפּעלע ניט ריינלעך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד.

צירעלע, אַ פינף־יאָהריגע מיידעלע, זאָל זיך האָדעווען אין גליק,— זאָגט די מאַמע — וואָלט געווען אַ „רעגעלע דאָלע", ווען זי וואָלט ניט געווען קיין „זאָלאָטושנע". דער שפּיץ פון נעזעל איז ביי איהר אימער רויטלעך און פון אונטער די אויערען רינט עפּעס אימער.

דער אינגסטער אינגעלע, בערקע, איז אַ גאַנץ פיינע קינד, נור

שוואַכלעך אויפ'ן מאַגענדעל. ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין טראַבעל מיט זיין מאַגען, וואָלט ער געווען אַ מזל ברכה אין הויז.

אמאָל, אין די גוטע יאָהרען, פלעגט נחום מיט זיין „הארמאָטיז" ארומגעהן אָפט צו דאָקטוירים אין דיספּענסעריעס; אָבער די לעצטע ציימען, זעהענדיג אַז איהם העלפט וועניג, האָט ער דאָס אויפגעהערט און ניצט בלויז היימישע רפואות.

גיטעל האָט איהרע האָפענונגען אָבער נאָך ניט אָבגעגעבען. עד היום, ווען זי כאַפּט נור אַ ליידיגע מינוט, און האָט דערביי אַ פּאָר פּענים אין פּאַקעט, לויפט זיך גלייך אין דעספּענסערי, דאָס מיט אַלבערט'ן, דאָס מיט צירעלען, דאָס מיט בערעלען און אַן אַנדערש מאָל טאַקע מיט זיך אַליין.

גיטעל האָט שוין איבערגענומען גאַנצע ים'ען מיט רפואות און זי געהט אין דיספּענסאַרים.

לעצטע וואָך האָט בערקע גענומען עפּעס צוקרימען זיך. גיטעל איז מיט איהם גלייך אַוועק אין אַ נאָהענטער דיספּענסערי, גענומען אַ רפואה און גענומען מיט מזל געבען דעם קראַנקען.

אין מיטען נאַכט איז גיטעל אויפגעשטאַנען, ניט טויט ניט לעבעדיג. דאָס קינד איז געוואָרען ערגער. איהם האָט גענומען ברעכען. ער האָט זיך אָנגעצונדען ווי אַ פלאַקער און איז געוואָרען גאָר אַ חרוב'ער.

אַז גיטעל האָט איבערגעלעבט די נאַכט איז זי געווען שטאַרקער ווי אייזען.

מיט'ן טאָג איז דאָס קינד עטוואָס בעסער געוואָרען, און עס איז אַנשלאָפען געוואָרען.

ווען נחום איז געקומען פון דער בעקער גרוב, האָט ער דערזעהן זיין ווייבעל זיצט ביי בערקע'ס געלעגער און וויינט. דער אָרימער טאַטע איז געוואָרען אַ פּערציטערטער. די פיס האָבען איהם אונטער־געבראָכען.

— גיטעל, וואָס? — האָט ער קוים ארויסגערעדט — וואָס איז מיט אונזער בערקע'ן?

— קראַנק... זעהר קראַנק. גאָט זאָל זיך מרחם זיין — האָט זיך גיטעל נאָך מעהר צוואויינט.

— וואָס איז געווען? וואָס איז געשעהן?

גיטעל האָט דערצעהלט איהר מאַן וואָס מיט דעם קינד איז פאָר־געקומען די נאַכט.

— אָבער וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? — האָט נחום פערבראָכען די הענד.

— איך ווייס? דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר...

— זאָלסטו מיט איהם ווייטער געהן אין דיספּענסערי?

— איך ווייס? זאָל איך אַזוי וויסען פון בייז.

— נו, וואָס דען זאָל מען טהאָן?

— איך ווייס אויך ניט... אפשר.. אפשר... וואָלט מען בעדאַרפט פּרוּאוּוען א דאָקטאָר?... — האָט עפּעס ווי מיט שרעק גערעדט גיטעל.

— א דאָקטאָר?

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אז איך האָב פּראָסט מורא טאָמער טאָר מען איהם אין גאַס ניט ארויסטראָגען.

— נו, וועסטו רופען אהיים? — האָט נחום תמ'עוואַטע געפרעגט.

— איך ווייס?...

— דאָס שמעקט מיט א דאָלאַר...

— איך ווייס מיינע צרות!...

— אז דער דאָלאַר וואָלט כאָטש געווען... דער דלות איז אזוי גרויס, אז קאָם וואָס מען האַלט איין די נשמות. פינף דאָליאַרעס האָב איך יעצט געבראַכט. וואָס פאַנגט מען מיט זיי אָן צו טהאָן? וואָסערע לעבער פערשטעקט מען מיט זיי פריהער?

— איך ווייס? איך ווייס? — האָט גיטעל געזאָגט — דו געהסט ארום א נאַקעטער; איך בין גאָר א הוילע. עס איז כמעט א העמד ניטאָ אויפ'ן לייב. די קינדערלעך זיינען צוריסען, צושליסען, אָבער מאַך עפּעס — אז גאָט שטראָפט. זעהסט דאָך, דאַרף בערקע ווערען אזוי קראַנק...

— געשמאַקע צרות...

— בערקע, קינד מיינס טהייערס, וועה איז מיר, וואָס איז דיר געשעהן? אזא קינד, אזא קינד!... — האָט גיטעל זיך ווידער צואוויינט.

— נו, שא, משוגענע... עס וועט גאַנץ זיין... עס איז יעצט אזא איבערגאַנג, עס איז גאָרנישט.

— יעם? — האָט גיטעל א שווערען זיפץ געגעבען, עפּעס אזוי

ווי ביי איהר וואָלט אראָבגעפאַלען אַ שטיין פון הארצען — אַ, הלואי, הלואי! אָבער פון דעסטוועגען וואָלט איך וועלען פּרואווען אַ דאָקטאָר. מען זאָגט דאָך, אַז מען רופט אַהיים איז עפּעס גאָר אַן אנדער מזל־ברכה.

— אַ חידוש! — האָט נחום געענטפערט — אַ דאָלאַר איז אַ דאָלאַר...

— נו, וואָס זאָל מען טהאָן? אַזוי ווי מיט דעם דאָלאַר אַזוי אָהן דעם דאָלאַר; און איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אַז עס וועט גאָר קיין דאָלאַר אויך ניט קאָסטען.

— ווי הייסט? — האָט נחום געפרעגט פערוואונדערט.

— איך וועל דיר זאָגען, — האָט גיטעל איהם געמאַכט אַ רעכנונג — מיט אַלבערט'ן און מיט צירעלע'ן מוז איך, אַזוי ווי מען מוז לעבען אויף דער וועלט, ווייטער געהן אין דיספּענסערי. ביי צירקע'ן פלאַקערט עפּעס דאָס נעזעל היינטיגע וואָך ווי צונטער, און ביי אַלבערט'ען איז דאָס קעפּעל געוואָרען פיעל ערגער. נו, אַז איך זאָל געהן מיט זיי און מיט בערקע'ן דאַרף סאַי ווי סאַי קאָסטען דרייסיג סענט, פערשטעהסטו מיך, און אַז אַ דאָקטאָר וועט זיין אין הויז, וועט מען שוין אויף זיי אויך אַ פרעג געבען.

— נו, זאָל מען שוין מאַכען אַ ריס אין הארצען! — האָט נחום געענטפערט.

— און ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען אַ סוד? — האָט גיטעל ווייטער גערעדט — עס וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אַז דו אַליין זאָלסט אַ פרעג געבען ביי אַ דאָקטאָר אויף דיינע ברעבענים. קרעכצעסט דאָך אָב גאַנצע נעכט. עס איז דאָך אַ גרויל!

— ניין, ניין! — האָט נחום געענטפערט — און אויף דיינע אויגען וואָלסטו אויך געמעגט אַ פרעג געבען.

— איך וועל זעהן, ווי דאָס וועט האַלטען.

— איך האָב מורא...

— וואָס?..

— איך ווייס? ער וועט אפשר ניט וועלען זאָגען גאָרניט?

— נו, פּטור נו, — האָט גיטעל פערזיכערט איהר מאַן — אַז ער וועט שוין דאָ זיין, וועט ער שוין ניט זיין אויף אַזוי פיעל שלעכט.

— נו, זאָל מען זיך שוין מאַכען אַ לאַך אין הארצען... אבער וועמען רופט מען?

— אַט איז אַ דאגה! קענסט קריגען דעם בעסטען דאָקטאָר. פאַר אַ דאָלאַר וועט צו דיר יעדער געהן. אבי נור רוף.

— ניין, מיין ווייבעל! — האַט נחום געזאָגט מיט אַ פעסטען קול, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געווען אַן אַלטער מבין אין דער זאַך — ניין, מיין ווייבעל, מען דאַרף וויסען מיט וועמען מען האַט וואָס צו טהאָן. אַן אנדערער קען דיר אָנמאַכען אַזאַ חתונה, אַז דו זאָלסט דיך האָבען מיט וואָס צו קראַצען.

— וואָס איז דאָס?

— וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט, חמור? זיי היילען, היילען און דערהיילען אַלץ ניט אזוי, אַז מען זאָל דאַרפען רופען וואָס אָפטער.

— ניט דאָ גערעכט, משוגענער! — האַט גיטעל איבערגעשלאָגען.

— ניט דאָ גערעכט, ניט צעהן מאָל גערעכט... — האַט נחום זיך אָבגעשפּויגען.

— נור עה... — האַט גיטעל ווייטער געזאָגט.

— וואָס עה?

— ער וועט זעהען אַז דאָס איז ניט דער אָרט. דער דלות ברוך השם קלאָגט אין יעדער ווינקעלע, ער וועט זעהען אַז דאָ קען מען ניט ציהען.

— יעס, אָבער פון דעסטוועגען..

— איך וועל דיר זאָגען, רוף דעם דאָזיגען.

— וועמען?

— אַלטערמאַנען. די מיסיס וויינשטיין זאָגט אַז ער איז אַ גוטער און אַן עהרליכער דאָקטאָר. צו איהר חיים'קען, אונז צו לאַנגע יאהר, האָט זי איהם אַ לאַנגע צייט גענוצט.

— וואו געפינט זיך דער אַלטערמאַן?

— דו געה צו דער מיסיס וויינשטיין, וועט זי דיר זאָגען.

נחום איז אַוועק רופען דעם דאָקטאָר.

דאָס קראַנקע קינד האָט נאָך אַלץ געשלאָפען. בלויז צייטענווייז פלעגט בערקע אַ שווערען זיפץ טהאָן אין שלאָף.

גיטעל האָט גענומען אַ ביסעל אויפראַמען אין הויז לכבוד דעם קומענדען דאָקטאָר.

אין גיכען איז נחום צוריקגעקומען.

— גו, וואס? — האט גיטעל געפרעגט.

— ער וועט באלד קומען.

אין א האלבע שטונדע ארום האט מען ביי נחום'ען האסטיג אנגעקלאפט אין טהיר. און טאקע באלד איז אריין א מאן מיט א שפיציג בערדעל — דאס איז געווען דער דאקטאר.

— דא וואוינט נחום? — האט ער הויך געפרעגט.

— יעס, יעס! — האט נחום געענטפערט און האט אריינגעפיהרט דעם דאקטאר אין פראנט רום.

— וואו איז דער קראנקער? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

נחום האט דערלאנגט בערקען צו דעם דאקטאר.

דער דאקטאר האט דעם חולה ארומגעזעהען, ארומגעהערט, ארומגעקלאפט, ער האט אויף זיך אנגעצויגען עפעס אן ערנסטען פנים, עפעס אזוי ווי ער וואלט טאקע דא געהאט צו ראטעווען דעם קראנקען. ער האט א זיפץ געגעבען, אוועקגעזעצט זיך, ארויסגענומען א פענסיל מיט א שטיקעל פאפיער, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעדרוקט זיין נאמען און, איך וויים ניט צו וואס, נאך א נאמען און די פירמע פון א געוויסען אפטייקער און ער האט זיך פערטראכט.

באלד האט ער עפעס אנגעשריעבען אויף דעם פאפיער.

— אט איז דא פאר איהם פראשקעס. אלע צוויי שעה א פראשעק.

— איז דאס עפעס געפעהרליך? — האט נחום שטיל געפרעגט.

— ניין, — האט דער דאקטאר אויסגערעדט זיך אן אמת, נור באלד האט ער צוגעפיקסט — אבער דאך דארף מען ניט פערלאזען, מען דארף היילען דאס... — האט דער דאקטאר געגעבען אן אנצוהערעניס, אז מען זאל איהם רופען א צווייטען מאל.

דער דאקטאר האט גענומען די העט אנטהאן, גיטעל האט איהם אבער גליייך אבגעשטעלט

— זעהט, זאלט איהר מיר געזונד זיין, — האט זי צו איהם געזאגט עפעס אזוי ווי דערשראקען — זעהט, וואס איז דער מעהר מיט מיין אלבערט'ס קעפעל. און אלבערט איז שוין געשטאנען נעבען דאקטאר.

דער דאקטאר האט אוועקגעלעגט דעם הוט, און צו דעם גרויסען פערגניגען פון גיטלען האט ער בעטראכט אלבערט'ס קעפעל.

— וועלל, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מען דאַרף דאָס אַ לאַנגע צייט היילען, אבער ער וועט געזונד ווערען. איך וועל איהם עפּעס פערשרייבען.

און אַלטערמאַן האָט פערשריעבען צוויי רעצעפּטען פאַר אַלבערט'ן, אַ זאַלב צום שמירען און אַ מיקסטשורע צום איינגעהמען.

— אוי, די קינדער, די קינדער... — האָט עפּעס אַזוי ווי בגנבה ווייטער גיטעל געזאָגט — און איך הייב ניט אָן צו פערשטעהן וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסגאַס אויף מיין צירעלע'ן. דאַכט זיך אַזאַ טהייער קינד ווי דאָס איז, נו, רינט עפּעס ביי איהם פון די אויערלעך און דאָס נעזעל איז עפּעס אַזוי רויטלעך.

נחום האָט געטהאָן זיין זאַך און האָט שוין אין דער צייט צוגעגרייט צירעלע'ן פאַר'ן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אַ שווערען זיפץ געגעבען און גענומען זיך צו צירעלע'ן. ער האָט איהר אויך פערשריעבען אַ רעצעפּט.

— איהר הערט, האָט ער זיך געווענדעט צו נחום'ען — נעהמט די רעצעפּטען ביי בלאָפּמאַנען, דאָ אויפ'ן קאָרנער. איך וועל אהין אריינגעהן און הייסען איהם אַז ער זאָל אויף יעדען רעצעפּט אין אידיש אָנשרייבען דעם נאָמען פון דעם קראַנקען און איהר וועט קיין אירטהום האָבען.

— מיר דאַנקען שעהן! — האָט נחום געענטפערט, רעכנענדיג, אַז מיט דעם דאָקטאָר דאַרף מען רעדען דייטשמעריש.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעטהאָן דעם הוט. נחום האָט אוועקגעלעגט די האַנד אין קעשענע נאָכ'ן דאָלאַר און, כלומרשט זוכענדיג דעם דאָלאַר, האָט ער דערווייל געזאָגט:

— מיינט איהר וואָס? און אַליין איז מען אויך קראַנק. אַט ברעכט מיך אין אַלע ביינדעלעך, אַז קוים וואָס איך האַלט עס אויס. איך וויים, אפשר טאָר מען דאָס גאָר ניט פערלאָזען, אפשר דאַרף מען עפּעס טהאָן...

גיטעל איז געשטאַנען און איהר האָט הנאה געטהאָן וואָס איהר מאַן גנב'עט אריין אַזוי פיין דעם דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אָבער פערשטאַנען, אַז מען מיינט דאָ מיט איהם האַנדלען אַ מציאה און ער האָט געענטפערט:

— ניין, ניין, מען טאָר קיין זאַך ניט פערלאָזען; געהט צו מיר אריין אזוי פון פינף ביז זיעבען, וועל איך אייך בעטראכטען.

נחום'ען און זיין ווייבעל איז געוואָרען קאַלטלעך אויף די הערצער, גיטעל האָט געשוויגען און נחום האָט תם'עוואטע גענטפערט:

— יעס, מען דארף...

— דאָס איז פאר אייער מיה, דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט בעמערקט די מטבעה און א ביטערער שמייכעל האָט זיך געצייגט אויף זיינע ליפּען.

— ניין, ליעבער פריינד, —האָט ער זיך געווענדעט צו נחום'ען— ניין, ניט דאָס קומט מיר..

— הא?... — האָט נחום געזאָגט און די נשמה איז ביי איהם אריין אין די שפּיצען פון די פיס.

— מיין וויזיט איז א דאָלאַר, — האָט דער דאָקטאָר זיך גענומען דינגען — ווען איך בעהאנדעל איין קראַנקען. איך האָב דאָ אָבער געהאט צו טהאָן מיט דריי, איך בין געזעסען העכער ווי א שטונדע... מיר וואָלט געקומען דריי דאָלאר.. אבער... וועלל, איך לאָז עס אָב פאר צוויי.

גיטעל איז געוואָרען בלאָס ווי קאַלך און נחום האָט מעהר ניט געהערט ווי די ווערטער: „דריי" און נאכהער „צוויי".

— מיר זיינען אָרימע לייט.... — האָט גיטעל א זיפץ געטהאָן.

— וואָס קען איך העלפען?... אייער מאַן וויל אויך בעצאָהלט ווען ער ארבייט.

— אָבער שטילער! — האָט נחום אויסגעשטעלט אויף דער אָרעמער גיטלען א פּאָר אויגען, פון וועלכע ביי דער לעצטער אין דאָס הארץ פערשטאָרבען געוואָרען. דער דאָקטאָר איז געשטאַנען ווי א דעמבע און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. נחום האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען, ער האָט ארויסגענומען א צווייטען דאָלאר און האָט דערלאַנגט דעם הערר דאָקטאָר.

— וועלל, גוד באַי! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און האָט זיך ארויסגערוקט פון טהיר.

אייניגע סעקונדען זיינעןביידע געבליעבען שטעהען ווי פון א דונער דערשלאָגענע.

— נו, גיטעלע, — האָט נחום דער ערשטער גענומען רעדען —

ווענט איצטער רופען דאָקטוירים ?... צוויי דאָלאר... צוויי דאָלאר.... ווען מען איז קראַנק, מוז מען געהן אין דיספּענסערי... נחום דער בעקער וועלכער פינסטערט אָב א וואָך פאר פיער און א האַלבען דאָלאר, גיט צוויי דאָלאר א דאָקטאָר... גיטעלע... הא, גיטעלע ?...

— ווער זאָל עס וויסען ? — האָט די פערציטערטע גיטעל געבראָכען די הענד.

— און יעצט געה נאָך האַנדלען מיט די אפּטייקען... עס וועט דאָך אויף א טאָרבע ניט בלייבען.

— וואָס זאָל מען טהאָן ? וואָס זאָל מען טהאָן ?

— וואָס ? וואָס ?.. נעהם צוריים די רעצעפּטען, וויקעל איין דאָס קינד און געה אין דיספּענסערי.

דער קראַנקער בערעלע האָט גענומען וויינען.

— וועה איז מיר פאר דיר ! וועה איז מיר, מיין בערעלע, וועה איז מיר, מיין זוהנעלע ! — האָט גענומען וויינען די מאַמע.

— נו, נו !... — האָט נחום געזאָגט. ער האָט אריינגעשטעקט ביידע הענד אין די האָר פון קאָפּ און איז געבליבען זיצען שטיל.

שפּעטער איז גיטעל מיט איהר קראַנקען בערעלע אוועק ווידער אין דיספּענסערי.

אין דער אידישער גאַס

געה איך אַרויס פון טריין און עס עפענט זיך ברייט די טהיר פון דעם סטיישאַן, אום אַרויסצולאָזען די פּאַסאַזשירען דרויסען און קוים קום איך אַרויס אויף די טרעפּען, איז מיין ערשטע בעגעגעניש צרות און אונגליק.

אויף דער קליינער פּלאַטפאָרמע אויף די טרעפּען זיצט אַ מיסטער קאַליקע, אַ מאַן מיט אָבגעשניטענע פיס, אין די הענד האַלט ער זיין הוט — אַ נדבה בעט ער.

צוויי אידען מיט פערפינסטערטע, פערצאָגטע פּנים'ער, וועלכע זיינען אָנגעקומען מיט דעם זעלבען טריין, געהען פאַראויס מיר און איך הער, ווי זיי ביידע פערפיהרען אַ געשפּרעך וועגען דעם מאַן מיט די אָבגעשניטענע פיס.

— וויפיעל קען ער מאַכען אַ טאָג אַט אַזוי זיצענדיג דאָ אויף די טרעפּלעך? — טהוט אַ פרעג איינער פון די צוויי.

— אַ קלייניגקייט! — ענטפערט דער צווייטער — עס קעהרען זיך דאָ איבער פאַר אַ טאָג טויזענדער מענשען — מען קען מאַכען אַ שטיק מיט געלד!

— אָט איז זיך אַ מענש אַ פערזאָרגטער מיט פּרנסה... — טהוט אַ זאָג דער ערשטער.

איך יאָג אַריבער די צוויי אידען, איך וואַרף אַ בליק אויף זייערע פער'דאגה'טע, פער'חושך'טע פּנים'ער, איך בעגעגען זייערע בליקען און עס דאַכט זיך מיר, אַז די ביידע זיינען שטאַרק מקנא דעם מאַן מיט די אָבגעשניטענע פיס, ווייל ער איז אַ בעזאָרגטער מיט פּרנסה...

איך געה אַרונטער די טרעפּען.

— מיסטער, נעהמט ביי מיר אַ פּייפּער, — כאַפּט מיך אָן אַ אידענע ביי דער פּאָלע — איך בין אַן אלמנה מיט קליינע קינדערלעך.

— איך דאַרף ניט. — ענטפער איך —

האַלט זי מיך צו און פּרובירט מיר איינרעדען:

— וואָס הייסט, איהר דאַרפט ניט קיין פּייפּער? איהר וועט

דאָך מסתמא גענומען ביי אַן אַנדערען... גיט צו פערדינען... האָט רחמנות!

און בעפאָר איך האָב צייט געהאט עפּעס צו ענטפערען, שטעקט שוין ביי מיר אין פּאַקעט א צייטונג.

— ווי אַזוי ווייסט איהר וועלכע צייטונג איך לעז? — פרעג איך די אידענע.

— וואָס? איז ניט אַלץ איינס? — מאַכט די צייטונגס־פערקויפערקע גאַנץ ערנסט — אַלע צייטונגען זיינען גלייך; נור אַז איהר ווילט, קענט איהר טשענזשען.

איך פערבלייב ביי מיין סחורה און געה ווייטער מיין וועג.

ווידער א פינסטערע בעגעגעניש:

פון א רעסטאָראַנט קומט אַרויס א סטאַר־אַקטריסע פון א אידישען טהעאַטער. פון דערווייטען, איהר אַנטקעגען, קומט אַן א אידישער פיעסען־שרייבער; אויף דעם מחבר'ס פערוואָגעלטען געזיכט צייגט זיך אַן אונטערטהעניגער שמייכעל, ער נויגט זיך צו דער שוישפּיעלערין, נויגט זיך איין מאָל, א צווייטען מאָל, בעגריסט זי, מאַכט הערצ־רייסענדע גרימאַסען און זי בעמערקט איהם ניט... זי בעמערקט ניט דעם אָרעמען שרייבער... א בלינדער, דאַכט זיך, קען שוין זיינע בעגריסונגען בעמערקען און זי, די סטאַר־אַקטריסע, לאָזט אַרונטער איהרע כשר'ע אונשולדיגע אויגעלעך, געהט פאַרביי דעם אָרעמען פער־פאַסער און דער שרייבער בלייבט מיט א נאָז.

איך קען זיי ביידען — די „סטאַריכע“ און דעם מחבר... זי האָט פיעלע פון זיינע פיעסען געשפּיעלט, געלד און כבוד דורך איהם ערוואָר־בען זיך... אַצינד דאַרף זי מסתמא איהם ניט האָבען... מאַכט זי זיך אַז זי בעמערקט איהם ניט.. און ווען איך האָב איין בליק געוואָרפען אויף דעם שרייבער'ס פערזאָרגטען פּנים, האָב איך גלייך געזעהן, אַז ניט דער מחבר זוכט דאָ די שוישפּיעלערין, נור די ביטערע, פינסטערע נויט בויגט איהר קרבן טיעף צום אָבגרונד צו.

פאַרביי געה איך... איך יאָג אַריבער די אַקטריסע... א קאָנטענטער שמייכעל רוהט אויף איהרע געפאַרבטע ליפּען... א גרויל, אַן עקעל כאַפּט מיך אָן ביים האַרצען!

— א שטיקעלע גוטע קענדי, מיסטער! — טהוט מיך אימיצער א ציה ביים אַרבעל.

איך קוק זיך ארום: צוגעשפּאַרט צו אַ לעערען סטאָר שטעהט אַ אידענע מיט אַ בעסקעטעל קענדי... פערפינסטערט, פערצאָגט איז דער פּנים פון דער קענדי־פערקויפערין.

און אויף איהר געזיכט, און אויף דעם געזיכט פון דעם פּיעסען־שרייבער וועלכער איז געבליבען מיט אַ נאָז, און אויף דעם פּנים פון דער פרוי וועלכע האָט מיר פערזיכערט אַז אַלע צייטונגען זיינען גלייך, און אויף דעם געזיכט פון דעם מאַן מיט די אָבגעשניטענע פּיס, און אויך די צוויי אידען, וועלכע האָבען דעם ווײסטען קאַליקע מקנא געווען, ווייל ער איז פערזאָרגט מיט פּרנסה — אויף דיעזע אַלע געזיכטער, ווי וויט פערשיעדען זיי זיינען ניט געווען, האָב איך דאָך בעמערקט עטוואָס אַלגעמיינעס, עטוואָס עהנליכעס — עפּעס אַזוי ווי אַ געהיימע האַנד וואָלט דיעזע אַלע געזיכטער אָבגעשטעמפּעלט מיט איין און דערזעלבער הערצרייסענדער חתימה...

אַ קליין קינד האַלט די קענדי־פערקויפערקע אויף די הענד, אַ בלאַס קינד מיט פערבלאָטיגטע בעקעלעך, איינגעוויקעלט עפּעס אין אַ שמאַטקע, און אויפ׳ן קעפּעל טראָגט עס אַ גרויסע באַראַשקענע היטעל פון אַ רוסישען זשאַנדאַרם — איין גאָט ווייס ווי אַזוי צו דער בייבי קומט אַזאַ מין ציערונג.. אָט קומט צו נאָך אַ אינגעלע, פערברודיגט און נאַקעט, אויפ׳ן קעפּעל איז עפּעס אַרומגעבונדען, הפּנים אַ באַנדאַזש, נור עס איז אַזוי ברודיג, אַז עס איז שווער צו דערקענען וואָס דאָס איז אַזוינס. אַ מיידעלע איז צוגעקומען... נאָך אַבאָי פון אַ יאָהר זיעבען, מיט אַ קרומע זייט, איז נאָכהער צו דער גרופּע צוגעקומען און אַלע האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער מאַמען און אַלע פיער קינדערלעך טוליען זיך צו דער מוטער, און שמייכלען צו איהר; זיי שמייכלען מיט די בלאַסע בלוטלאָזע ליפּעלעך — און פון דיעזען שמייכעל פער־קלייבט זיך צו מיר אין סאַמע הארצען אַריין אַ טיעפער, שווערער טרויער, אַ טרויער, וועלכער יאָגט פון מיין הארצען דעם עקעל פון פריהעריגען שמייכעל פון דער אַקטריסע מיט די געפאַרבטע ליפּען.

— מיסטער, אַ סוט ביליג! — ציהט מען מיך ווייטער פאַר דער פּאָלע...

—איך קוק זיך אַרום — אַ שעהנער, רייך־פערפּוצטער סטאָר, עס נעהמט אָב אַן אויג! און נעבען סטאָר אַ מאַן מיט אַ קרעמערשען

שמייכעל אויפ׳ן פנים, א „פולער אין“, און ער האלט מיך צו און רעדט צו מיר מיט חניפה.

— קומט אריין אין סטאָר, מיסטער, וואָס האָט איהר מורא?...

עס איז א סייל, איהר קענט קריגען סחורה פאַר א נאַטהינג...

און ווען איך נעהם זיך רייסען און טענה׳ן, אז איך דאַרף גאָרנישט, קריעגט דעם מאַנ׳ס געזיכט גאָר אַן אנדער אויסדרוק: דעם חניפה־שמייכעל פערבייט אַן אנדער שמייכעל — א שמייכעל פון פערביטערונג און שפּאָט. ער וואַרפט אַן אָבלאַכענדען בליק אויף מיין טואלעט און זיין געזיכט רעדט צו מיר ווי מיט ווערטער:

— א קלאָג צו דיר וואָס פאַר א קליידער דו טראָגסט!...

אויסגעריסען זיך, געה איך מיר ווייטער.

— א שאין, מיסטער? — קומט מיר אנטקעגען א אידישער אינגעל פון א יאָהר אכט מיט א בלאַס פּנים׳ל, מיט פלינקע שווארצע אויגעלעך. א צוריסענע קעפּקע, צוריסענע סטאָקינגס, צוריסענע שיכלעך, אויף די פּלייצעס טראָגט ער זיינע קלאַפּער־געצייג.

— א שאין, מיסטער, אָנלי טו סענטס... — קוקט מיך אָן דער אינגעל מיט א חניפה־שמייכעל; מיט איין אויגעל ווינקט ער מיר אויף מיינע שיך און ער וויל שוין אָרונטערכאַפּען זיינע געצייג...

— מען דאַרף ניט. — שטעל איך אָב דעם באָי.

און דעם אינגעלע׳ס געזיכט בייט זיך פונקט אזוי ווי עס האָט זיך געביטען דער פּנים פון דעם מאַן דאָרט ביים גרויסען קלאָדינג געשעפט. אויך דער אינגעלע טהוט אויף מיר אָבלאַכענד א בליק און ווינקט שעלמיש אויף מיינע שיך, עפּעס ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגען:

— אויך מיר שיך!

— מיסטער, א גלעזעל קאַלטע לעמאָנייד!

— אייז־קאַלטע אָרענדזש־וואַסער!

— א פּעני, א פּעני א גלאָז... ערקוויקט די נשמה...

איך קוק זיך צו.

פאַזע מיט׳ן טראָטואר ציהט זיך אַוועק א לאַנגע, לאַנגע רייהע מיט פושקאַרטס, אויף יעדען פושקאַרט שטעהט א הויכער גלעזערנער באַסיין מיט עפּעס א געלער פליסיגקייט, וואו עס שווימען ארום עטליכע צושניטענע שטיקלעך לעמאָן, און נעבען יענעם פושקאַרט שטעהט דער

פערקויפער — דאָס רוב אידען מיט בערד, מיט פערפינסטערטע, פער־צאָגטע, פער'דאגה'טע געזיכטער.

— א פעני א גלאָז! א סענט א גלאָז!

— אייז קאַלט!

— ערקוויקט די נשמה!

עס נעהמט מיר אָן אַפּעטיט. איך געה צו צו א פושקאַרט, קויף א גלאָז לעמאָנייד און נעהם טרינקען.

— איהר לייזט, אחשורוש! — טהוט א זאָג א דערבייאיגער פעדלער פון לעמאָנייד צו דעם מאַן, ביי וועמען איך טרינק.

עס ווערט מיר אינטערעסאַנט דער נאָמען, מיט וועלכען מען רופט אָן מיין לעמאָנייד־פערקויפער, און איך טהו א פרעג:

— מיסטער לעבען, פאַר וואָס רופט מען אייך דאָס אחשורוש?

— ווייל זיין ווייב האָט אויפ'ן שטערען דאָס, וואָס ושתי האָט געהאַט. — ענטפערט אויף מיין פראַגע דער דערבייאיגער פעדלער, און באַלד גיט ער צו מיט א געלעכטערל: — און זי פּאַטשקעט זיך דאָס מיט דעם לעמאָנייד.

איך וואַרף אין מיטען דעם טרינקען און טרעט אָב פון אחשורוש'ן. לויפט צו צום לעמאָנייד־פעדלער דער אינגעלע, וועלכער האָט זיך מיר אָנגעשלאָגען מאַכען א „שאַין" צו מיינע שיך, און טהוט א זאָג צו אחשורוש'ן:

— מיסטער, גיט מיר אויסטרינקען...

— ווילסט קויפען א גלאָז וואַסער? — פרעגט דער פעדלער.

— ניין, מאַכט דער אינגעלע — גיט מיר אויסטרינקען וואָס פון דעם מיסטער איז געבליבען.

— געה אין דר'ערד אריין, דו לויפער! — האָט „אחשורוש" אָבגעטריעבען דעם אינגעלע און מיין ניט־דערטרונקענע גלאָז וואַסער האָט ער אביסעל אָבגעגאָסען און די רעשט אליין אויסגעטרונקען.

א רוסיש־אידישער יונגערמאַנטשיק לויפט מיר פאַרביי. די קליי־דער זיינען נאָך האַלב־גרינע, דער פּנים בלאַס, אויסגעמאַטערט. איך ווייס, אז פון הונגער. אונטער'ן אָרעם טראָגט ער א פּאַאר ביכער, לויפט און ברומט אוינטער'ן נאָז א רוסיש ליעדעל.

איך הער זיך צו — נעקראַסאָוו'ס פּערזען:

„נאזאווי מניע טאקויו אביטעל
נדיע בי רוססקי מוזשיק ניע רידאל...“

און איך טראכט ביי זיך: א אידישער נעקראסאוו האט בעדארפט אריינקוקען אין דעם אידישען דאון־טאון... אבער ווער וואלט זיינע ליעדער זינגען? גוים — נים, אידען אויך נים..
נאר אט איז מיין מקום מנוחה — איך געה אין הויז אריין.

ארוים טרוקען פון א וואנע

מיסטער גערגעל איז ניט קיין גרינער אין אמעריקא. אט וועט שוין באלד ווערען זעקס יאהר זייט ער איז אריבער אהער אין לאנד, גארנישט, א וואנע האט ער פון דעסטוועגען נאך ניט געמאכט זיך, זייט ער איז א ניו יארקער.

ווען איהר זאלט דענקען וועגען איהם, אז ער האט ניט ליעב א באד, וואלט עס געווען א פאלשער חשד. אין דער היים, אויף יענער זייט ים, אין דער ליטא, אין כאראמילעווקע, פלעגט גערגעל געהן אין מרחץ יעדען פרייטאג אין וואך, און ווען עס פלעגט אויספאלען אן ערב יום טוב אין מיטען דער וואך, פלעגט גערגעל גאר וועניג זיין אויסגערעכענט און פלעגט לויפען צוויי מאל די וואך אין דער כארא־מילעווקער באד אריין.

קיין וויטען מהלך האט גערגעל ניט בעדארפט מאכען, ווארום ער האט טאקע געוואוינט א פענסטער נעבען א פענסטער מיט דער באד.

און צייט האט ער אויך געהאט גענוג. אמת, ער איז געווען א שניידער, ניט קיין לעדיגגעהער, נור עס איז דאך אבער כאראמילאווקע געווען, ניט ניו יארק און פון דער קבצנות׳דיגער ביזי אין מיסטער דארדיק׳ס סוועטשאפ האט ער נאך דאן ניט געוואוסט.

ווען גערגעל איז אריבער אין לאנד, האט איהם זיינער א לאנדס־מאן, צו וועמען ער איז פערפאהרען, געפיהרט אין א וואנע.

ווען גערגעל איז ארוים פון דער וואנע איז ער געווען שטארק ניט צופריעדען.

— עס איז ני־בע, ני־מע, ני־קוקורעקו, — האט גערגעל געזאגט — עס טויג נור פאר פריצים, אבער ניט פאר א כאראמילאווקער שניידער.

ווען גערגעל האט זיך דערוואוסט, אז אזא וואנע קאסט צוואנציג פענים — פערציג היימישע קאפיקעס, איז ער געווען אויסער זיך פאר ערגערניש, און ער האט זיך אויפ׳ן ארט א נדר געגעבען מעהר קיין וואנעס ניט נעהמען ביז׳ן רעכטען טויט.

נאכהער איז גערגעל אוועק ארבייטען צו מיסטער דארדיקען אין סוועט־שאפ. צוויי יאהר צייט האט ער געארבייט אלס „גרינער“, צו

איין־און־צוואנציג שטונדען א טאג, און דער געדאנק וועגען נעהמען זיך א באד, אדער אויף וועלכען־עס־איז אנדער וועג אבצוואשען זיך די לייב, האט נור געקענט זיין א זיסע פאנטאזיע ביי דארדיק'ס גרינער האנד, ווארום ביי גערגלען איז פאר די צוויי יאהר געווען אן אמת'ער יום טוב, ווען ער האט געהאט א טשאנס א שלאף געבען ניט אין די קליידער.

ציימען בייטען זיך. גערגעל'ס לאגע האט זיך פערבעסערט. ער האט פאר די צוויי יאהר שווערע ארבייט אבגעשפארט א ביסעל געלד, אריבערגעבראכט אהער די פאמילע און איז געווארען פאר זיך בעל־הבית.

יעצט ארבייט דער קערל בלויז אכט—צעהן שטונדען א טאג. שבת ארבייט ער גאר ניט, און ער האט גראדע צייט צו נעהמען זיך א באד. איז, ערשטענס, יעצט א שאדען די פאר פענים, עס זיינען דא בילבערע זאכען אויף וואס צו פערשפענדען צוואנציג אדער פופצעהן פענים. מען דארף, פערשטעהט איהר מיך, אויף דארדיק'ס ווייזשעם אויסהאלטען א פאמיליע און, צווייטענס, איז דא אין א הויז א גרויסער וואש־טאב, און ווען עס איז נויטיג קריכט מען אריין אינוועניג און מען העלפט זיך זעלבסט.

אזוי איז אריבער זעקס יאהר. גערגעל'ס ווייב האט זיך דערוואל אביסעל אויסגעגרינט אין אמעריקא און זי האט זיך דערוואוסט וועגען באדען הירש'ם שפריצבאד. איינמאל, א פרייטאג נאכמיטאג, ווען אין דארדיק'ס שאפ איז געווען אביסעל סלעק און גערגעל איז געקומען אהיים ווען די זון האט נאך געשיינט אין הימעל, האט ער גע'מסר'ט זיך פאר דער ווייב, אז עס ברעכען איהם די אפרייטערשע ביינער.

— טו וואס טהוט מען? — האט דבורה, גערגעל'ס אידענע געפרעגט איהר מאן.

—איך רעכען אריינקריכען אין וואש־טאב! — האט גערגעל געענטפערט.

— ספענד א ניקעל, טריי! — האט דבורה עפעס אזוי ווי געבעטען זיך ביי איהר מאן.

גערגעל האט א ווײלע געצווייפעלט, עפעס דער ניקעל האט ביי איהם ניט געשפיעלט אזא ראלע ווי די טרחה. „נעהם שלעפ זיך, איך ווייס וואוהין, און זוך א שפריצבאד“. דבורה האט אבער איבער־

געוועלט איהר מאן, זי האט איהם געגעבען ריינע וועש, גערגעל האט עס פערוויקעלט אין אן אלטען פייפער און ער איז בשלום אוועק אין שפריצבאד.

— זעה נור, ניט זאם זיך, — האט איהם דבורה נאכגעשריען אין האל — ווארום איך וועל ניט וויסען וואס איבערצוטראכטען.

— נו, וואס וועל איך דארטען פערברענגען, וואס? — האט גערגעל בערוהיגט זיין ווייב.

— זאל דיר זיין צו רפואה... — האט דבורה געווינשעוועט איהר מאן.

— א דאנק. — האט גערגעל געענטפערט צופריעדען און ער איז אוועק.

עס זיינען אריבער פיינע עטליכע שטונדען און גערגעל איז אלץ ניט געקומען. דבורה איז געווארען אונרוהיגער און אונרוהיגער. גאט וויים וואס פאר א מחשבות עס זיינען איהר ארויף אויפ'ן מח. זי האט שוין געוואלט לויפען אנטקעגען איהר מאן, ווען זי האט דערהערט זיינע טריט אין האל.

— געלויבט איז גאט, ער געהט... — האט זי צופריעדען געזאגט און גענומען מאכען א גלעזעל טהעע פאר איהר מאן נאכ'ן באד.

גערגעל איז אריין צו זיך אין הויז.

— צו רפואה דיר, מיין מאן! — האט דבורה בעגריסט דארדיק'ס „האנד". האט זי זיך אבער א קעהר געגעבען און געווארפען א בליק אויף איהר מאן — איז זי געבליבען שטעהן מיט אן אפענעם מויל און פערגלאצטע אויגען... גערגעל'ס פנים איז געווען פערשוויצט און פערבלאטיגט, פונקט ווי ער איז ארוים פון דארדיק'ס סוועטשאפ.

דבורה האט דערזעהען, אז איהר מאן איז ניט געווען אין קיין באד און זי האט פערוואונדערט אויסגעשריען:

— גערגעל, ניט געוועזן?!

— געוועזן! — האט גערגעל א זאג געגעבען אזוי פערצווייפעלט, און האט מיט כעס א שליידער געגעבען דעם באנדעלע מיט די וועש, דאס פייפער האט זיך פונאנדערגעוויקעלט און דבורה האט דערזעהען גערגעל'ס אונריינע וועש איז זי נאך מעהר פערוואונדערט געבליבען.

— טא וואס האסטו דעם פנים שוין ניט אויסגעוואשען, אז דו ביזט שוין געוועזן אין באד? — האט דבורה געפרעגט איהר מאן.

— דעם פּנים ?... און די גאַנצע ליֵיב האָב איך געוואַשען, וואָס ?
— זאָגסט דאָך ביזט געווען...
— געווים געווען...
— נו ?
— גאָר נישט, עס איז אַמעריקא ! — האָט נערגעל געענטפערט מיט כעס, און האָט זיך אַוועקגעזעצט.
— וואָס איז דאָרט פּאָרט געווען, דערצעהל ! — האָט דבורה פערוואונדערט אָנגעקוקט איהר מאַן.
— אַה, לאָז צופריעדען ! — האָט נערגעל ניט געוואָלט רעדען.
און דבורה שטעהט און דריקט מיט די פּלייצעס און רעדט פאר זיך :
— קוילע מיך אַוועק, פערשטעה איך ניט וואָס דאָ טהוט זיך.
געזעסען פיער שטונדען און געקומען אַ פערבלאָטיגטער, איבערגעטהאָן די וועש און געקומען אַ טרוקענער.
— עס איז דאָך אַמעריקא, — האָט נערגעל געזאָגט — טאָ וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי ?
— נו, איז וואָס, אַז אַמעריקא ? — האָט דבורה ניט פערשטאַנען איהר מאַן.
— מעג זיין אַ קלאָג צו קאָלומבוס'ען.
— אָבער וואָס איז מיט דער וואַנע ?
— בין איך אַרוים אַ טרוקענער.
— אָבער ווי אַזוי ?
— ביזט ווען־עס־איז געווען אין אַ שפּריצבאַד ? — האָט נערגעל אַ פרעג געגעבען זיין פרוי.
— דו ווייסט דאָך... — האָט דבורה געענטפערט.
— נו, טאָ הער, וועל איך דיר דערצעהלען. און דער שד זאָל וויסען וואָס דאָס איז פאר אַ פערשלעפעניש.
— לייט געהען דאָך פונדעסטוועגען... — מאַכט דבורה, און נערגעל שלאָגט איהר איבער אונגעדולדיג :
— טאָ הער־זשע, גרינע חיה, בין איך אַהין געקומען... קויפט מען אַזעלכע טיקעטס. נו, קויפען אַלע, קויף איך אויך.... געהט עס דאָרטען נאָך דעם נומער נאָך, נו, האָב איך געמוזט וואַרטען... האָב איך געוואַרט און געוואַרט — די נשמה אַזי מיר אַרוים וואַרטענדיג.

גאָט צו דאַנקען, מען האָט צו מיר אַ וואונק געגעבען און מען האָט מיך אַריינגעטורכעט עפּעס אין אַ קעמעריל. איך קוק זיך אַרום, אַ פּייניגער חדר׳ל, מיט אַ שפּיגעל, מיט אַן אייזערנעם קעמעל אויף אַ קייטעלע און דאָ איז אַזאַ בענקעל וואו מען קען זיך זעצען אָדער שטעלען אָדער אויסציהען, און אויבען איז עפּעס אַזאַ מאַכערייקע, מיט אַזעלכע רערעלעך און עם הענגען צוויי קייטעלעך, גאַרנישט. טהו איך זיך מיר אוים, פּאַמעלעך, איך האָב זיך גאָר ניט געאיילט — וואָס זאָל איך וויסען? נאָכדעם שטעל איך זיך אוועק אויפ׳ן בענקעל, טהו אַ ציה אַ קייטעלע — בין איך געוואָרען אַ פערשטאָרבענער... אייזקאַלטע וואַסער! נעהם איך זיך דאָך פאַר דער צווייטער קייטעל, איז גוט, איז טאַקע אַ נס וואָס איך בין שוין געווען געהיט און געפּרואווט דאָס וואַסער מיט׳ן האַנד — קאָך־וואַסער, זודיג, פייער! וואָלט איך עס געלאָזען אויפ׳ן לייב, וואָלט איך אפשר צוריק ניט געקומען. בייזע חלומות צו אייערע קעפּ, טראַכט איך זיך, שטעה אויפ׳ן בענקעל און טראַכט וואָס מען טהוט דאָ... מיט אַ מאָל — טראַך! מען קלאַפּט צו מיר אין קעמריל. וואָס איז? פרעג איך.

— אַרוים! — ענטפערט מען.

כאַפּ איך זיך שנעל פאַר די קייטעלעך... איך אַרבייט... איך ציה... גאַרנישט — אָדער קאַלטע, אָדער זודיגע... ווייטער: טראַך!

— אַרוים! — שרייט מען — מיסטער, אַרוים, ווען ניט וועל איך אייך פאַר׳ן קאָלנער אַרויסשלעפּען.

— נו, בין איך אַרוים. אַ ברירה האָב איך געהאַט...

גערגעל איז אווילע אַנשוויגען געוואָרען און דבורה האָט מיט פּערדרוס געזאָגט:

— אָבער אָט געהען דאָך מענשען און מען קומט צופריעדענע?

— ווען איך וואָלט געהאַט מעהר צייט, — האָט גערגעל זיך פערענטפערט — ווען איך וואָלט געהאַט מעהר צייט, וואָלט איך מסתמא געכאַפּט זיך ווי מען דאַרף זיך בעגעהען דאָרטען מיט די שפּריצער. נו, האָט מען דאָך ניט געגעבען צייט גענוג אַן אָטהעם צו טהאָן.

— איז וואָס רעכענסטו טהאָן? — האָט דבורה געפרעגט.

— איך רעכען אַריין אין וואש־טאָב.

— אוי, שטיק צרה! — האָט דבורה געזאָגט צו איהר מאַן, און זי האָט גענומען צוגרייטען דעם וואש־טאָב פאַר גערגלען.

די דירה פון טויט און די דירה פון נויט

דאָס זיינען די מערקווירדיגסטע צוויי וואָהנונגען, וועלכע איך האָב ווען־עס־איז געזעהן אויף מיין לעבען.

צוויי פלעטס זיינען דאָס, אויף א גראָונד פלאָר אין אן אלטער פער'חורבה'טער טענעמענט־הויז אויף פאָרסייט סטריט.

דער פלעט צום לינקען זייט איז בעקאנט אין דער ארומיגער נאכבארשאפט אונטער דעם נאָמען: דער נויט־פלעט.

דעם צווייטען פלעט צו דער רעכטער זייט וויים מען אין די ארומיגע געגענדען אלס דער טויט־פלעט.

אין דעם נויט־פלעט מופט מען אריין נור דאן, ווען איינעם טרייבט צו דעם די ביטערסטע נויט.

עס איז א גראונד פלאָר, עס האָט א פענסטער צום גאס און עס פאסט זיך פאר ביזנעס. און ווען איינער איז דורך א צופאל געצוואונגען שנעל ווי מעגליך צו קריגען עפעס א גרוב מיט א פענסטער צו די פראָנט פאר עפעס א ביזנעס, וויים מען שוין פון דיעזען נויט־פלעט און מען לויפט אהער.

ווען איינער מאכט א לעבען פון א וואסערער־עס־איז דאָרט סטאָרקעלע: א בארבער, א זייגערמאכער, א שניידער, א שוסטער, א. ז. וו., און ווען מען איז געצוואונגען פלוצלונג ארויסצומופען, צום ביישפיעל, ווען איינער דינגט אוים דעם סטאָר און דער לענדלאָרד רייזט אייך גאר אונגעריכט אין צווייען אייער רענט, און מען שיקט אייך אריין אהן שאלות א מוף־צעטעל, און איהר טרינקט זיך, און דער חלף ליעגט איבער'ן רעכטען האלז — מען מוז וואו־ניט־וואו אנטרונען ווערען, מוז מען אויף דער מינוט וואו־ניט־וואו אריינקלייבען זיך... וויים מען שוין פון דיעזען נויט־פלעט און אלערשטען לויפט מען אהער!

גלאט אזוי א געוועהנליכער שכן, אין א רוהיגען געמיטה, קען אזא פלעט ניט רענטען צום וואוינען...

איך האָב דיעזען פלעט געהאט די געלעגענהייט צו בעטראכטען.

א שרעקליכע גרוב!

פינסטער, חושך מצרים!

אויף די רעכטע פענסטער הענגט א חושך׳דיגע וואנד פון דער אנטקעגענדיגער הויז און מאכט אין דעם פלעט אן אייביגע נאכט... די לופט איז שווער, שטיקענד; די וואנד אלט, מיאוס, פערברודיגט; דער סילינג ניעדריג איבער די קעפ; אלעס צובראכען, צושטאכען, אלט, פערשמוצט, פערפעסטעט — א קבר!

נור דער פלעט טראגט דעם לענדלארד אריין גוטע געלד... די רענט איז הויכע. עס איז א נויט־פלעט! דער לענדלארד ווייס שוין, אז ווען איינער קומט פרעגען אויף דיעזען פלעט, מסתמא האט דעם דירה־זוכער געבראכט צו שלעפען א לעצטע נויט און ער שינדט א פאם!

ווען דורך א סיבה, דורך א פערזעהען, אדער דורך איינפאכע נייגיעריגקייט זאל זיך אברייסען א געוועהנליכער דירה־זוכער און פרעגען אויף דיעזען פלעט — וועט מען מיט אזא גאר ניט וועלען אפילו א ווארט אויסרעדען. דא פערלאנגט זיך א נויט־שכן!

און דעם ריכטיגען קאסטאמער דערקענט שוין דער לענדלארד אדער דער הויזקיפער — זיי זיינען אין דעם ערפאהרען... צום ביי־שפיעל, ווען איהר קומט אריין פרעגען אויף דיעזען פלעט, בעטראכט מען אייך ווי איהר זייט גרויס. דאן נעהמט מען טאפען ווי גרויס און ווי שטיקענד עס איז אייער נויט.

— מוזט איהר גלייך אריינמופען? — פרעגט מען אייך כלומרשט גאנץ אונשולדיג.

— ווען איהר ענטפערט, אז איהר האט צייט צו ווארטען, וויל מען מיט אייך מעהר ניט רעדען.

ענטפערט איהר, אז איהר מוזט גלייך מופען, פרובירט מען אייך ווייטער און מען זאגט אייך:

— דער פלעט מוז גענצליך אויסגעפיקסט ווערען.

ווען איהר זייט איינשטימיג איבערצוואווארטען ביז דער פלעט וועט פארטיג ווערען צום אריינמופען, זייט איהר שוין פסול און מען פערהאנדעלט מיט אייך ניט ווייטער. ווען איהר ענטפערט אבער, אז איהר קענט ניט ווארטען, אז אייך אארט ניט אריינצוקלייבען זיך אין דער גרוב אזוי ווי עס איז, און מען זעהט אז איהר ברענט, און מען בעגרייפט אז איהר מוזט לויפען כאטש אין פייער, דאן ערשט

זייט איהר ווילקאָמען... מען טהוט ביי אייך א בעט אזא מין פרייז, אז איהר בלייבט שטעהן ערשטוינט, און ווען איהר קומט צו זיך און פרעגט:

— סטייטש? פאַר אזא פעסט־גרוב? פאַר וואָס קומט עס אזוי פיעל רענט צו צאָהלען?

פערבלייבט מען קאַלט ווי די שטיינער און מען ענטפערט:

— אזוי איז דאָס!

דער לענדלאָרד ווייס שוין, אז דאָ אין דיעזען פלעט וואוינט מען ניט לאַנג. גלייך ווי מען מופט אריין, נעהמט מען זוכען אַן אנדער דירה. דערפאַר מוזט איהר איינצאָהלען הויכע רענט און פאַר צוויי חדשים פאָראויס... אנדערש לאָזט מען אייך ניט אריין... ווען איהר וואָהנט אָב די צוויי חדשים, ליעגט שוין בעצייטענס פאַר אייך אָנגעגרייט א מופ־צעטעל. אין פאַל אייך האָט זיך ניט איינגעגעבען פאַר דיעזער צייט צו קריעגען אַנאַנדער פאַסענדערע דירה, לויפט מען צו אייך צו מיט'ן חלף אין האַנד:

— גיב גלייך רענט, אָדער מופ!

ווארטען אין דיעזען נויט־פלעט מיט די רענט, וויל מען ניט ריזיקירען. אויספיקסען דעם פלעט פערשפערכט מען אייך, אָבער דערביי בלייבט עס. אויף דיעזען נויט־פלעט וויל דער לענדלאָרד קיין איין צובראָכענע פעני ניט ספּענדען... דער גנב ווייס, אז סאַי ווי סאַי וועט דער נויט־שכן דאָ לאַנג ניט פערבלייבען, און אזוי ווערט דיעזע נרוב אַלץ מעהר פערלאָזען, אַלץ מעהר פערוויסטעט... נור דער לענד־לאָרד לעגט גאָרנישט צו צו דעם נויט־פלעט. ניו יאָרק איז אַ שטאָדט אָהן רחמנות. עס זיינען דאָ גענוג נויט־שכנים, עס זיינען דאָ גענוג אָזעלכע, וועלכע זיינען מאַנכעס מאָל געצוואונגען אויף דער גיך אריינ־כאַפּען זיך כאָטש אין דער שוידערליכסטער גרוב...

דיעזער פלעט געפינט זיך לינקס. רעכטס, דער צווייטער פלעט, איז נאָך ערגער, נאָך שרעקליכער. אהער וואגט מען ניט אריינצו־מופען אפילו אין דער ערגסטער נויט... אהער מופט מען נור דאַן, ווען מען דאַרף שטאַרבען... דאָס איז דער טויט־פלעט!

צום ביישפּיעל, איהר זייט געשטראָפט מיט אַן אונגליק: א א שוויגער, א שוועהר, א מאַמע אָדער א טאַטע זיינען ביי אייך קראַנק. עס איז אזא קראַנקהייט, וואָס קען ניט קורירט ווערען און קען ניט

געהאָלפען ווערען, אזוי ווי א קאַנסער, א געשוואָלענע מילץ, א שוואכע הארץ, אויסצעהרונג א. ז. וו., פאר וועלכע עס איז אורזאכען קענט איהר דעם חולה ניט אריינגעבען אין קיין האָספּיטאל, אין קיין "האָום", אין קיין אַנשטאַלט, עס איז אייך שווער און ביטער פון דעם חולה צו ליידען. איהר ווייסט, אז דער חולה מוז פריהער אָדער שפּעטער אוועק אויף יענער וועלט, נור עס איז אייך זעהר אונאַנגענעהם, זעהר שווער צו דערוואַרטען זיך — אין אזא פאַל ווייס מען שוין פון דעם טויט־פּלעט אויף פּאָרסייט סטריט. דיעזער פּלעט האָט אַ ווייט־פערשפּרייטען נאָמען און אין אַזעלכע פעלע קומט מען אהער ניט נור פון דער ארומיגער נאַכבאַרשאַפט, נור פון גאַנץ ווייטע געגענדען.

דער טויט־פּלעט איז צוגעפּאַסט געוואָרען מיט אַלע „בעקוועמ־ליכקייטען" פאַר א גוסס'ן... עס איז דאָ אַ בעטעל, אַ טישעלע, און נאָך איינינגע קליינינקייטען, וועלכע בעלאַנגען צום פּלעט, און ווען מען רענט דעם פּלעט דאַרף מען זיך ניט באַדערען מיט אַריבערמופען פּאָרניטשור... עס איז אַלעס דאָ... דעם הויזקיפּער גיט מען א פּאָר דאָלאר, פּאַסט ער אויף אויף דעם טויטען שכן... די פערפּעסטעטע ווענד, די אייביגע פינסטערנים, די שווערע לופט פערקירצען די גסיסה און ברענגען שנעלער דעם געווינשטען טויט.

אין די רומס געפינט זיך אַ ספר תורה, אויסגעבאָרגט פון דעם לענדלאָרד אין דער אַנקעגענדיגער שוהל, און ווען א שכן שטאַרבט און עס קומט אויס אין דעם טויט־פּלעט צו דאַוונען א וואָך צייט מיט א מנין, איז שוין אַלעס פּאָראויס פערפערטיגט.

די רענט אין דעם טויט־פּלעט איז זעהר הויך... נור מען צאָהלט! אין אַזעלכע פעלע ווען מען ליעגט עס אין קאָפּ צו דינגען זיך? מען צאָהלט וויפיעל מען בעט!

אויב איהר נויטיגט זיך יעצט אין וועלכען־עס־איז פון די צוויי מערקווירדיגע פּלעטס אויף פּאָרסייט סטריט, קענט איהר דאָס פאָר־לויפיג ניט קריגען:ביידע פלעטס זיינען יעצט פערנומען.

אין דעם נויט־פּלעט וואָהנט אַ זייגערמאַכער, וועלכער האָט פריהער געהאַט זיין ביזנעס אויף א הויכען „סטופּ" אין עלדרידזש סטריט. דער לענדלאָרד, וועלכער האָט דערגאַנגען, אַז דער זייגער־מאַכער מאַכט אַ לעבען, האָט געהעכערט אויף צווייען די רענט, און ווען דער זייגערמאַכער האָט ניט געוואָלט צאָהלען די אונמעגליכע

רענט, האָט ער געקראָגען אַ מוף־צעטעל און דער אָרעמער מענש האָט אין זיין ביטערער נויט אריבערגעמופט אהער אין דעם נויט־פלעט פון פּאָרסייט סטריט.

רעכטס, אין דעם טויט־פלעט האָבען קינדער אריינגעגעבען אַן אַלטע מוטער, וועלכע ליידעט פון אַ ראַק אין מאָגען...

ביידע פלעטס זיינען פערנומען!

דער טהעע־טרינקער.

בינטשיק הייסט ער און ער איז אַן אגענט פון ביכער.

אום צו קריגען קאַסטאָמערס פאר ביכער, שלעפּט דער אגענט זיך ארום גאנצע טעג אין די אָפיסעס פון דענטיסטען, דאָקטוירים, לאָיערס, און אזוי ווייטער אלץ צו אזעלכע מענשען, וועמעס פּראָפעסיאָן פערלאַנגט, אז אין זייערע אָפיסעס זאָל זיך אָנזעהן א שעהנער שראנק מיט ביכער.

ווען בינטשיק ווערט מיעד און פערמאַטערט פון ארומשלעפּען זיך צו די „פּראָפעסיאָנעלע", געהט ער אריין אין א רעסטאָראַנט.

און די רעסטאָראַנען דיענען ביי בינטשיק'ען אלס אזא מין מארקעט, וואו ער פערהאַנדעלט זיינע געשעפטען און ברענגט אוים סחורה.

דאָ אין די רעסטאָראַנען זעהט זיך בינטשיק מיט זיינע רעגעלע קאַסטאָמערס. דאָ קריעגט ער נייע קונים.

ווען מען זיצט אין א רעסטאָראַנט, דארף מען געבען צו לייזען. ניו יאָרק איז א שטאָדט וואו קיינער לעבט ניט פון עולם הבא וועגען, און ווען מען זיצט אין א ווארימען, ליכטיגען רעסטאָראַנט אויף א שטוהל, נעבען א שעהן־געגרייטען טישעל, וויל טאַקע דער רעסטאָראַטאָר אז מען זאָל „עפּעס נעהמען", און אויב איהר קעהרט ניט דעם רעסטאָראַטאָר'ס גערעכטען רצון מקיים צו זיין, זיינען דאָ אויף דעם ווייטערס אין א רעסטאָראַנט... און די ווייטערס עראינערן אייך אַלע ווײלע וואס איהר האָט צו טהאָן.

אין די גוטע צייטען, ווען ביכער האָבען זיך פערקויפט, האָט בינטשיק ניט געקעהרט פאר א דאָלאר, און דער אגענט איז אין די רעסטאָראַנען געווען א גוטער קאַסטאָמער. אין איין רעסטאָראַנט פלעגט ער רעגעלמעסיג דינער עסען; אין א צווייטען פלעגט ער סאַפּערס קריגען; דאָ פלעגט ער גלאַט א ביס טהאָן, און וואו ער פלעגט ניט עסען, פלעגט ער טרינקען א גלעזעלע וויין, א גוטען סיגאַר כאַפּען, ווען־ניט־ווען א גלעזעל קאַפּע אויסטרינקען און פערבייסען מיט א פיין שטיקעל קייק א. ז. וו. מיט איינעם וואָרט, ער איז נאָך

קיינמאָל ניט אַרויס פון אַ רעסטאָראַנט מיט לעדיגען — תמיד בעצאָהלט ביי דער קאַסע אַ פּיינעם, אַנשטענדיגען ביל, אָפט בעפריע־דיגט דעם וויייטער אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין.

און בינטשיק פלעגט זיך פיהלען אין די רעסטאָראַנען זעהר, זעהר געהויבען, כמעט ווי אין אַן אייגענער היים. ביים אַריינקומען אין אַ רעסטאָראַנט פלעגט איהם דער רעסטאָראַטאָר בעגעגענען מיט אַ פריינדליכען ברייטען ברוך הבא, ביים אַרויסגאַנג פלעגט מען איהם בעגלייטען מיט אַ פריינדליכען שמייכעל. דער וויייטער פלעגט איהם תמיד דערלאַנגען דעם הוט, דעם שטאָק, אָנטהאָן דעם ראָק, אַרונטער־ציהען דאָס אונטער־רעקעל און אונטערטהעניג און פריינדליך דער־לאַנגען „פייער" צו זיין סיגאַר, וועלכען ער פלעגט שוין האַלטען אָנגעגרייט אין מויל. מיט איין וואָרט, אַלע זיינען געווען צופריעדען, אי בינטשיק, אי די רעסטאָראַטאָרס, אי די וויייטערס.

נאָר אָט זיינען אָנגעקומען שלעכטע ביטערע צייטען און דער ביכער־טרייד איז מיאוס געפאַלען.

ווען קויפט מען אַ בוך? סיידען ווען עס איז דאָ געלד צו וואַרפען זיך. אין מעהרסטע פעלע קויפט מען אין ניו יאָרק ביכער אַזוי ווי מען קויפט אַ שטיק מעבעל — עס איז אַ מין „אָרנאַמענט", עס איז אַ מאָדע. ווער האָט עס צייט צו לעזען ביכער אין ניו יאָרק! און ווען עס וואָלטען פערקויפט ווערען ביכער נור צום לעזען, וואָלטען די פּאַבלישערס געמאַכט זעהר שלעכטע געשעפטען און בינטשיק וואָלט נאָר קיין אַגענט ניט געוואָרען.

ביכער קויפט מען אַלס אַ ציערונג — און ווען מען ליעגט אין קאָפּ קויפען „ציערונגען" ווען די צייטען זיינען שלעכט און אין פרנסה איז ניט אַם בעסטען?

האָט דער עולם געסטאָפּט צו קויפען ביכער און בינטשיק'ס געשעפטען האָבען גענומען געהן פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער און ערגער...

אוים! קיינער וויל קיין ביכער ניט קויפען!... דערמאָנט מען נור דאָס וואָרט „בוך", צולאַכען זיך די אַמאָליגע קונים.

די אַלטע ביכער זיינען גוט געגנוג. קיין נייע דאַרף מען ניט. און וואו קיין אַלטע ביכער זיינען אויך ניטאָ, בעגעהט מען זיך אַזוי. אַ פּאָאר דענטיסטען פון בינטשיק'ס סטעדי קאַסטאָמער האָבען די

„נאַקעטקייט“ פון זייערע שעהנע ביכער־שראַנקען פערדעקט מיט זעהר שעהנע, אָבער ווייט ניט דורכזיכטיגע פאַרהאַנקעס... עס קוקט אויס זעהר הויך, און ווער קען דאָס וויסען וואָס אהינטער די פאַרהאַנקעס טהוט זיך...

איינער א נייער דאָקטאָר, וועלכער האָט געעפענט א נייעם אָפּיס און ביי וועמען בינטשיק האָט גערעכענט מאַכען געשעפטען, איז געפאַלען נאָך אויף א בעסערען מיטעל ווי צו געברויכען פאַרהאַנקעס. דער חברה־מאַן האָט אַריינגעשטעלט אין אָפּיס טאַקע א שעהנעם ביכער־שראַנק, און די „שעלפּס“ האָט ער אָנגעפּילט מיט אַזעלכע הילצערנע, שעהן־בעאַרבייטע „רוקענס“ פון ביכער... פאַר דעם אויג קוקט עס אויס זעהר רייך, עס מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי אין ביכער־שראַנק וואָלטען זיך געפונען די טהייערסטע, די קאָסטבאַרסטע ביכער, און וואָס עס טהוט זיך אינווענינג דאַרף אין ניו יאָרק א צווייטער ניט וויסען...

נור בינטשיק איז דערווייל אויף גרויסע צרות.

זיין קענטוועסען צווישען די „פּראָפעשאָנעלס“ האָט בינטשיק כמעט ווי אין גאַנצען אויפגעגעבען. אומזיסט ברעכען די פיס איז א קנאַפּער תכלית, נור אין די רעסטאָראַנען זיצט ער ווי אַמאָל אין די גוטע צייטען, און נאָך מעהר ווי אַמאָל. ערשטענס איז ביי דעם אגענט דער רעסטאָראַנט יעצט פערבליבען דער איינציגער אָרט, וואו ער בעגעגענט זיך ווען־ניט־ווען מיט א קאַסטאָמער; זיין איינציגע שטיקעל מנוחה, וואו עס גיט זיך איהם איין אַמאָל אין א שמיטה צו מאַכען א סייל, און ווייטער איז איהם טאַקע ניט אַזוי אנגענעהם אהיים צו קומען — ווייל ווען מען פערדיענט ניט אין ניו יאָרק איז ניט ניחא צו קומען אפילו אין אן אייגענער היים צו אן אייגענער פרוי.

זיצט בינטשיק טאָג אַזוי ווי נאַכט אין די רעסטאָראַנען. נאָר עסען עסט ער גאָרניט — ער קען ניט אפּאָרדען!

פריהמאָרגענס, ווען דער אגענט דאַרף אוועקגעהן פון דער היים, עסט ער אָב אן אָנבייסען, וועלכע די וויב פערפערטיגט, און מיט דעם אָנבייסען איז ער שוין יוצא ביז דעם סאַפּער, וועלכען ער עסט טאַקע ווידער אין דער היים, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע... אן עסס טהאָן אין רעסטאָראַן קען יעצט בינשטיק ניט בעהויפּטען, אָבער עפּעס מוז מען דאָך געבען צו לייזען ווען מען זיצט אָב שטונדענלאַנג אין רעסטאָ־

ראן — אָרדערט זיך בינטשיק אָן איינפאַכע גלעזעל טהעע, און מיט די טהעע קוויקט ער זיך טראָפּענווייז, כדי די גלאָז זאָל נעבען איהם שטעהען וואָס לענגער און עס זאָל נית אויסקוקען אַזוי ווי ער וואָלט געווען אין גאַנצען אַ „דארמאָיעדניק“.

אין ערגעץ אויף דער גאַנצער וועלט פיהלט זיך דער אָרעמער בינטשיק נית אַזוי שטאַרק געפאַלען, ווי אין די רעסטאָראַנען. אויס גדלות! בינטשיק איז יעצט אַן איינפאַכער טהעע־טרינקער!

ווען דער אַגענט קומט אַריין אין אַ רעסטאָראַנט, סטאַרעט ער זיך אונבעמערקט דורכצוכאַפּען זיך פערביי דעם „קאַנטער“, וואו דער רעסטאָראַטאָר נעהמט די קעש... און נאַכהער פערקלייבט ער זיך אין דעם לעצטען ווינקעל וואו עס זיצען געוועהנליך אַלע אַנדערע טהעע־טרינקער...

קומט נאָר צו אַ ווייטער, טהוט איהם אַ ריס אין הארצען און ער פיהלט אַזוי ווי איינגעזונקען ווערען צעהן קלאַפטער אין דר׳ערד אַריין...

— ווינשען זי עפּעס, מיסטער בינטשיק? — טהוט אַ פרעג דער ווייטער.

דעם אָרעמען אַגענט גיסט אָב אַ קאַלטער שוויים...

— אַ גלאָז טהעע, — ענטפערט בינטשיק שטיל און אַבהענדיג און וואַגט נית אַ קוק צו טהאָן אויף דעם ווייטער.

אין רעסטאָראַנט מעג זיין ווי הייס, טהוט בינטשיק קיינמאָל נית אויס דעם אויבערמאַנטעל — ער האָט מורא, אז ווען ער וועט נעהמען צוריק אָנטהאָן זיך, זאָל נית צוקומען אַ ווייטער און העלפען איהם... אַמאָל פלעגט ער שטאַרק הנאה האָבען פון אזא כבוד, יעצט האָט ער אָבער נית קיין איבריגען ניקעל מיט וואָס צו בעפריעדיגען דעם ווייטער און איידער ליידען בזיונות זיצט ער אין די קליידער, עס מעג איהם אויסקומען בעגאָסען ווערען מיט שוויים.

און די רעסטאָראַטאָרס שמייכלען שוין מעהר נית צו בינטשיק׳ען, מען איגנאָרירט איהם, מען בעמערקט איהם נית — אַ טהעע־טרינקער!

די ווייטערס האָבען איהם אויפגעהערט צו באַדערען. מען נעהמט איהם פאַרביי, אַזוי ווי ביים טישעל וואָלט קיינער נית געזעסען. זיי ווייסען שוין — אַ טהעע־טרינקער...

און ווען בינטשיק טהוט אַ רוף אַ ווייטער, איז נאָך איידער ער

טהוט אָן עפען דאָס מויל צו געבען זיין אָרדער, טהוט א זאָג דער וויטער בעצייטענס :

— א גלאָז טהעע ! !

און דעם אגענט פערבלייבט נור א שאָקעל צו טהאָן מיט'ן קאָפּ אויף „יא".

און די וויטערס קענען שוין בינטשיק'ען אזוי גוט אלס א טהעע־טרינקער, אז איינמאָל ווען דער אגענט איז געווען טויט הונגעריג און ער האָט געאָרדערט פאר 10 סענט א שטיקעלע הערינג, האָט דער וויטער גלייך פערגעסען אָן בינטשיק'ס אונגעוועהנליכען אָרדער און ער האָט איהם טאקע, אזוי ווי אימער, א גלאָז טהעע דערלאנגט...

ביי דעם אָרעמען געפאלענעם אגענט האָט קיין מוטה ניט געכאַפּט צו פערפיהרען ביזנעס מיט דעם וויטער. אָרדערן צו דער גלאָז טהעע א שטיקעל הערינג — אויף דעם האָט ביי דעם אגענט קיין געלד ניט געכאַפּט, און ער האָט נעבעך געשטילט זיין הונגער מיט דער געוועהנליכער גלעזעלע טהעע...

דאס איז גוט פאַר איהר

אין אַ זומער אבענד געה איך אַהיים פון דער ארבייט. ווען איך קום אַריין אין דעם בלאָק וואו איך וואוינען, זעה איך ווי אונזער הויז איז אַרומגערינגעלט מיט אַ קראוד מענשען. ווען איך גיב עטליכע טריט מעהר, נעהענטער צו מיין הויז, דערזעה איך אַן אמבולאַנס שטעהט נעבען אונזער הויז.

דער אמבולאַנס האָט עטליכע מאָל שאַרף און שניידענד אַ קלונג געטהאָן און איז אוועקגעפאָהרען אין דער לענג סטריט. די קראוד האָט זיך גלייך גענומען פונאַנדערגעהן.

איהר ווייסט דאָך שוין, אמעריקא, יעדער קעהרט נור פאַר זיך. ווען צו הויז וואָלט זיך געפונען מיין פאַמיליע, וואָלט איך זיך געוויס זעהר דערשראָקען, עס וואָלט מיר געוויס אַרויף אויף די געדאַנקען אַ שרעקליכער פערדאַכט, אַז פיליכט איז אַן אונגליק געשעהן מיט אימיצען פון „מיינע" און איך וואָלט זיך געוויס ווי אַ משוגענער געלאָזט לויפען צו מיין היים, אבער אַזוי ווי מיין פרוי און קינדער זיינען צו דיזער צייט געווען אין קאַנטרי, האָב איך זיך גאָר ניט דערשראָקען, און אַזוי ווי איך בין געווען זעהר מיעד פון מיין טעגליכע בעשעפטיגונג, האָב איך ניט געמאַכט די קלענסטע אנשטרענגונג און בין גאַנץ געלאַסען געגאַנגען אַהיים, און ביז איך בין צוגעקומען צו אונזער הויז האָט זיך די קראוד אין גאַנצען צוגאַנגען. בלויז עטליכע פרויען, איינוואָהנער פון דעם זעלבען הויז וואו איך וואוינען, זיינען געשטאַנען און געווען פערטיעפט אין אַ שמועס.

שרעקען האָב איך זיך ניט דערשראָקען, דאָס איז אמת, דאָך בין איך אָבער געווען נייגיעריג צו דערוויסען וואָס עס האָט פּאַסירט. איך האָב זיך געווענדעט צו די שמועסענדע פרויען און האָב געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָרנישט, גאָרנישט... — האָט איין פרוי זיך געאיילט מיך צו בערוהיגען — קיין בייזעס איז געשעהן.

און די פרוי, וועלכע האָט צו מיר געזאָגט אָט די עטליכע ווערטער, האָט זיך פיעל־בעדייטענד דורכגעקוקט מיט די איבריגע פרויען, צו

ווען זי האָט פריהער געזעהן, און א מאָדנער שפּאָטישער שמייכעל האָט זיך געצייגט אויף דער פרוי'ס ליפּען.

— ווי הייסט גאָרנישט? — האָב איך געפרעגט, ווערענדיג מעהר נייגיעריג צו דערוויסען זיך וואָס עס האָט פּאַסירט — ווי הייסט גאָר־נישט? אַן אַמבולאַנס איז דאָך ערשט אַוועק פון אונזער הויז?

— א מיידעל האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון א פענסטער! — לאָזט מיר וויסען א צווייטע פרוי מיט א שרעקליך קאַלטבלוטיגער שטימע.

— א מיידעל פון פענסטער! — שריי איך אויס? — וואו? ווער? ווען?

— פון צווייטען פלאָר. — זאָגט די פרוי אימער געלאַסען.

— פון צווייטען פלאָר? ווער איז דאָס?

— פון די בעק.

— אָבער ווער איז די מיידעל?

— די בראָנבאָך'ס דיענסטמויד! — ענטפערט מען מיר.

די מיידעל, וועגען וועלכער מען האָט דאָ גערעדט, האָב איך כמעט ווי נישט געקענט. . עפּעס איין מאָל מיט א מאָנאַט צוריק, ווען מיין פרוי איז געווען צו הויז, האָט די מרס. בראָנבאָך אַרויפגעשיקט זי צו אונז וועגען עפּעס א שליחות, און דאָס איז, שיינט מיר, געווען דאָס איינציגע מאָל וואָס איך האָב זי געזעהן.

איך וואָלט וואהרשיינליך ניעמאָלס א טראַכט געטהאָן וועגען דיעזער מיידעל. נור יעצט, ווען מען האָט מיר געזאָגט וועגען איהר אונגליק, האָט זיך די גאַנצע פיגור אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע אויגען ווי א לעבעדיגע: א הויכע, א שלאַנקע פיגור, בלאָנדע געדיכטע האָר, ווי א קרוין אַרום איהר שעהנעם קיילעכדיגען קאָפּ, איידעלע געזיכטס־ציגע, קלוגע אויגען, וועלכע זי האָט געהאַלטען העלפט צוגעמאַכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס געשעהמט. אויך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ווען איך האָב א קוק געטהאָן דאַן אויף דער מיידעל האָט זיך מיר געוואָלט זאָגען, אַז אָט די מיידעל קוקט עפּעס נישט אויס ווי א דיענסטמיידעל.

איך האָב זיך אויף איניגע סעקונדען פערטראַכט, נאַכהער האָב איך געפרעגט די פרויען וועלכע האָבען מיר מיטגעטהיילט די טרויעריגע נאַכריכט:

— וואס איז מיט איהר? וועט זי בלייבען לעבען?

— יעדענפאלס איז דאס גוט פאר איהר! — האט איינע פון די עטליכע פערזאמעלטע פרויען געענטפערט.

— ווי מיינט איהר? — האב איך עפעס ניט פערשטאנען, וואס מען האט מיר דא געזאגט.

— עס איז גוט פאר איהר... — האט די פרוי איבערגעזאגט איהר זאנדערבארען ענטפער.

— ווי הייסט?

— אויב זי וועט שטארבען איז ניט קיין גרויסען שאדען, און אויב זי וועט בלייבען לעבען ווערט עס פאר איהר גוט זיין. דער פאל פון פענסטער ווערט איהר אויסהעלפען... — האט ערקלערט א צווייטע פרוי, און אלע פרויען האבען געשמייכעלט, געווארפען איינע אויף דער צווייטער פיעלבעדייטענדע בליקען און איך קוק זיך צו און הויב ניט אן צו וויסען וואס דא טהוט זיך.

איך בין ארייין אין דעם ארייינגאנג פון אונזער טענעמענט הויז, אויף די שטיעגען טרעף איך אן נאך א שכנה.

— וואס האט דא פאסירט? — פרעג איך פון דאס ניי, מיט דער האפנונג דיעזען מאל צו קריגען א מעהר דייטליכען ענטפער אויף מיין פראגע.

— די בראנבאכס דיענסט איז פון פענסטער געשפרונגען. — דער־הער איך די זעלבע שטיקעל נייעס.

— איז איהר פאל געפעהרליך? פרעג איך ווייטער.

— ווער ווייס זי? — ענטפערט מיר אויף דיעזע פרוי קאלט און טרוקען.

— ווארום האט זי דאס געטהאן? וואס האט זי געצוואונגען צו ווארפען זיך פון פענסטער? — הער איך ניט אויף צו נאכפרעגען זיך.

די פרוי, צו וועמען איך רעד, בעטראכט מיך ווי איך בין גרויס, מיט א לאנגזאמען, דורכדרינגענדען, קאלטען בליק און טהוט מיר פלוצים א זאג:

— וואס ווערט אויף דעם זאגען איהנענס פרוי, ווען זי ווערט זיך דערוויסען, אז איהר פרעגט זיך אזוי נאך אויף אזא מיידעל? — איהרע ליפען האבען זיך אויסגעקרימט אין א פערעכטליכען שמייכעל,

און אָהן ווייטערע רייד האָט מיין שכנה מיך פערלאָזען און איז אוועק אין איהר וועג.

בין איך דערגאַנגען אויפ'ן טאָפּ־פלאָר, וואו איך האָב מיין „אַפּאַרטמענט“, האָב איך זיך אָנגעשטויסען נאָך אויף צוויי שכנות, איך האָב גערעדט מיט זיי וועגען דער אַנגעלעגענהייט, נור פוןביידע פרויען גלייך האָב איך געקראָגען די זעלבע טרוקענע, אונדייטליכע, פיינדליכע אַנטוואָרטען.

איינע האָט געענטפערט:

— עס איז ניט מיינע דאגות.

אַ צווייטע האָט געגעבען אַן ענטפער, וועלכען איך האָב שוין איין מאָל געהערט:

— עס איז גוט פאַר איהר.

שפּעטער מיט איניגע שטונדען האָב איך גערעדט מיט אַ שכן פון אונזער הויז, דאָס איז געווען דער מאַן פון יענער גוטער פרוי, וועלכע האָט מיר געדראָהעט מיט אַ געפאַהר פאַר מיין רעפּוטאַציע אין פאַל ווען איך וועל זיך צופיעל נאָכפרעגען וועגען דעם אונגליקליכען פאַל, וועלכער האָט פּאַסירט אין אונזער הויז.

פון דיעזען מאַן האָב איך שוין דערוואוסט זיך עטוואָס מעהר. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די בראָנבאַכס האָבען געהאַלטען זייער דיענסטמיידעל אַלס אַ „באָרגיין“ אין הויז, מען האָט איהר גאָרניט געצאָהלט, נור פאַר'ן שטיקעל ברויט האָט זי געאַרבייט, און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל די מיידעל האָט אונטער איהר ברוסט געטראָגען די פרוכט פון פערבאָטענער ליעבע. זי איז געווען די בראָנבאַכס אַ לאַנדסמיידעל, זיי האָבען געוואוסט וועגען איהר אַ טרויעריגע געשיכטע, ווי אַזוי איינער האָט זי אָבגענאַרט און פערפיהרט, און די לייטע האָבען די אונגליקליכע מיידעל געהאַלטען ביי זיך אין הויז אויס רחמנות...

דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט וועגען דער מיידעל, וועלכע האָט זיך פון אַ פענסטער געוואָרפען. די קאַלטע, פיינדליכע, שטעכיגע, אונדייטליכע אַנטוואָרטען פון מיינע ליעבע שכנות זיינען יעצט ערשט געוואָרען דייטליך... יעצט האָב איך זיי ערשט פערשטאַנען.

וואוהין זי איז געגאנגען

א ווינטער פריהמאָרגען. דרויסען האָט אָנגעשאָטען שנעע אריבער די קניע; אַ שטאַרקער ווינד, אַ פראָסט — אַ סיבירנער פריה־מאָרגען! דער אויוועז ביי מיר צו הויז וויל ניט ברענען; הייצען הייצט ער זיך, אבער ער פערבלייבט זיך קאַלט אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געווען ברוגז דערפאַר וואָס מען נאַרט איהם און מען שטאָפּט איהם ניט מיט קוילען, נור דער שד ווייס מיט וואָס... אָבער איך זיץ דאָך נעבען אויוועז און פרוביר אומזיסט אָנוואַרמען מיינע דערפראָרענע ביינדעלעך.

קלאַפּט מען אין טהיר.

— קאָם אין!

איז אַריינגעקומען די מיסיס רובינזאָהן, אַן אלמנה, פון אַ יאהר עטליכע און דרייסיג, אַ הויכע, אַ דאַרע אידענע, אַ גרויסע הוסטערין און אַ שוואַכע אין געזונד.

— מיסיס רובינזאָהן, גאָט איז מיט אייך, אין אַזאַ וועטער? — וואונדער איך זיך און קוק אָן די פרוי.

— צרות טרייבען פון שטוב... — האָט געענטפערט די מיסיס רובינזאָהן. זי האָט גענומען אָבקלאָפּען דעם שנעע פון איהרע פיס און איך האָב דערזעהן, אַז איהרע שיך זיינען אַזוי נישט־קשה׳דיג צוריסען.

— זיצט, מיסיס רובינשטיין!

זי האָט זיך געזעצט, האָט אַרויסגענומען פון אַ באַסקעט אַ צעטעלע און גיט עס מיר.

מיין האַרץ זאָגט מיר גלייך, אַז עס איז אַ מוף־צעטעל — און איך טרעף. האָב איך טרויעריג אַ שאָקעל געגעבען מיט׳ן קאָפּ און געבליעבען שטיל שווייגען.

— נו, וואָס זאָגט איהר עפּעס צו דעם? — האָט מיך געפרעגט די אלמנה עפּעס מיט אַזאַ טרויעריגער הערצרייסענדער שטימע.

וואָס האָב איך איהר געזאָלט ענטפערן? איך האָב צו יענער צייט אַליין ערוואַרטעט אַזאַ צעטעלע יעדען טאָג...

איך האָב ווייטער געשווינגען. איך האָב זיך פערטראַכט א ווײלע וועגען דעם פּעקעל צרות פון דיזער אָרעמער פרוי.

מיט צוויי חדשים צוריק איז געשטאָרבען איהר מאַן און האָט זי איבערגעלאָזען מיט פיער קליינע קינדערלעך אָהן אירגענד וועלכע-עס-איז-מיטעל צום לעבען.

רובינזאָהן איז געווען א סיגאַרענמאַכער און איז געשטאָרבען ניט פון וואוילטאָג. ער האָט געהאַט א סטעדי פּלאַץ און האָט דערפאַר געמוזט וואוינען אין איינער פון זיין באָס'ס טענעמענט-הייזער.

עפּעס יאָהרען, יאָהרען לאַנג האָט ער אָבגעאַרבייט ביי דעם זעלבען באָס, האָט כמעט זיין גאַנצען לעבען אָבגעוואוינט אין דריי פינסטערע, ענגע רומקעס, פאַר וועלכע ער האָט געצאָהלט רענט אין צווייען וויפיעל מען דאַרף צאָהלען פאַר אַזעלכע רומס; און יעצט ווען ער איז געשטאָרבען האָט זיין באָס צוויי חדשים נאָך זיין טויט אַריינגעשיקט א מופ-צעטעל דער אלמנה און די יתומים...

וועגען דעם האָב איך געטראַכט און מיר האָט זיך אין דער מינוט געוואָלט אַרויסלויפען פון הויז, כאַפּען אימיצען שטיקען, שלאָגען, ווערגען און שטילען דעם פּרוכטלאָזען פערדרוס, וועלכע האָט גענומען פייניגען מיין קראַנק הארץ.

— נו, וואָס טהוט מען ? — האָט די אלמנה ווייטער געפרעגט.

— הערט אויס, — האָב איך געענטפערט — געהט איבערמאָרגען אין קאָורט אוועק.

— נו, וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען ? — האָט די אלמנה שטיל און פערצווייפעלט געפרעגט.

— דערצעהלט דעם „דזשאַדזש" אייער געשיכטע.

— נו, איז וואָס ?

— ער וועט געבען אַן אָבהאַלט.. ער וועט אייך ערלויבען א געוויסע צייט צו וואוינען אין אייערע רומס און, נאַכהער וועלען מיר זעהען וואָס מיר קענען טהאָן...

איהר קענט פון מיר לאַכען, רבותים.. גלויבט-זשע מיר, איך פערשטעה פונקט ווי איהר, אז מיין עצה איז געווען נאַריש, אז ערוואַרטען רחמנות פון א ריכטער איז זעהר ניט פּראַקטיש. אבער אין יענער מינוט האָט זיך דיזער מופ-צעטעל מיר געדאַכט אַזא הימעל-שרייענדער פערברעכען, דאָס איך בין כמעט ווי זיכער, אז די

מיסים רובינזאָהן וועט קריגען אַן ערלויבניס צו פערבלייבען וואוינען אין איהרע רומס אַ געוויסע צייט.

— זאָל איך געהן אין קאָורט? — האָט די פרוי איצטער געפרעגט.

— אונבעדינגט.

— ווען דאַרף מען דאָס געהן?

— איבערמאָרגען.

— וויפיעל דעם זייגער?

— פריה ווי מעגליך.

— נאָט זאָל אויף מיר רחמנות האָבען.. עס איז אַזוי אויך גענוג צרות... די קינדערלעך זיינען אַלע פערקיהלטע... גאָר קראַנק נעבעך... ער וואָלט כאָטש אָבוואַרטען אַביסעל ביז די וועטערן וועלען ווערען בעסער...

די פרוי האָט זיך צואוויינט...

אין צוויי טעג אַרום, אין דעם טאָג, ווען עס האָט געדאַרפט זיין די מיסים רובינזאָהן'ס „טריעל", בין איך אוועק צו איהר אַהיים „זעהן וואָס עס הערט זיך".

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— קאָם אין! — האָט געענטפערט אַ קינדערשע שטימע.

איך בין אין הויז אַריין.

קאַלט... פינסטער... ענג... שמוציג...

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט די זעלבע קינדערשע שטימע, וועלכע האָט זיך געטראָגען פון בעדרום.

בין איך אין בעדרום אַריין!

פינסטער... מען זעהט גאָרנישט... עס האָט געדויערט אַ ווייל און איך האָב דערזעהן פיער קינדערלעך זיצענדיג אין בעט, פער־טרונקען אין שמאַטעס.

בלאַסע, אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַלטע מיט קראַנקע אויגעלעך... זיצען שטיל.. אומעטיג... טוליען זיך איינס צום צווייטען... און דאָס אינגסטע, אַ בייבעלע פון אַ יאהר צוויי, זיצט און כליפּעט... הפּנים זי האָט געוויינט און מיין קומען האָט איבערגעשלאָגען איהר וויינען.

מיר האָט זיך שטאַרק פערגלוסט אוועקוואַרפען זיך אין בעט מיט די אָרעמע יתומים'לעך און אַזוי גוט צואוויינען זיך.

— וואו איז די מאַמע? — האָב איך געפרעגט.

— אוועק אין קאָרט, — האָט מיר ערקלערט די עלטערע מיידעלע — מיר האָבען געקראַגען אַ מוף־צעטעל.

— האָט איהר היינט געגעסען, קינדערלעך? — האָב איך געפרעגט.

— יעס.

— וואָס?

— ברויט מיט קאַלטע טהעע. — האָט די מיידעלע געענטפערט.

— ווען איז די מאַמע אַוועק?

— ווען עס איז נאָך געווען פינסטער, — האָט די מיידעלע געענטפערט און האָט אַ שווערען זיפץ געטהאָן.

— די מאַמע האָט געוויינט ווען זי איז אַוועק, — האָט צוגעגעבען דער מיידעלע'ס אינגערער ברודער'ל, אַ נפש'ל פון אַ יאהר פיער.

איך האָב דערהערט דער מיסים רובינזאָהן'ס הוסטען.

— די מאַמע קומט, די מאַמע קומט. — האָבען די אָרעמע קינדער־לעך אין בעט גענומען ריהרען זיך.

די טהיר האָט זיך געעפענט און איך בין אריין אין קיטשען אנט־קעגען דער מיסים רובינזאָהן.

— נו, געוועזן? — האָב איך גלייך געפרעגט.

— געווען... — האָט זי געענטפערט שטיל און טרויעריג.

— נו, וואָס הערט זיך?

— איך בין ניט געווען אין קאָרט — האָט די אלמנה געענטפערט.

— וואו דען? — האָב איך אָנגעקוקט די מיסים רובינזאָהן.

— וואָס זאָל איך געהן צו די רוצחים? אין אמעריקא איז ניטאַ קיין רחמנות! — האָט די אלמנה געענטפערט.

— זייט איהר גאָר ערגעץ ניט געגאַנגען?

— איך בין געווען ביי מיין מאַן. — האָט די אלמנה געענטפערט. איך האָב זי ווייטער אָנגעקוקט.

—איך האָב אויסגעוויינט מיין ביטער הארץ; איך האָב מיינע צרות דערצעהלט...

— אָבער וואָס וועט עס העלפען? — האָב איך געפרעגט.

— פאַר וואָס קומט עס מיר טראָגען דעם גאַנצען יאָך? — האָט די מיסעס רובינזאָהן געענטפערט מיט אַ גאַנץ ערנסטען טאָן — געלאָזען מיך מיט פיער קינדערלעך מאַטערן זיך אויף דער וועלט און

ער ליעגט זיך דאָרטען רוהיג ווי א פּריץ... זאָל ער אויך וויסען פון מיינע צרות...

זי איז אנשוויגען געוואָרען און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— מאַמע! — האָט די בייבי א רוף געגעבען איהר מוטער און די אלמנה איז אוועק אין דעם פינסטערן בעדרום.

מען האָט האסטיג אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

עס זיינען אריינגעקומען א שעריף און צוויי בעהעלפער —

די ענדע פון דעם בילד שילדערט זיך זעלבסט — איך קען ניט...

די פינגער ציטערן און די פעדער פאַלט פון דער האנד...

אַן אומזיסטער קלאַפּ

וואָס טהוט מען, ווען מען טרעפט זיך אָן אויף אַ בעקאַנטען פעדער־לער, פאָהרענדיג אין טריין?

מאַכט מען געוועהנליך אַ שמועס.

— וואָס מאַכט עפּעס אַ איד? — ווענד איך זיך מיט דער געוועהנליכער סקאַרבאָווער פראַגע צו מיין בעקאַנטען פעדלער.

— איך האָב נעכטען געלייזט אַן אומזיסטען קלאַפּ! — לאָזט מיר וויסען דער פעדלער.

— פון לויפער? — פרעג איך.

— אַ לויפער, צי ניט אַ לויפער, וואָס איז די נפקא מינה, אבי איך האָב געלייזט.

איבעריגעס וואונדערן זיך אויף דעם, וואָס אַ פעדלער לייזט קלעפּ פון לויפער, האָב איך ניט געקענט, ווארום אַזאַ זאַך איז גאָר אַ קנאַפּע נייעס, און אויף דעם, וואָס דער פעדלער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די קלעפּ זיינען „אומזיסטע", האָב איך זיך אויך ווייניג פערטראַכט. וואָרום, וועלכער פעדלער וועט עס זאָגען, אַז די קלעפּ, וועלכע ער לייזט פון לויפער זיינען ניט אומזיסטע?

גאָרנישט. שווייג איך. אָבער אַזוי ווי מיר האָט זיך געגלוסט ווייטער צו שמועסען, טהו איך אַ זאָג:

— די ניו יאָרקער לויפער זיינען אַ שאַנדע, אַ רציחה!

— און די אידישע „לענדלערס"? — שפּרינגט פּלוצלינג ארויס דער פעדלער — דאָס איז נאָך אַ גרעסערער „ראַזבאָי"!

וואָס דער פעדלער האָט אויסגעדריקט זיין ענטריסטונג געגען די אידישע לענדלאָרדס האָט מיך ווייניג איבערראַשט. מיר האָט זיך נור אויסגעדאַכט אביסעל קשה'דיג די פלעצליכקייט פון דיעזען ענטפער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער פעדלער איז אריינגעפאַלען ווי אַ יון אין סוכה, און איך האָב געפרעגט:

— אָבער וואָס איז איינס צום צווייטען שייך?

— ווייל די קלעפּ האָב איך געלייזט איבער אונזער לענדלאָרד, וועלכער איז אַ איד... — האָט געענטפערט דער פעדלער.

— ווי הייסט?

— ער האָט מיר געהעכערט די רענט, אז העכערען זאָל איהם דער אויבערשטער אין צרות און יסורים.

— אָמן! — ענטפער איך — אָבער פון וועמען האָט איהר געלייזט די קלעפּ?

— טאָ הערט־זשע אויס, — מאַכט צו מיר דער פעדלער. דערביי האָט דער מאַן גענומען אַ גוטען שמעק טאַבאַק, אויסגערייניגט די אָטהעם־ציהער, עטליכע מאָל דורכגעגאָרגעלט די האַלז. נאָך דיעזע הכנות נאָך האָב איך זיך שוין אָנגעשטויסען, אַז דער פעדלער פער־נעהמט זיך מיר דאָ דערצעהלען אַ גאַנצע געשיכטע. איך האָב געהאַט צו פאָהרען נאָך אַ היבשע ביסעל, האָב איך זיך געמאַכט בעקוועם און געוואָרען אויפמערקזאַם אום אויסצוהערען דעם פעדלער, וועמען מען האָט געהעכערט די רענט און צו דעם נאָך קלעפּ געגעבען.

און דער פעדלער האָט גענומען אויסגיסען פאַר מיר זיין ביטער הארץ:

— וואוינען וואוין איך אין די בראָנקס. איך פערנעהם פיער חדרים, אָבער די חדרים זיינען די גרויס ווי מייזעשע לעכער, איך בעט אייך איבער אייער כבוד. ווייטער איז די גאַנצע הויז געבויט פון שטרוי און קינעלעך. „שצעלעס" און לעכער אַזוי ווי אין אַ „זיפּפּע". לעכער אונטער די פענסטער, לעכער אונטער די טהירען, לעכער אין די ווענד. ביים פלאָר פלעגט אַ בלאָז טהאָן אַ ווינד, פלעגט זיך די גאַנצע בילדינג נעהמען טרייסלען, ווי אַן אַלטער משומד ביי דער פגירה, און פון אַלע לעכער פלעגט עס נעהמען בלאָזען און פייפען, אַז עס פלעגט אָנכאַפּען אַ שרעק, — בלאָזען און פייפען זאָל אַזוי דער לענדלאָרד מיט זיין נשמה.

— אָמן! — האָב איך איבערגעשלאָגען דעם פעדלער.

דער מאַן האָט אויף מיר געוואָרפען אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין ערצעהלונג:

— אַ ווינטער זיינען מיר אויסגעשטאַנען פון די רומס, גרויסע צרות, שונאי ציון. עס איז געווען אַזוי קאַלט, אַז מען איז שיער צום טויט ניט דערפראָרען געוואָרען, און אויף קוילען האָב איך פערספּענדט ממון קורח. אָט ווי די רומס זיינען ניט צרה'דיג איז דאָ אַן אויוועז — נו־נו, אַן אויוועז! עס שלינגט, עס שלינגט קוילען! עס פלעגט אריינשלינגען אין זיך צוויי „בושעל" קויהלען אַ טאָג, עס פלעגט ברע־

נען ווי א גיהנום, און גאַרנישט, לעבען רעכטען אויוועז פלעגט פערכאַ־פען דער אָטהעם פון היץ, נור איין טראָט ווייטער איז שוין קאַלט ווי אויפ׳ן גאַס, וואָס איז דער חידוש? אז די גאַנצע הויז איז פון לויטער לעכער, אזעלכע לעכער זאָל אונזער לענדלאָרד האָבען אין האַרצען. דריי רומס האָבען מיר א גאַנצען ווינטער געהאַלטען צוגע־מאַכט און מען האָט זיך געשטיקט אין קיטשען. איך בין דורך דעם, שונאי ציון, אונגליקליך געוואָרען. מיינע קינדערלעך האָבען זיך צוגע־קיהלט און קראַנק געוואָרען. איינס ליעגט נאָך יעצט אין האָספּיטאַל, א צווייטע איז נאָך יעצט טוידט־קראַנק. נור גאַרנישט, מען האָט געווינט אין די רומס, געמאַטערט זיך מיט׳ן טוידט, און מען האָט אַלץ געוואַרט אויף זומער. עס איז פאָרט די בראָנקס. זומער קען מען כאַפּען אביסעל לופט, עס איז ניט ווייט פון א פּאַרק. מיינע קינדערלעך, זאָלען לעבען און שטאַרק זיין, זיינען נעבעך זעהר שוואַכע... בלאַסע, עס ווילט זיך מיט זיי ניט פערמופען אויף זומער דאַן־טאַון. נו, האָט מען א ווינטער געקריינקט און געוואַרט אויף זומער. בקיצור, עס האָט גענומען ווערען וואַרימער, דער גיהנום אין קיטשען האָט אויפגעהערט צו שלינגען קויהלען. מיר האָבען אויפגעעפענט די דריי רומס, מען האָט זיך ערשט גענומען אָבלעבען. מיט אמאָל זאָגט מען אונז אָן, אז דער לענדלאָרד העכערט די רענט דריי דאָלאַר א חודש... איך קען אייך גאַר ניט איבער־דערצעהלען דעם שברת הלב וואָס איך און מיין ווייב זיינען אויסגע־שטאַנען. בקיצור, נעכטען ביי נאַכט קום איך אהיים פון מיין פּעדלען. איך געה אזוי פון סטיישאָן אהיים, מיט אמאָל טראַך! איך ליגט מיט א שטיין אין רוקען. איך קעהר זיך אום א קוק טהאָן „מאין יבוא עזרי“, איך זעה טאָממי הויבט אויף נאָך א שטיין און וויל מיך ווייטער מכבד זיין, בין איך נשתומם געוואָרען.

— ווער איז דער „טאָממי“? — האָב איך איבערגעשלאָגען דעם פּעדלער.

— אָט דאָ ליעגט דאָך דער גאַנצער שפּאַס — האָט דער פּעדלער ווייטער גערעדט. — ביי אונז אין הויז, טאַקע אויף דעם זעלבען פלאָר וואו איך וואוין, וואוינט אן איירישמאַן, איז דאָס זיינער א זוהן. אָבער מיר זיינען, חלילה, קיין שונאים ניט, אדרבה, מיר קומען אוים מיט דעם איירישען זעהר גוט. געה איך דאָך צו צום לויפער און טהו א פרעג: „טאָממי, וואַט איז דהי מעטער וויטה יו?“ בקיצור, ער איז געוואָרען

פערשעהמט און בעט מיך איך זאָל איהם עקסקיוזען. באשר ער האָט מיך ניט דערקענט און האָט געמיינט, אז דאָס איז עפּעס אַן אַנדער איד. פרעג איך דאָך ביי איהם: „נו, אז אַן אַנדער איד דאַרף מען שוין שלאָגען?“ בקיצור, דער לויפּערעל האָט זיך מיט מיר צורעדט, און איך דערגעה, אַז ער נעהמט עס נקמה דערפאַר, וואָס אונזער „לענד־לאָרד“ האָט געהעכערט די רענט זיינע עלטערען. אָט אַזוי, פערשטעהט איהר מיך, האָט מען מיר אי געהעכערט די רענט, אי אַ ווינטער האָב איך זיך אָבגעפּלאָגט וואַרטענדיג אויפ׳ן זומער, און ווען דער זומער קומט מוז איך מופען, ווייל ווער קען עס צאָהלען אַזוי פיעל רענט? איז דאָך שוין „דיינו“, לייז איך נאָך אַלס צוגאָב מיט אַ שטיין אין רוקען...

— יע, דאָס איז טאַקע אַן אומזיסטער קלאַפּ — האָב איך צוגעגע־בען, אויסהערענדיג דעם פּעדלער.

— זאָל איהם אַ דונער איינשלאָגען, דעם לענדלאָרד, — האָט דער פּעדלער געזאָגט מיט הארץ.

— אמן — האָב איך געענטפערט, נור איך בין ניט זיכער אויב דער פּעדלער האָט מיין לעצטען „אמן“ געהערט, ווייל די טריין האָט שוין געסטאָפּט אויף דער סטאַנציע, וואו ער האָט בעדאַרפט ארונטער־געהן, און ער האָט אין גרויס איילעניש גענומען לויפען פון טריין.

אַ העמאַק אין לודלאָו סטריט

אַ זומער־אבענד אין דעם פערשטיקטען, איינג־פערמויערטען, פערפּעסטעטען דאַן־טאַון.

היים, לופטלאָז, שטיקענד, אַ גיהנום!

איך זעה, מען לויפט — לויף איך אויך. אַלע די, וועלכע לויפען, פערקעהרען זיך אין לודלאָו סטריט, לויף איך אויך אַריין אין לודלאָו סטריט.

איך זעה אין מיטען בלאָק לעבען אַ הויז שטעהט אַ קראוד מענשען און די קראוד ווערט גרעסער, געדיכטער. באַלד בין איך אויך אין קראוד, קוק ווי אַ האָהן אין „בני אדם", און הויב ניט אָן צו וויסען צו וואָס איך שטעה דאָ, און צו וואָס אַלע שטעהען.

— וואָס איז דער מעהר? — פרעגט מיר איינער פון דער קראוד.

— איך ווייס ניט — ענטפער איך דעם אמת.

— וואָס שטעהט מען דאָ? — ווענד איך זיך מיט אַ פראַגע צו איינעם אַ איד, מיט אַ גרויסער געלער באָרד, און מיט אַ פּאָר געדיכטע געלע ברעמען.

— וואָס שטעהט איהר דאָ? — פרעגט מיר דער געלער איד.

— אַלע שטעהען, שטעה איך אויך — ענטפער איך.

— אָט אַזוי איז מיט אַלעמען — טהוט זיך אַ זאָג מיין געלער איד, און ווערט פערשוואונדען אין דעם קראוד.

שוין דעם צווייטען מאָל, אַז דאָ אין הויז טרעפט אַן אונגליק — טהוט צו מיר אַ זאָג אַ צווייטער איד.

— וואָס פאר אַן אונגליק? — פרעג איך.

— מיט אַ וואָכען צוויי צוריק איז דאָ פון אַ פענסטער פון צווייטען פלאָר אַ מיידעל אַרויסגעפאַלען.

— דער'הרג'עט געוואָרען? — פרעג איך.

— ניין, ניצול געוואָרען.

— ווי אַזוי?

— איהר זעהט? — צייגט מיר דער איד מיט'ן פינגער — איהר זעהט?

— וואָס? — פרעג איך.
— אַט די הויבע קופּע מיסט?
— יעס, איז וואָס?
— ליגט דאָס דאָ אימער, די מיידעלע איז אויף דעם ארויפגעפאַלען און איז לעבען געבליבען, נור אז עס איז ניטאָ קיין יאָהרען...
— הא? — שלאָג איך איבער דעם אידען — טאקע געשטאָרבען?
— ניט פון דעם פאַלען; היינטיגע וואָך געשטאָרבען פון סקארלעט פיוועך.
— און וואָס איז יעצט פאַר אַן אונגליק? — פרעג איך ווייטער.
— איהר זעהט — מאכט דער איד און צייגט מיט'ן האַנד אין דער הויך — אַ העמאַק.
— אַ וואָס?
— אַ העמאַק.

איך הויב אויף דעם קאָפּ, שטעל זיך אויף די ציפּקעס און קוק זיך צו וואוהין אַלע קוקען. ריכטיג אויף אַ פייער־עסקייפּ אויפ'ן פיערטען פלאָר, איז פערשפּרייט אַ העמאַק, און אין העמאַק ליעגט אַ קינד...

— אַ פּאָליסמאַן געהט... אַ פּאָליסמאַן געהט — איז געוואָרען אַ רעש, אַ שטופּענים אין דער קראָוד.

איך האָב זיך דורכגעשטופּט צום רעכטען הויז, וואו דער צווייטער אונגליק איז געשעהן.

דער פּאָליסמאַן האָט ארויסגערופען דעם הויזקיפּער, האָט איהם עפּעס בייז געזאָגט, דער הויזקיפּער איז גלייך אריין אין האָל פון הויז... באַלד האָט זיך אין פענסטער געצייגט אַ פרוי מיט אַ בלאַסען, פערמוטשעטען געזיכט, זי איז ארויס אויפ'ן פייער־עסקייפּ און פון דעם העמאַק ארויסגענומען אַ קינד... דאָס קינד האָט זיך צוואוויינט און מאכטלאָז ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ...

— אַ קראַנקע קינד — האָב איך דערהערט אַ מורמלען אין דער קראָוד.

די מוטער האָט אַ קוש געטהאָן דאָס קינד און איז פאַרזיכטיג דורכ'ן פענסטער אין הויז אריין.

באַלד האָט זיך געצייגט אַ מאַן אויפ'ן פייער־עסקייפּ, האָט ארונטערגענומען דעם העמאַק און איז אין הויז אריין.

די קראוד האָט זיך גענומען צוגעהן. בלויז קליינע קינדער זיינען פערבליבען אויפ׳ן פּלאַץ.

און איך הער די קינדער ריידען.

— פּור, פּור, סיק עמילע — זאָגט אַ מיידעלע פון אַ יאָהר זעקס

— דו יו סי הער?

— שי איז דייאינג — זאָגט נאָך אַ קינד.

— פאַר־אַ־יאָהרען איז די מאַמאַ געווען מיט איהר אין קאָונטרי — דערצעהלט ווייטער די ערשטע מיידעלע.

— האַ־יאָהר קענען זיי ניט, איהר פּאַפּאַ ארבייט ניט — בעמערקט נאָך אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן.

די קינדער האָבען זיך גענומען פאַר די הענדטלעך, געמאַכט אַ קרייז, גענומען דרעהען זיך און זינגען: „יענקי דודעל, האַ, האַ, האַ!!“

איך האָב זיך פון דעם אָרט ניט געקענט אָבררייסען. און מיינע בליקען האָבען אַרומגעוואַנדערט דאָס אויפ׳ן פייער־עסקייפּ, וואו עס איז געהאַנגען דער העמאק מיט דער קראַנקער עמילע׳ן, דאָס אויף דער הויכער קופּע מיסט, איבער וועלכע אַ קינד איז ניצול געוואָרען פון טוידט און איז שפּעטער געשטאָרבען פון סקאַרלעט פיווער... און אויף די קינדערלעך, וועלכע עס האָבען געדרעהט זיך און געזונגען: יענקי דודעל, האַ, האַ, האַ!!

בלאַסע קינדערלעך, פערמוטשעטע, פערכמאַרעטע, הויט און ביינדלעך, גליעדער ווי די שפּענדלעך, קינדערשע סקעלעטלעך דרעהען זיך און טאַנצען לעבען דער הויכער קופּע מיסט, וועלכע עס ליעגט דאָ שטענדיג, שטענדיג...

אוי, אַ פערד האָט זיך צויאָגט... ער פליהט גלייך אויף די קינדער, מיין האַרץ בלייבט פון אַ קאַלטען שרעק פערגליווערט...

געשרייען פון קינדער... געשרייען פון עלטערען... קינדער לויפען אין אַלע זייטען... דער פערד לויפט דורך...

קיינער ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען!

„יענקי דודעל, האַ, האַ, האַ!!“

איהר נייער אדרעס.

עס איז געווען א נאכמיטאג־שטונדע אין א ברענענדען זומער־טאג, ווען איך האב געשפאנט איבער לודלאוו סטריט שטארק פער־טראגען אין רעיונות.

— היי, מיסטער, — האט מען מיך אבגערופען; איך האב זיך ארומגעקוקט; לעבען מיר איז געשטאנען מיין אלטער פריינד, מיסטער רפאל, דער פאריער.

— האלא, פריינד רפאל! — האב איך איהם בעגריסט.

— האלא, האלא, ווי קומט איהר עפעס אין אונזערע געגענדען?

— פרעגט ביי מיר רפאל דער פאריער.

— אט אזוי — ענטפער איך, — איהר ווייסט דאך געווים, אז ווען א איד לויפט, זוכט ער פרנסה און פון הינטען שטופט איהם אונטער די ביטערע נויט.

— איך וויים, איך וויים — ענטפערט רפאל.

— נו, וואס מאכט איהר עפעס? — פרעג איך ווייטער.

— מען ארבייט און מען מאכט א צרה'דיגען לעבען.

— וואס מאכען אייערע קינדערלעך?

— אל־רייט.

— וואס מאכט עפעס אייער פרוי?

רפאל האט א שווערען זיפץ געגעבען.

— וואס מאכט אייער פרוי? — פרעג איך איבער.

רפאל האט טרויעריג א שאקעל געגעבען מיט'ן קאפ. ער האט אבער גארניט געענטפערט.

— וואס איז? — האב איך געפרעגט אונרוהיג.

— ניט פאר קיינעם גערעכט.

— געשטארבען?

— דער אויבערשטער זאל רחמנות האבען... זי לעבט, אבער זי איז נעבעך זעהר קראנק.

— וועה! וואס פעהלט איהר?

— געזונד — האט רפאל געענטפערט ערנסט און האט ווייטער א טיעפען, טיעפען זיפץ געגעבען.

— אויף וואָס קלאָגט זי זיך? — פרעג איך ווייטער.

— פריהער האָט זי זיך אַלץ בעקלאָגט אויפ'ן הארצען — האָט רפאל מיר גענומען דערצעהלען — האָט זיך מיין אידענע אַלץ בעקלאָגט, אַז עס געהט איהר אוים די הארץ... האָבען ווייבער געהייסען זי זאָל טרינקען געברענטע גערשטען... האָט זי געטרונקען און עס האָט גאָרניט געהאָלפען... אין אַ צייט אַרום האָט זי גענומען קלאָגען זיך, אַז זי האָט טראָבעל מיט'ן אָטהעם, און צו דעם האָט זי געקראָגען אַ פּאַסקודנעם הוסט, בין איך שוין מיט איהר אַוועק צו אַ דאָקטאָר. נו, האָט מען מיר אָנגעלעגט שווערע שטיינער אויפ'ן הארצען.

— וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט? — שלאָג איך איבער דעם פאָריער.

— וואָס? ער רעכענט, אַז עס איז אַזאַ מין דעהר... בין איך געגאַנגען נאָך צו אַ דאָקטאָר, האָב איך געהערט דעם זעלבען ענטפער... נו, האָט מען מיר געהייסען, אַז איך זאָל זי שיקען נאָך קאָלאָראַדאָ... אָדער אין אַנדערע גוטע פּלעצער, וואו די לופט איז ריין... נו, ווי אָבער קען איך דאָס הויבען? מיין אָרימע גאָלדוניע, וואָס קען איך איהר העלפען, אַזאַ פינסטערער אביון ווי איך בין?...

דעם פאָריער'ס שטימע האָט זיך איבערגעריסען פון שטיקענדע טרעהרען... אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען, טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט ווייטער גענומען ריידען.

— איך האָב כאָטש געוואָלט אַרויסכאַפּען זיך פון לודלאָוו סטריט און דינגען אַ דירה אַריבער'ן האַרלעם בריק; מען זאָגט, אַז דאָרטען איז די לופט ריינער, קען איך דאָך ניט מופען.

— פאַר וואָס? — פרעג איך.

— וואָס רעדט איהר? איך מוז דאָך דאָ וואוינען, עס איז דאָך דעם באָס'ס הויז; ווען איך מוף פערליער איך דעם דזשאָב... געה זוך אַן אַנדער פּלאַץ... איך האָב פיער קליינע קינדערלעך... זיי מוזען עסען יעדען טאָג.... איך קען זיך אויף נסים ניט פערלאָזען.

דער פאָריער איז געבליבען שטיל שווייגען, און וואָס האָב איך געקענט זאָגען.

— הערט נור, וואו וואוינט איהר? — זאָגט צו מיר פּלוצלינג מיין פריינד רפאל — דאכט זיך, אַז אין דער עטליכע און זיעבעציג-סטער סטרים.

יעס, אין דער צוויי־און־זעכציגסטער — האָב איך אָנגעגעבען מיין אדרעס.

— קענט איהר זיך דאָרט זעהן מיט מיין גאָלדע'ן — מאַכט צו מיר דער פאָריער.

— איהר האָט טאַקע דאָך געמופּט?

— עס הויבט זיך ניט אָן. איך וואוין אזוי ווי תמיד אין לודלאָוו סטריט, אין דעם באָס'ם הויז.

— און אייער פרוי וואוינט אנדערסוואו?

— איך קען דען צאָהלען רענט פאַר צוויי דירות, וואָס רעדט איהר דען?

— איהר זאָגט דאָך אָבער? — קוק איך אָן מיין פריינד.

— זי איז אין „צענטראל פארק“, — האָט דער פאָריער געענטפערט קורץ און שאַרף.

— אָה, זי פאָהרט אוים?

— יעס, יעדען טאָג שיק איך זי אוועק אהין... זיצט זי דאָרטען ביז אין דער נאַכט אריין... איך בעט אייך, זעהט זיך מיט איהר דאָרטען... זי איז נעבעך דאָרט אָן עלענדע... זי וועט זיך מחיה נפש זיין, אז זי וועט דערזעהן אָן אייגענעם מענשען.

— אָבער וואו זאָל איך זי דאָרטען זוכען? — פרעג איך דעם פאָריער — סענטראל פארק איז גאַנץ גרויס.

— זי זיצט דאָרטען שטענדיג אויף איין אָרט.

— וואו?

— טאַקע אין דעם זעלבען געגענד, וואו איהר וואוינט, די זעכציגסטע סטריטען.

— אלל־ראיט, איך וועל זיך מיט איהר זעהען, — האָב איך פערשפּראָכען דעם פאָריער.

— איך וועל אייך געבען עטליכע סמנים, — האָט רפאל ווייטער געזאָגט צו מיר — וועט איהר זי אזוי לייכט אויסגעפינען, אזוי ווי איך וואָלט אייך געגעבען אָן אדרעס.

— נו, זאָגט.

— איהר ווייסט דאָך, וואו עס געפינען זיך דאָרטען די ים־חיות?

— איך וויים.

— דאָרטען איז פאַראַנען אַ ים־חזיר, איז נעבען דעם ים־חזיר אַ בענקעל, איז דאָרטען זיצט זי, מיין גאָלדע.

— קען זי דאָרטען דען קיין בעסערען אָרט ניט אויסגעפינען, ווי אין דעם עיפּוש פון די חיות? — פרעג איך דעם פאָריער. האָט ער מיר געגעבען אַזאַ ערקלערונג:

— ערשטענס איז דאָס נאָהענט, ווייט האָט זי מורא צו פערקריכען; צווייטענס איז ווייטער, אינוועניג אין פּאַרק, די לופט צו שאַרף. זי האָט געטרייט ווייטער געהן, האָט איהר פערשווינדעלט אין קאָפּ... און דאָ גראַדע „פּאָליובעט" איהר די לופט...

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך געגאַנגען מבקר חולה זיין רפאל דעם פאָריער'ס ווייב און איך האָב זי אויסגעפונען פּינקטליך אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס: אויף אַ בענקעל, ניט ווייט פון דעם ים־חזיר (היפּאָפּאָטאַמוס), זיצט אַ בלאַסע, אַ געלע, אָטהעמט שווער, הוסט און פּאַכט מיט דער נשמה...

די אָרעמע פרוי האָט זיך שיער צואווינט פאַר שמחה, ווען זי האָט מיך דערזעהן.

— אוי, — זאָגט זי צו מיר — איהר מאַכט מיך גאָר לעבעדיג. מיין מאַן האָט מיך אַהער פערטריעבען קלייבען געזונד און מיר געהט אויס, שונא ציון, די נשמה פון אומעט.

פערקויפט דאס מזל

(אַ שאַפּ־סצענקע)

אין שאַפּ האָט געקאָכט די ארבייט.

דער קאטער האָט געשניטען, די אָפּערייטארס האָבען געטריבען די מאַשינען, די בייסטערס האָבען געצויגען די קאַטען, דער ביגלער האָט געבראָטען זיך נעבען זיינע אייזענס, און אַליין דער באָס, מיסטער רוט, איז אויך געווען ביזי פאַקענדיג די ארבייט.

מלך, איינער פון די אָפּערייטארס, האָט געהאַט ארייַנגעקראָגען אַ שלעכטע, שווערע לאָט ארבייט, ער האָט געפּאַכט מיט דער נשמה, איז געווען שטארק ניט צופריעדען, און האָט עפּעס ניט אויפגעהערט צו מורמלען אונטער'ן נאָז.

— וואָס גראַמבעלסטו? — האָט דער באָס געווענדעט זיך צו דעם אונצופריעדענעם אָפּערייטאָר.

— ווער, איך? — האָט מלך איהם געפרעגט.

— נו, געוויס דו.

— איך גראַמבעל ניט. — האָט מלך געענטפערט.

— היינט וואָס רעדסטו דאַרטען אונטער'ן נאָז? — האָט דער באָס ווייטער געפרעגט.

— אַזוי, גאָר נישט, — האָט זיך מלך אין גאַנצען שוין פערלאָרען

— איך זאָג בלויז...

— וואָס?

— איך זאָג, אַז איך האָב אַ פינסטערען, ביטערען מזל... — האָט מלך זיפצענדיג געענטפערט.

— אַ פינסטערען מזל? — האָט דער באָס איבערגעפרעגט.

— נו, געוויס! — האָט מלך געענטפערט.

— מען טאָר אַזוי ניט רעדען, — האָט רוט דאַן געזאָגט — קיינער טאָר זיך ניט בעקלאָגען אויף זיין מזל, מען קען גאָר ניט וויסען וואָס עס קען געבען.

— עט, — האָט מלך אַ מאַך געגעבען מיט די הענד — איך האָב אויף גאָרנישט צו האָפען.

— אט האָב איך געלעזען אין די צייטונגען, — האָט דער באָס ווייטער גערעדט — אַז אַן אָרעמער מאַן האָט בעקומען אַ גרויסע ירושה.

— איך וועל עס ניט בעקומען, — האָט מלך געענטפערט — מיין גאַנצע משפחה בעשטעהט פון לויטער אביונים...

די הענד האָבען געסטאָפּט די אַרבייט און גענומען צוהערען זיך.

— פון דעסטוועגען וועסטו דיין מזל ניט פערקויפען... — האָט דער באָס געזאָגט צו מלך'ן.

— איך וועל איהם אָבגעבען פאַר אַ שמעק טאַבאַק. — האָט מלך געענטפערט — וואָס פאַר אַ מזלות האָב איך? ווען איך וועל ניט אַרבייטען, וועל איך געשוואָלען ווערען פאַר הונגער.

— און אַז מען אַרבייט, האָט מען דען גענוג צום עסען? — האָט איינער פון די אַרבייטער בעמערקט, און רעכענענדיג, אַז ער האָט אַ געזונדען שטאָף געגעבען דעם באָס, האָט ער אַראָבגעלאָזען די אויגען, רויט געוואָרען, פערשעהמט זיך און גענומען אַרבייטען.

אַלע הענד האָבען זיך צווישען זיך איבערגעקוקט.

— נו, פערקויף מיר דיין מזל! — האָט דער באָס זיך געווענדעט צו דעם אָפּרייטאָר און האָט ווייטער געטריבען זיינע לצנות.

— פאַר וואָס ניט? — האָט מלך געענטפערט שמייכלענדיג.

— וויפיעל ווילסטו?

— וויפעל וועט איהר געבען?

— אַ דאָלאַר! — האָט דער באָס זיך אָבגערופען.

— אָה, זעהר פיין! — האָט מלך געענטפערט, אָננעהמענדיג דעם גאַנצען שמועס פאַר אַ שפּאַס.

— אָלל־ראַיט. — האָט מיסטער רוט געענטפערט.

— זייט עדות... — האָט דער באָס געזאָגט צו די אַרבייטער, איז צוגעגאַנגען צו מלך'ס מאַשין, האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל פּאַפּיער מיט אַ פּענסיל און אָנגעשריבען עטליכע ווערטער.

— הערט זיך צו! — האָט דער באָס ווייטער געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו אַלע אַרבייטער, און ער האָט גענומען לעזען דאָס אָנגעשריבענע.

„איך, דער אונטערצייכענטער, מלך בראַטקין, פערקויף מיין מזל צו מיין באָס, אייבראַם רוט, און אין פאַל ווען מיר וועט אָנקומען אירגענד וועלכע ירושה, אָדער ווען איך וועל געווינען געלד, אָדער מיר

וועט עפּעס טרעפען אזוי א גליק, זאָל דאָס געהערען צו דעם מיסטער רוט."

— צופריעדען? איינשטימיג? — האָט דער באָס געפרעגט ביי מלך'ן.

מלך האָט דערפיהלט עפּעס אזוי קאַלאַמוטנע אויפ'ן הארצען. ער האָט דאָך אָבער געמיינט, אז די גאַנצע מעשה איז ניט מעהר ווי א שפּאַס, און ער האָט געענטפערט:

— מיינע דאגות, איינשטימיג, פאַר וואָס דען ניט?

— שרייב זיך אונטער... — האָט דער באָס געזאָגט און דערלאַנגט מלך'ן א פּענסיל.

מלך האָט גענומען דעם פּענסיל און האָט געשמייכעלט.

— וואָס לאַכסטו, בעשעפּענים? — האָט דער באָס ערנסטער געזאָגט — וואָס מיינסטו, אז דו וועסט מיט מיר קאַטאָוועס פיהרען? שרייב זיך אונטער.

— איהר מיינט, אז איך וועל זיך דערשעקען? — האָט מלך געזאָגט, און דאָס הארץ איז ביי איהם פּלוצלונג פערשטאַרבען געוואָרען.

— נו? — האָט דער באָס געפרעגט.

מלך האָט גענומען אונטערצייכענען זיין נאָמען אונטער דעם צעטעלע וועלכען דער באָס האָט אָנגעשריעבען.

דעם אָפּרייטאָר'ס האנד האָט געציטערט, ער האָט נאָך אַלץ געשמייכעלט, אָבער מיט א נערוועזען, קאָנוואולסיווען שמייכעל.

דער באָס האָט גענומען דעם אונטערגעשריעבענעם צעטעלע און האָט עס בעהאַלטען צו זיך אין פּאָקעטבוך.

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָבען אַלע ארבייטער ארויסגעפּלאַצט מיט א הילכיגען געלעכטער און דער אָרעמער מלך האָט דערפיהלט אזוי ווי מוראשקעס וואָלטען איהם אריבער איבער'ן גאַנצען לייב.

— נו... נו... און וואו איז דער דאָלאַר? — האָט מלך געפרעגט, נאָך אַלץ ניט גלויבענדיג, אז דער מסחר איז געווען אַן ערנסטער.

— יעס, יעס, — האָט דער באָס געענטפערט — וואָס גערעכט איז גערעכט. די סחורה איז ביי מיר און דאָס געלד קומט דיר.

מיסטער רוט האָט ארויסגענומען א דאָלאַר און אוועקגעלעגט אויף מלך'ס מאַשין.

די שאָפּ־ארבייטער האָבען ווייטער אויסגעשאָסען א געלעכטער.

מלך האָט אויסגעגלאָצט די אויגען און איז געבליעבען זיצען עפּעס ניט טויט און ניט לעבעדיג.

דער באָס איז אַראָב אין אָפּיס און די אַרבייטער האָבען זיך דאַן אַ נעהם געגעבען פאַר דעם ברודער מלך בראַטניק.

— וואָס האָסטו דאָס געטהאָן? — האָט איינער געזאָגט און האָט געלאַכט אַזוי שפּאָטיש צו מלך׳ן אין די אויגען אריין.

— ווי פערקויפט עס אַ מענש זיין מזל? — האָט אַ צווייטער געזאָגט — ווער ווייס וואָס מיט אַ מענשען קען פּאַסירען?

— דו שטיק אונגליק! יעצט ביזטו דאָך טאַקע אַן אונגליק, אַ רעגעלער אונגליק, אַ מאַן מיט אַ פערקויפטען מזל...

אַלע האָבען ווייטער גענומען לאַכען. מלך האָט אויך געשמייכעלט, אָבער דאָס איז געווען אַ ביטערער שמייכעל, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. ער האָט אויסגעקוקט אַזוי אונגליקליך, אַזוי דערשראָקען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ווירקליך פערלוירען עטוואָס אַזוינס וואָס איז איהם טהייער ווי זיין לעבען.

— וואָס איז, דו האָסט ניט קיין ווייב און קינדער, וואָס דו פערקויפסט דיין מזל? — האָט איינער גענומען ווייטער טאַדלען מלך׳ן.

— האָסט שוין דורכגעמאַכט דיין וועלט, וואָס דו האָפּסט אויף גאָרנישט? — האָט אַ צווייטער געזאָגט — ביזט, דאַכט זיך, נאָך אַ יונגער מאַן.

— ווער פערקויפט עס אַ מזל? ווער טהוט עס?

— און זעה אַקאָרשט, — האָט נאָך איינער געזאָגט — אויב דער באָס ווייס ניט פון עפּעס... אַז ער האָט געקויפט דיין מזל, ווייס ער געוויס וואָס ער טהוט.

מלך האָט ניט געהאַט פון וואַנען און פון וועמען צו ערוואַרטען גליקען, דאָך איז איהם געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער אויפ׳ן האַרצען; איהם האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז טאַמער ווייס טאַקע דער באָס אַז איהם, בראַטקינען, ערוואַרט אַ גליק. ער האָט ניט געקענט איינזיצען רוהיג אויף זיין פּלאַץ.

— דו פערמאָגסט עפּעס אַן אַנדער זאַך חוץ דעם מזל, — האָט דער קאַטער זיך גענומען צו מלך׳ן — וואָס דו האַנדעלסט מיט איהם? ביזט אַן אָרעמער, פּינסטערער אַרבייטער, וואָס פערקויפסטו עפּעס דיין מזל? ווי האָסטו קיין רחמנות ניט אויף דיינע קינדער?

— עט, איך האָב עס אין דער אדמה! — האָט מלך געפּרובירט טרייסטען זיך. אָבער מען האָט געקענט זעהען, אז דער מענש פיהלט זיך זעהר ניט יום־טוב׳דיג.

ביי א וואָך צייט האָבען די ארבייטער צוזאַמען מיט׳ן באָס ניט אויפגעהערט צו רייצען זיך מיט דעם אָרעמען מלך׳ן, און דער ארביי־טער איז ארומגעגאַנגען ווי אָהן א קאָפּ.

ענדליך איז דער אָפּערייטאָר איבערגעבראָכען געוואָרען. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער גענומען בעטען ביי זיין באָס דעם אונטערגעשריעבענעם צעטעלע וועגען דעם פערקויפטען מזל.

דער באָס האָט מלך׳ן אומגעקעהרט דאָס צעטעלע, אָבער דער אָפּערייטאָר האָט געמוזט בעצאָהלען פינף דאָלאר שטראָף. פאַר דאָס געלד האָט מען געמאַכט א סעודה אין שאָפּ. אלע האָבען זיך משמח געווען — דער באָס, די אָפּערייטאָרס, נור מעהר פאַר אַלעמען האָט זיך געפרעהט מלך דער מזל־פערקויפער.

די טרפה סטריט

וואָס עס טהוט זיך אָב אַ ביסעל אויף אונזער בלאָק! עס איז ערשט אָנפאַנג ווינטער, אונזערע קענדי סטאָרס און גראָסערים האָבען ערשטע אויסגעלעגט אין די „שאָו ווינדאָוס" גאַנצע הרודעס מיט חנוכה־ליכטלעך, און דאָך ווען מען קוקט זיך צו אין וואָס פאַר אַ קדחת'דיגער אויפרעגונג עס געפינט זיך אונזער גאַנצע נאַכבאַרשאַפט, קען מען דענקען, אַז עס איז גאָרניט חנוכה־צייט, נור עס איז שוין רעכטער ערב פסח!

די האַרדוועַר־סטאָרס און די קרעקערי־ביזנעס מאַכען גאָלדענע געשעפטען. אונזערע ווייבער האַלטען אין איין איינקויפען נייע געשיר, נייע גאָפּעל, מעסער, לעפעל — מיט איין וואָרט, מען פיקסט זיך אויס פון דאָס ניי, טאַקע אַזוי ווי אויף דעם ליעבען פסח.

פּעדלער פון „קרעקערי", פון „רעמניצעס", פון „האַרדוועַר גודס" און אַנדערע בעל־הבתישקייטען האָבען דערשפּירט, אַז עטוואָס אונ־געוועהנליכעס קומט פאָר אויף אונזער בלאָק און די גאַנצע סטריט אונזערע איז פערפּלייצט געוואָרען פון פּושקאַרטס.

מיט משונה'דיגע געשרייען שרייען אויס די אָנגעלאָפענע פּעדלער וועגען די פערשיעדענע מינים פון זייערע סחורות:

— ווייבער, טעלער, גלעזער, סאָוסעס, האַלב אומזיסט!

— באַרגיינס! באַרגיינס! באַרגיינס ווייבער! — שרייט אַ צווייטער.

— גאָפּלען, מעסער, לעפעל, אמת'ע גוטע שטאָהל, וואָרשעווער זילבער, ראָדזשערס איי נומער וואָן... אַ סענט אַ פּיס, ביליג, ביליג! — רייסט זיך אַ דריטער פּעדלער.

— רעמניצעס ווייבער, באַרגיינס אין רעמניצעס!

און גאַנצע כאָפּטעס מיט ווייבער שטעהען ביי די פּושקאַרטס און מען קויפט סחורה, די פּעדלער לייזען געשמאַק, אַ יאַרידעל איז אויף אונזער בלאָק... עס איז ניט אַנדערש ווי דער לוח איז, שונאי ציון, משוגע געוואָרען, און עס איז אָנפאַנג ווינטער אַן ערב פסח אויס־געפאַלען!

און דעם גאנצען טאראראם, די גאנצע דולעניש האָט פערשאפט ניט קיין אנדערע ווי נור שמייקע דעם עקספרעסמאנ׳ס ווייב, אָדער, ווי מען רופט זי ביי אונז אויפ׳ן בלאָק, ביילקע די רויטע.

שמייקע דער עקספרעסמאן, א געזונדער, געזעצטער אידעל, מיט א קליין געלער בערדעל, געהט געקליידעט זומער אזוי ווי ווינטער אין דעם זעלבען פלאנעלענעם סוועטער, און אין דער זעלבער ווארעמער ווינטער קעפקע. שמייקע דער עקספרעסמאן איז אויף אונזער בלאָק א פראָמינענטע פערזענליכקייט.

ערשטענס איז דער זעלבער שמייקע דער יעניגער, וועלכער האלט עס אין איין אריבערמופען אונזערע שכנים פון איין הויז אין דער צווייטער — קען ער אלעמען און יעדער קען איהם. צווייטענס איז דער עקספרעסמאן דאָ ביי אונז אויפ׳ן בלאָק אן אלטער שכן. דאָ אויפ׳ן קאָרנער נעבען סאלון שטעהט זיין עקספרעס, מיט דער אייג־אויגעלדיגער שקאפע זיינער, דאָ וואוינט ער מיט זיין רויטער אידענע און מיט זיין פאמיליע, ער איז אונזערער א מענש און אלע קענען מיר איהם עפעס אזוי ווי אן אייגענעם ברודער.

א וואוילער יונג איז שמייקע: סטריקט אין ביזנעס, א וואָרט — א רענדעל. נור איין געוואלדיגען חסרון האָט דער עקספרעסמאן — ער שלאָגט זיין ווייב, ער הרג׳עט זיין רויטע אידענע אָהן רחמנות, עפעס אזוי ווי זי וואָלט גאָר קיין לעבעדיגער מענש ניט געווען.

שלאָגען שלאָגט דער עקספרעסמאן זיין ווייב ניט אימער, נור עס זיינען אויף דעם דאָ געוויסע סעזאָנען.

די רויטע ביילע ווערט יעדען יאהר א שווער מענש, און יעדען יאהר איז ביי אונזער עקספרעסמאן דאָ א שמחה, א מזל טוב, אָדער א ברית. איז יעדען יאהר, ווען ביילע איז אין די גאָר הויכע מאָנאטען, דאן צושפיעלט זיך שמייקע׳ס רציחה און ער האלט אין איין שלאָגען זיין ווייב... ווען ביילע קינדעלט זיך אָב, ווערט דעם עקספרעסמאנ׳ס הארץ ווייטער ווייך און מאן און ווייב לעבען ווי די טייבעלעך.

און מיר די נאָכבארען פון אונזער בלאָק ווייסען שוין דעם גוטען סימן. קוים בעמערקט זיך ווי ביילע די רויטע ווערט דיקלעך, ווייסען מיר פאָראויס, אז באלד וועט שוין שמייקע נעהמען שלאָגען זיין ווייב, און עס וועט ווערען פרעהליך אויפ׳ן בלאָק.

און אָט איז אָנגעקומען חנוכה־צייט. ביילע די רויטע ווערט אלץ

דיקער און דיקער און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי אונזער עקספּרעס־מאַן דער סיזאָן פון שלאָגען זיין ווייב.

און ביילע די רויטע האָט אַ מעשה אָבגעטהאָן: גענומען און פער־כאַפּט איהרע עטליכע קינדערלעך, פערלאָזען איהר הויז, איהר מאַן און איז אַנטלאָפען צו אַ שוועסטער אין בראָנזוויל.

ווען איבער אונזער בלאָק האָט זיך פערשפּרייט די נייעס וועגען ביילע דער רויטער'ס ויברח, האָבען מיר זיך אַ נעהם געטהאָן אַביסעל שפּאַס מאַכען פון שמייקע דעם עקספּרעסמאַן. יעדער איינער פון אונזער נאַכבאַרשאַפט, ווער עס האָט נור געהאַט חשק אַביסעל לוסטיג מאַכען זיך, האָט שמייקע'ן אויף זיכער גענומען:

— שמייקע, דיין שקאַפּע האָט אַ ויברח געמאַכט. — זאָגט זיך אָב אַ וואוילער יונג.

— שמייקע, וואו איז עפּעס אהינגעקומען דיין רויטע אידענע?— פרעגט זיך אָן אַ צווייטער.

— שמייקע, דיין אַלטע האָט דיר אויף טערקיש אָבגעטהאָן... — לאַכט זיך אויס אַ דריטער.

— ווען וועסטו יעצט שלאָגען, שמייקע? — פרעגט אַ פערטער.

— שמייקע, אַ בראָך צו דיר, וואו איז דיין ווייבעל?

און שמייקע שווייגט, און ער איז גאָר ניט בייז, שטעהט זיך אויפ'ן קאָרנער ביים סאַלון, רויכערט זיין פּייפ, וואַרעמט זיך אויפ'ן זון און שמייכעלט פריינדליך צו די אַלע וואוילע יונגען, וועלכע מאַכען שפּאַס פון איהם, קענטיג דעם עקספּרעסמאַן אַליין איז אויך געפעלען געוואָרען דאָס וואָס זיין ווייב האָט איהם אָבגעטהאָן.

אַזוי איז אַריבער אַ פּאָר טעג. שמייקע'ס גלייכגילטיגקייט האָט גענומען פערשוואונדען ווערען. צורייצט און אומעטיג איז ער געוואָרען און אין איין פריהמאָרגען לאָזט ער וויסען דעם עולם, אַז ער וועט זיין אויס שמייקע, אַז ער ברעכט אויף זיין היים און וויל אַלעס אויס־פערקויפען. און ביי אונז אויפ'ן בלאָק איז לעבעדיג געוואָרען.

שמייקע האָט זיך אַ נעהם געטהאָן טאַקע אויף צו'נ'אמת'ן אויס־פערקויפען זיין האָב און גוטס. אונזערע ווייבער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן כאַפּען מציאות: איינע האָט אָבגעהאַנדעלט אַ פּאָר טעלער, אַ צווייטע — אַ פּאָר גלעזער, אַ דריטע שכנה האָט געכאַפּט אַ טעפּעל,

גאָפּלען, מעסער, לעפּעל, קריגלעך, פּיטשערס, ליימענע כּלים, אייזערנע, בלעכענע. אונזער בלאָק האָט צוצוקערט שמייקע׳ס הויז־געהאַלט: אַלע שכנים האָבען זיך מיט כּשר׳ע מציאות אָנגעכאַפּט...

מיין שמייקע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין עקספּרעס, אַ שמיץ געטהאָן זיין איינגעוויגעלדיגע שקאַפּע און איז פערשוואונדען געוואָרען...

ניט אויף לאַנג איז בעשערט געווען אונזער בלאָק צו קלייבען נחת פון שמייקע׳ס מציאות. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך אויף אונזער סטריט בעוויזעןביילע די רויטע מיט איהרע קינדערלעך.

ביילע האָט אויפגעשלאָסען איהר אָבגעלעדיגטען פלעט (די שלים־לען האָט זי מיט זיך פערכאַפּט), און ווען זי האָט דערזעהן דעם חורבן, האָט די אָרעמע פרוי אַ גרויסען יאָמער אויפגעהויבען... און ווען ביילע האָט זיך דערוואוסט וואָס פאר אַ ווייסטען סוף איהר שמייקע האָט געמאַכט צו איהר בעל־הבתישקייט האָט זי גענומען מיט אַ יאָמער אַרומלויפען פון איין שכן צום צווייטען בעטען צוריק איהרע פער־האַנדעלטע זאַכען...

ווען די שכנים האָבען זיך געפּוילט אומצוקעהרען די באַרגיינס, איז ביילע געפאַלען אויף אַ קלוגען איינפאַל און זי האָט מודיע געווען דער וועלט, אַז זי האָט בכלל ניט אויפגעפיהרט זיך אידישלעך... אַז ביי איהר אין הויז איז קיינמאָל ניט געווען אָבגעשיידט פון פליישיג ביז מילכיג...

דערהערט אַזאַ מעשה, האָט אונזער גאַנצער בלאָק אויפגעשוי־דערט! טרפה כּלים וויל קיינער ניט האָבען, עס מעג זיין געקראָגען בחנם, און ביילע די רויטע האָט אַלעס צוריקגעקראָגען. נור מיט דעם אָבגעבען פון די טרפה כּלים האָט זיך נאָך די גרויסע צרה ניט געענדיגט.

פּאָר די פּאָר טעג, וואָס אונזער נאָכבאַרשאַפט האָט זיך בענוצט מיט שמייקע׳ס מציאות, איז די געהאַנדעלטע טרפה אויסגעמישט געוואָרען מיט דער אייגענער כּשר׳קייט און אונזער גאַנצע סטריט איז פּשוט טרפה געוואָרען.

גוואַלד, וואָס טהוט מען ?!

אין דער זאַך האָבען זיך אַ פּאָר ניו יאָרקער גוטע אידען אריינ־געלעגט און אויף אונזער בלאָק האָט זיך אָנגעהויבען אַ כּשר׳ען, אַ שייערען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די מעהר פרומערע האָבען זיך אָבער מיט כּשר׳ען ניט בענוגענט...

מען האָט גענומען פערטיליגען, פערניכטען אַלע כלים פון הויז...... און אויפקויפען אַלעס פון דאָס ניי...

און עס איז געוואָרען לעבעדיג אויף אונזער בלאָק. ביי אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט איז פאַר חנוכה און ביי אונז אין סטריט קוקט עס אויס ווי ערב פסח!

אַ טרפה סטריט!

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט זיך אויף אונזער בלאָק צוריק בעוויעזען שמייקע׳ס עקספּרעס... און אונזער פערלאָרענע דריי־אייניגקייט: שמייקע, זיין עקספּרעס און די איינאויגעלדיגע שקאַפּע האָבען זיך צו אונז צוריקגעקעהרט...

עס איז אַ סברא, אַז די גאַנצע חתונה איז דאָס געווען אָבגעטהאָן פון שמייקע׳ן אַלס אַ שפּיצעל, דערפאַר וואָס מיר האָבען פון איהם חוזק געמאַכט... ווי דאָס איז, דערווייל איז אויף אונזער בלאָק געווען לעבעדיג.

דאָס מיידעלע שפּיעלט פּיאַנאָ

ווען דאָס מיידעלע שפּיעלט פּיאַנאָ, האָבען פּאַפּאַ און מאַמאַ זעהר ליעב זיצען דערביי און צוהערען זיך צו דעם קינד'ס שפּיעלען...

פּאַפּאַ און מאַמאַ זיצען פערגאַפט, מיט די אויגען איינגעגעסען אין זייער שעהן טעכטערל. און זייערע ביידענס פּנים'ער שטראַלען פון פרייד, פון פערגעניגען. נאָר אָפט בלייבען די עלטערען זיצען שווער פערטראַכט, זייערע בליקען וואַנדערען אַוועק ערגעץ־וואו אין אַן אונ־בעשטימטער ווייטעניס, און אַ טיעפער אומעט בעדעקט זייערע ביידענס געזיכטער. דאָס דערמאָנען זיך פּאַפּאַ און מאַמאַ וועגען זייערע אייגענע פּאַפּאַס און מאַמאַס, וועגען זייערע אייגענע קינדערשע יאָהרען.

דאָס מיידעלע, וועלכע שפּיעלט פּיאַנאָ, איז אַלט אַ יאָהר צעהן. מען רופט זי דבורה'לע.

דבורה'לע איז אַ שוואַרץ־חן'עווריג שעהן קינד, אַ פעהיגעס קינד, געהט גוט מיט איהר לערנען אין סקוהל, ברענגט יעדען חודש די בעסטע מאַרקס. און דער פּיאַנאָ־לעהרער פערזיכערט די עלטערן, אַז זייער גע־ראָטען מיידעלע האָט זעהר גוטע מוזיק־פעהיגקייטען.

זיצען פּאַפּאַ און מאַמאַ און הערען זיך צו ווי דבורה'לע מאַכט איהרע פּיאַנאָ־לעסאָנס.

וואָס פאַר אַ שעהנע קאַרטינקע!

דער פראָנט־רום איז זעהר שעהן אויסגעפּוצט; אַ טערקישער קאַרפּעט בעדעקט דעם פלאָר, שעהנע, פאַנטאַסטיש שעהנע פּאָרטיע־רען בעהענגען די טהירען. לעבען אַ שעהנע פּיאַנאָ אויף אַ שעהן בייג־קעלע, זיצט זייער שעהן טעכטעריל, קוקט אריין אין די נאָטען, וואַרפט אום שנעל מיט די פינגער איבער די מיט העלפאַנד־ביין בעדעקטע קלאַ־ווישען, און איבער דעם שעהן פערפּוצטען צימער צוטראָגען זיך די פערשיעדענע טענער!

דבורה'לעס פאָטער איז ניט קיין רייכער מאַן, אַן אַגענט אין אַ לע־בענס־פערזיכערונגס־קאָמפּאַניע. מען מאַכט אַ לעבען, דאָס אַלעס!

דבורה'לעס מאַמע אָבער איז אַ גרויסע ווירטהין, היט אָפּ דעם מאַן'ס דאָלאַר אַזוי ווי די אויגען אין קאָפּ, און דעריבער קען מען בע־

הויפטען פון גאנץ געוועהנליכע פערדיענסטען אויפצופיקסען א שעהן הויז.

און דאס הויז, דאס שטיל אייגען ווינקעלע, איז דעם אגענט'ס פערגעניגען, זיין גרעסטער גליק אין דער וועלט.

דער שטיקעל ברויט איז נישט איבעריג קיין אנגענעהמער; עס קומט אוים צו ארבייטען אויף יעדען סענט שווער און ביטער, עס קומט אפט אוים בעליידיגט צו ווערען ביים קענוועסען נייע קאסטא־מער און אויך ביים קאלעקטען די פענים ביי די אלטע קאסטאמער. עס קומט אפט אוים ערנידעריגט צו ווערען אין אפים פון דער קאמ־פאניע פון דעם סופעראינטענדענט און זיין אסיסטענט. אבער קומט דער אגענט אהיים, פערגעסט ער אן דער פרנסה און איז א מענש מיט אלעמען גלייך.

דא איז זיין אייגען ווינקעלע, דא פערהאקט איהם ניט קיינער דיא טהיר אויפ'ן רעכטען נאז, דא מוסר'ט איהם ניט דער סופעראינ־טענדענט פון דער קאמפאניע, אז ער זאל מאכען בעסערע געשעפטען. דא איז ער ביי זיך אין דער היים לעבען זיין היים־געליעבטער פרוי, לעבען זיין איינציג קינד, לעבען זיין שעהן־געראטען טעכטעריל.

נישט רייך איז דער אגענט, נור זיין טעכטעריל פיהרט ער אויפ'ן גרויסארטיגסטען אופן. א פרעמדער קען פערדעכענען, אז עס איז א נגידיש קינד.... אימער זעהר שעהן אנגעטהאן, אלעס פון דאס בעסטע. דבורה'לען פעהלט גארנישט!

און דבורה'לע איז פאפא'ס און מאמא'ס גאנצער פערגעניגען אין לעבען!

זיצט דער פאפא און עס זיצט די מאמא, הערען זיך צו ווי זייער מיידעלע שפיעלט פיאנא; פערגאפט זיצען זיי, פערגאפט פון גליק, פון פערגעניגען. אוןביידענס פנים'ער שיינען, אזוי ווי בעלויכטען פון טויזענד זונען.

נור אט פערטראכטען זיך די עלטערן. זייערע רעיונות טראגען זיי אוועק צו זייערע אייגענע קינדערשע יאהרען און ביידענס פנים'ער ווערען מיט א שווערען אומעט בעדעקט.

עס פערטראכט זיך די מאמע... קוקענדיג אויף איהר שעהן גליק־ליך טעכטעריל, דערמאנט זי זיך אן יענער צייט, ווען זי איז אויך געוועזן א מיידעלע אין די זעלבע יאהרען.

אָרעם זיינען געווען איהרע עלטערן, שרעקליך אָרעם! דער טאַטע, אַ שניידער, אַ אידישער שניידער אין אַ קליינער ליטווישער שטעדטעל, אַ בייזער איד. עס זיינען געווען ביי איהר נאָך שוועסטערלעך, נאָך ברידערלעך, עלטערע און איגנערע; אַ קליין שמוציג שטיבעל, ענגעניש, אַרמוטה און נויט; די מאַמע, אַ בייזע, אַ קראַנקע, אַ צורייצטע, שטענדיג געשלאָגען, שטענדיג געשריען אויף די קינדער... און דער טאַטע? — דער טאַטע פלעגט אויך האַלטען אין איין שלאָגען! זי געדענקט זיך אַלס אַ בלאַסע קרענקליכע מיידעלע, ארומגעגאַנגען שטענדיג אין אַ צוריסענער קליידעלע און צוריסענע שיכעלעך... שטענדיג ניט דערעסען, שטענדיג פערוויינט... ווען זי איז אַלט געווען צעהן יאהר, איז דער טאַטע דער שניידער געשטאָרבען און זי, די קליינע יתומה׳לע, איז אַוועק צו אַ ניטערקע פערדיענען איהר ברויט. — און דאָס איז געווען איהר קינדהייט.

און דער פאַטער, ווען ער קוקט אויף זיין שעהן טעכטעריל, דערמאָהנט זיך איהם זיין קינדהייט. דער פאָטער זיינער — אַ מלמד געווען, אַ גרויסער אביון; חוץ איהם זיינען געווען נאָך פיער קינדערלעך; געוואוינט האָט מען תמיד אין אן ענגער קאַמער ביי פרעמדע; די מאַמע אַ קראַנקע געווען, פלעגט זעהר שטאַרק הוסטען און פלעגט תמיד אין בעט ליעגען; דער טאַטע פלעגט זעהר שלאָגען די קינדער און איהם פלעגט ער מעהר שלאָגען פון אַלעמען; אַרומגעגאַנגען איז ער אימער נאַקעט, באָרוועס, תמיד הונגעריג געווען. איין מאָל — אזוי דערמאָהנט ער זיך — איין מאָל איז זיינע אַ שוועסטעריל קראַנק געווען, האָט די מאַמע פאַר דער קראַנקער מיידעלע פאַר אַ קאָפּיקע אַ קיכעל געקויפט, האָט ער דאָס קיכעלע צוגע׳גנב׳עט און אויפגעגעסען און נאכהער האָט איהם די מאַמע דערפאַר זעהר שטאַרק געשלאָגען.

גראַדע ווען די עלטערן זיצען און הערען זיך צו ווי זייער שעהן מיידעלע שפּיעלט פּיאַנאָ, קומט זיי ארויף אויף די געדאַנקען זייער אייגענע קינדערשע צייט און אַ שווערער אומעט שטיקט זייערע הערצער.

אַ געשפּרעך מיט אַ שאַפּ־מיידעל

בעקאַנט האָב איך זיך מיט איהר מיט אַ יאָהר אַכט צוריק, ווען זי איז ערשט אַריבער אהער אין לאַנד, ווען זי איז נאָך געווען אַ גרינע.

דאָס איז געווען אַ געזונדע, קרעפטיגע מיידעל פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג; געזונד, פרעהליך, לעבעדיג, ליכטיגע, קלאָרע אויגען, דאָס פּנים בלוט און מילך.

זי איז אַוועק אין שאַפּ אַרבייטען — דאָס אַלעס!

איך בעגעגען זיך מיט איהר זעהר אָפט, כמעט אויף יעדען סאָציאַליסטישען מיטינג. וואוהין איך קום טרעף איך זיך מיט איהר. אויך גאַנץ אָפט בעגעגען איך זי נאָך די מיטינגען אין אַ רעסטאָראַנט פערברענגענדיג ביי אַ גלעזעל טהעע אין קאָמפּאַניע ביז צוויי דריי דעם זייגער אין דער נאַכט אַריין.

איין מאָל ווען איך האָב זיך מיט איהר בעגעגענט אין אַ רעסטאָראַנט, פרעג איך ביי איהר:

— אַרבייט איהר?

— איך האָב נעווער געסטאָפּט. — האָט זי מיר בעענטפערט מיין פראַגע — זייט איך בין אין לאַנד האָב איך איין טאָג סלעק ניט געהאַט. שוין אַכט יאָהר, אַז איך אַרבייט ביי איין באָס און אויף דעם פּלאַץ איז דאָ אַרבייט דורכ'ן יאָהר.

— ביז וויפיעל דעם זייגער אַרבייט מען ביי אייך אין שאַפּ? — פרעג איך ווייטער.

— ביז זעקס דעם זייגער. — ענטפערט זי און נאָך אַ קליינער פּויזע גיט זי צו: — און כמעט אַ שטונדע געווערט ביי מיר ביז איך קום אַהיים.

— און ווען פאַנגט זיך אָן די אַרבייט?

— זעקס אוהר אין דער פריה.

— טאָ ווען שטעהט איהר אויף?

— פיער דעם זייגער.

— איז אַזוי יעדען טאָג?

— יעדען טאָג חוץ זונטאָג, יעדען טאָג די גאַנצע אַכט יאָהר.

— און וויפיעל מיטינגען האָט איהר א וואָך?

— מעהר ווי זעקס געווים ניט, — מאַכט זי שפּאַס — אבער ווענינער אויך ניט.

— ווען שלאָפט איהר?

— כמעט ווי נעוועהר! — ענטפערט זי גאַנץ ערנסט.

איך קוק זי אָן און דריק מיט די פּלייצעס.

טהוט זי א לייכטען שמייכעל און ענטפערט אויף מיין מימיקע.

— דאָס איז נור א געוואָהנהייט.

— דאָס אַלעס?

— דאָס אַלעס. איך האָב זיך אזוי איינגעטרייט ניט שלאָפען, אז עס אַרט מיך גאַרניט. איך קען אויסקומען איך זאָל פון זונטאג ביז זונטאג מיט אַן אויג ניט צומאַכען.

— איז דאָס נור א געוואָהנהייט? — פרעג איך איבער.

— נור א געוואָהנהייט. — ענטפערט זי ווידער גאַנץ ערנסט.

איך קוק זי אָן.

דאָס גאַנצע פּנים איז בלאַס און געל, די באַקען איינגעדאַרט און אויסגעצויגען, די אויגען גלאַנצען נאָך — אבער עפּעס עראינערן זיי מיך אָן א פיעבער־קראַנקען מענשען, טיעף־איינגעשניטענע קנייטשען... וועה, ווי אַלט זי קוקט אויס, ווי אַלט און ווי אָבגעלעבט!

עס לויפט פאַר מיר דורך א בילד, וועלכעס שטעלט פאַר אָט די זעלבע מיידעל, ווי זי האָט אויסגעקוקט מיט אַכט יאָהר צוריק, ווען זי איז געוועזן א גרינע. עס טהוט מיר עפּעס א ריס אין הארצען און ווילענדיג ניט ווילענדיג גיב איך א טיעפען, טיעפען זיפץ.

זי האָט אויף מיר א קוק געגעבען מיט א ביטערען שמייכעל. מיר האָט מיין הארץ געזאָגט, אז זי פערשטעהט מיינע געדאַנקען. מיר איז געוואָרען ניט „לאָווקע".

— איך קוק אויס ניט אַם בעסטען? — האָט זי א פרעג געגעבען מיט דעם זעלבען שמייכעל.

— גאָר? וואָס עפּעס? — ענטפער איך.

— איך האָב אמאָל אויסגעקוקט פיעל בעסער, איאָ?

— איך וויים?... — שטאַמעל איך.

זי איז געבליבען א ווייל פערטראַכט.

— איהר הערט, — זאָג איך צו איהר — איך רעכען, אז איהר

וואָלט געוואָרפען אייער געוואָהנהייט ניט צו שלאָפען, וואָלט עס פאַר איך פיעלייכט געווען בעסער און געזינדער.

— ניט פיעלייכט, — פיקסט זי צו — נור גאַנץ געוויס.

— אלזאָ? — פרעג איך.

— איך קען ניט.

— ווארום?

— איך קען זיך לעבעדיגערהייט ניט בעגראָבען!

זי האָט זיך ווידער א ווײלע פערטראַכט. נאכהער האָט זי אויף מיר א לאַנגזאַמען בליק געוואָרפען. א שמייכעל געטהאָן, א ציה געגעבען טיעף דעם אָטהעם און זי האָט גענומען רעדען אזוי ערנסט, אזוי הערצ־רייסענד:

— די טעג, די בעסטע שטונדען, ווען עס שיינט די ליכטיגע זון, גיט מען אוועק דעם באָס אין שאָפּ ביי דער נעה־מאַשין, עס בלייבען פריי נור די נאַכט־שטונדען. נו, טאָ וואָס זאָל מען טהאָן? אָבעסען און אריינלעגען זיך אין בעט? די ערשטע צייטען האָב איך אזוי געטהאָן... אבער דאַן איז עס געווען מעהר מעגליך; דער שאָפּ האָט זיך נאָך ניט אזוי צוגעגעסען... יעצט קען איך דאָס ניט! איך קען ניט.... אוי, דער שאָפּ, די מאַשין.... דער באָס.... די פּאָרליידי... ווער וויים, ווער קען עס גאָר פערשטעהן ווי דאָס ווערט דערעסען! אימער איינס און דאָסזעלבע. אימער, אימער, אימער, אימער, איינס און דאָס זעלבע. וויסטעליך, וויסטעליך און וויסטעליך... ניין, איך קען נור איינזיצען דעם גאַנצען טאָג אין שאָפּ, ווייל מיינע געדאַנקען זיינען „אויטסייד“ דעם שאָפּ; איך קען דעם טאָג אויסהאַלטען נור דערפאַר, ווייל איך טראַכט וועגען דער נאַכט... דעם גאַנצען ליכטיגען טאָג זיצט מיין נשמה אין א טורמע, אין א פּריזאָן און זי וואָלט לאַנג אויס־געגאַנגען, ווען זי וואָלט יעדע נאַכט ניט אויפגעלעבט... ביינאַכט לעב איך אָב! איך זעה זיך מיט מענשען, איך פעראינטערעסיר זיך מיט עפּעס און דאָס לעבען ווערט ניט אזוי אבשייליך, ניט אזוי העסליך, ניט אזוי טויט טרויעריג... איך וויים, אז דאָס שאַדט צו מיין געזונד, מיין לעבענס־ליכט ברענט אויס צו שנעל, איך וויים, איך וויים! נו, און ווען איך וואָלט געשלאָפען? — וואָלט איך לאַנג משוגע געוואָרען פון לאַנגווייליגקייט... איך וואָלט אפשר לעבען מעהר מיט עטליכע יאהר, אָבער דאָס וואָלט ניט זיין קיין לעבען....

זי איז א ווײַלע אנשווײַגן געוואָרען.

אויף די שטומע אָבער פיעל־בעדייטענדע בליקען פון א ווייטער האָב איך געענטפערט: — צוויי גלאָז טהעע.

מען האָט דערלאַנגט דעם טהעע.

זי האָט גענומען א פּאָר לעפעלעך טהעע און האָט ווייטער גערעדט:

— איך קען ניט! דער שאַפּ אליין קען מיך ניט בעפריעדיגען...

איך האָב אימער זעהר ליעב געהאַט מענשען: רעדען מיט מענשען, שמועסען מיט מענשען, פערברענגען מיט מענשען.... איך קען איין טאָג ניט לעבען, איך פערשטעה גאָר ניט ווי אזוי מען לעבט עס, אויב מען זאָל ניט זיין אין עפּעס פעראינטערעסירט... איך קוק אוים שלעכט? נו, האָב איך א זאָרג! ביז וואַנען איך וועל האָבען כח, וועל איך ארבייטען, און ווען איך וועל ניט קענען ארבייטען — וועל איך מעהר ניט לעבען...

זי איז ווייטער אנשווײַגן געוואָרען.

— דאָך, זאָג איך צו איהר — ניט אלע שאַפּ־מיידלעך האָבען אייער רעכנונג.

— נו. וואָס אאַרט עס מיך? — האָט זי געענטפערט — זאָל זיך יעדער לעבען נאָך זיין פערשטאַנד נאָך.

— מיידלעך האָבען נאָך א האָפנונג אין לעבען, חוץ דעם שאַפּ...

— האָב איך געזאָגט.

— וואָס מיינט איהר? — האָט זי געפרעגט.

— ליעבען און זיין געליעבט.

— דאָס הייסט חתונה האָבען?

— זאָל זיין אזוי.

— וועלל, — האָט זי געענטפערט — וועגען פערהייראַטהען לעבען האָב איך מיין מיינונג. איך רעכען, אז א מאַן איז נאָך מעהר „טאַשנאָטע“ פון א באָס.

נאָך צוויי שטוהלען זיינען געשטאַנען לעבערביים טישעל, ביי וועלכען מיר זיינען געזעסען. צוויי מענער זיינען צוגעגאַנגען און פער־נומען די לעערע פּלעצער. מיר האָבען געסטאָפּט אונזער שמועס.

עטוואָס וויל איך דאָ צוגעבען:

זי האָט זיך פערהוסט, האָט מיט א נאָז־טיכעל א וויש געגעבען די ליפּען און איך האָב אויף דעם טיכעל בעמערקט א טראָפּען בלוט.

פּענקעניש

עס פערדריסט מיר.

(ערּאינערונגען)

דאָס וואָלט דאָך געווען אַ נאַרישקייט... און דאָך פערדריסט מיך און עס טהוט מיר וועה מיין הארץ, וואָס איך האָב דיעזע נאַרישקייט ניט בעגאַנגען... און ווען איך ערּאינער זיך וועגען דעם, דאַכט זיך מיר, אַז מיין פערשטאָרבענע מוטער שטעהט אויף פון איהר קבר און קוקט אויף מיר אַזוי ווייך, אַזוי גוט... מיט אַזוי פיעל ליעבע אָבער מיט אַ פערבאָרגענעם פּאָרוואורף און עטוואָס כאַפּט ארום און טהוט אַ ריס מיין הארץ... אַך, די בליקען פון פערשטאָרבענע געליעבטע, זיי קענען פעררוקט מאַכען...

מאַמע, מיין אונגליקליכע, מיין אָרימע, מיין טהייערע מאַמע!

* * *

אין אַ שטונדע ארום האָב איך בעדאַרפט אַוועקפאָהרען... אין אַ שטונדע ארום האָב איך בעדאַרפט פערלאָזען מיין היימאַטה, די קליינע פּערוואָרפענע שטעדטעלע, וואו עס איז איבערגעלאָפען מיין יוגענד-פריינד... בעקאַנטע... ברידער... שוועסטער... פיעלעס טהייערעס, וואָס איז געווען איינגעוואָרצעלט אין מיין הארצען... אינסטינקטיוו האָב איך געפיהלט, אַז איך פערלאָז עטוואָס אַזוינס, וואָס איך וועל שוין ניעמאַלס פערמעגען אין מיין לעבען... ווייט אין אַ טיעפען פערבאָרגענעם ווינקעלע פון הארצען האָט עטוואָס „גענאָיעט" און געוועהטאָגט... אָבער איך בין דאָך געווען יונג... און איך האָב זיך צו דעם וועניג צוגעהערט.

דאָס איז געווען אַ שעהנער, וואַרימער זומער-אבענד... אונזער קליינע הייזקע איז געווען איבערפילט מיט מענשען... דיזע זיינען אַלע געווען די, וועלכע זיינען מיט מיר געקומען זעגענען זיך און ווינשען מיר גליק פאַר מיין אוועקפאָהרען נאָך אַמעריקאַ... אַך, דאָס זיינען אַלץ געווען טהייערע, ליעבע געזיכטער... מען האָט גערעדט... מען האָט געשמועסט... עס איז געווען טומעלדיג און עס האָט געהערשט עפּעס

א פרעהליכער טרויער. די עלטערע צווישען די אנוועזענדע, די קרובים, די שוועסטער, די ברידער זיינען געווען טרויעריג און פערטראכט... איינינע האבען שטילערהייט געוויינט... און אייניגע האבען זיך געשעמט... און טאקע גוט אויסגעוויינט זיך... די איגגערע פריינד, די חברים, די „טאווארישטשעס", די, וועלכע האבען געהאפט אין גיכען עס כשר פערדיענט... אוי, אז דו וואלסט וויסען, ווי זי האט דיך געלאכט פון די אלטע, האבען זיך געסטארעט אויסצוקוקען מונטער און פרעהליך... אבער אויך אויף זייערע פנים'ער איז געלעגען א פער־בארגענער אומעט, אויך אין זייערע אויגען האב איך געזעהן טרערען... און דיעזע בעהאלטענע טרערען האבען מיך עפעס אזוי געלאשצעט און געטרייסט...

די מינוט, די לעצטע מינוט האט זיך גערוקט נעהענטער און נעהענטער... איך האב זיך גענומען מיט יעדען זעגנען זיך... אט איז צו מיר צוגעגאנגען די מומע ביילע, מיין פערשטארבענער מוטערס א שוועסטער, וועלכע איז מיט איהר אויסזעהען געווען מערקווירדיג עהנליך צו דער מאמען, איהרע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעטען, מיר האבען זיך צוקושט... זי האט זיך אזוי אהן רחמנות צואוויינט... איך האב געשמייכעלט... אבער דער אטהעם האט מיר פערכאפט פון טרערען...

— זלמנ'קע, האט זיך די מומע צו מיר געווענדט — מיט מיר האסטו זיך צוזעגענט, אבער וועגען דער מאמען פערגעסט דו דיך... הא?

איך האב א שמייכעל געגעבען, אבער עטוואס האט מיר א ריס געטהאן אין הארצען.

— פאלג מיך, מיין קינד, — האט די מומע ווייטער גערעדט — זעגנען זיך מיט דער מאמען, זי האט דיך זעהר האלד געהאט... זי האט עס כשר פערדיענט... אוי, אז דו וואלסט וויסען ווי זי האט דיך האלד געהאט.

— אבער, מומעלע, — האב איך געענטפערט — די מאמע איז דאך געשטארבען. איך האב אבער געפיהלט, אז די ווערטער וועלכע איך האב ארויסגערעדט געהען ניט פון הארצען, נור איך זאג דאס אזוי, ווייל וואס דען האב איך געהאט צו ענטפערן.

— נו, אז געשטארבען איז וואס? — האט די מומע גערעדט גאנץ ערנסט — דארפסטו צו איהר ניט געהן געזעגענען זיך?... ווי הייסט,

דו פאָהרסט דאָך עפּעס אַוועק אפשר אויף אייביג... ווערסטו גאָר ניט געהן אויף דער מאַמעס קבר?

— איך האָב איהם דאָס שוין אַ פּאָר מאָל געזאָגט. — האָט בעמערקט מיין עלטערע שוועסטער און האָט גענומען מיט׳ן פאַרטוך ווישען די אויגען.

— מען פאָהרט ניט אַוועק אין אַזאַ וועג, ניט געהענדיג אויף אַ מאַמעס קבר. — האָט נאָך איינער פון מיין משפחה בעמערקט.

— אַזאַ גוטע מאַמע פּערדיענט, אַז מען זאָל געהן אויף איהר קבר.

— זי וועט פאַר דיר בעטען גאָט און וועט מצליח זיין דיין וועג...

— דו ביזט דאָך געווען איהר גאַנצע לעבען...

— דו מוזט געהן.

איך האָב האָלד געהאַט מיין מאַמען. עס זיינען שוין דאַן פאַר־איבער צוויי יאָהר זייט זי איז געווען טויט, און דאָך פלעג איך זיך שטילערהייט אויסוויינען, ווען איך פלעג וועגען איהר טראַכטען; אָבער געהן צו איהר קבר? איך אַ מענש, וועלכער גלויבט ניט אין טויטע; אַ יונגער מענש, אַ פריידענקער... נאַרישקייטען! לעכערליך! אָבער עטוואָס, איך ווייס אַליין ניט וואָס דאָס אַזי געווען, האָט דאָך געריסען מיין האַרץ און אין מיין מחשבה האָב איך זיך פלוצלונג דערזעהן ווי איך שטעה נעבען דער מאַמעס קבר.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט... מיינע פריינד האָבען געקוקט אויף מיר און געשמייכעלט.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטען, — האָב איך אַלעמען געענט־פערט — ווען מיין מאַמע וואָלט געלעבט וואָלט איך אפשר אין גאַנצען ניט געפאָהרען, און ווען איך וואָלט יאָ געפאָהרען... וואָלט איך איהר געהאַלזט און געקוסט און אויסגעקוסט יעדער אבר איהרען, אָבער אַז זי איז טויט, נאַראָנים׳לעך... איהר איינע...

* * *

מיר פאָהרען, און די שטעדטעל איז שוין ווייט הינטער אונז — מיר זיינען צוועלף „פאַרשוינען“ און מיר זיינען צוזאַמענגעפּאַקט אין דער קליינער פוהרעל, אזוי ווי די הערינג, אָבער אַך, ווי גוט מיר איז! שטעלט זיך פאָר, איך בין דער העלד, איך פאָהר דאָך אַוועק אין אַמעריקאַ און

אייניגע פון מיינע יונגע חברים זיצען מיט מיר צוזאמען, דאס פאהרען זיי מיך בעגלייטען ביז דעם באהן. מיר זיצען און מיר רעדען, פאנטאַזירען — מיט ווערטער און בויען אזעלכע שעהנע, אזעלכע טהייערע לופט־שלעסער. אך, ווי זיס, אך ווי גוט דאס איז געווען!

דער בלויער, קלארער הימעל פינקעלט מיט פערטראכטע זילבערנע שטערן. די לופט איז אזוי זיס, אזוי געשמאק, פריש... די פעלדער פון ביידע זייטען, וועלכע בעהאלטען זיך אין דער פינסטערניס פון דער נאכט און געהען זיך צוזאמען מיט דעם הימעל, זייגען עפעס אזוי פאנטאסטיש, אזוי געהיימניספאל... און אט הערט זיך א בעקאנטער גערויש, דאס כליפעט דער וואסערפאל אין דעם וויטען מיהל... אט, אט איז דער בית־עולם... דארטען אינווענינג ליעגט מיין מאמע און שלאפט מיט אן אייביגען שלאף. עפעס האט מיר א ריס געגעבען ביים הארצען... מיינע פריינד האבען פרעהליך געפלאפעלט. איך האב מעהר ניט געהערט וואס זיי רעדען. עס האט מיך גענומען ציהען צו דער מאמעס קבר... מיר האט זיך פלוצלונג פערוואלט אראבשפרינגען פון וואגען, אוועקלויפען אהין, וואו עס זיינען געשטאנען די שטומע מצבות, צו לויפען צו מיין מאמעס קבר, פאלען און קושען די ערד. מיין מוטער האט זיך אוועקגעשטעלט פאר מיינע אויגען אזוי ווי א לעבעדיגע. עפעס א זיסע אימה האט מיך ארומגעכאפט. איך האב א ציטער געטהאן.

— וואס איז דיר? וואס האסטו זיך אזוי פערטראכט? — האב איך דערהערט ווי איינער פרעגט.

— הא? — האב איך זיך א כאפ געגעבען — גאר נישט, אזוי, גאר נישט.

מיר זיינען אריבערגעפאהרען. דער בית עולם איז געבליבען הינטער אונז...

לאנגע יאהרען זיינען אריבער זייט איך האב פערלאזען מיין היימאטה און איהר מעגט פון מיר לאכען, מיך פערדריסט וואס איך בין ניט געווען אויף מיין מאמעס קבר... און ווען איך טראכט וועגען דעם, פאנגט אן צו דריקען אויף מיין ברוסט אזוי ווי א שווערער קאשמאר און איך דערזעה פאר זיך מיין מוטער מיט איהרע ווייכע בליקען, אין וועלכע איך זעה עפעס א שטילען, אבער הערצרייסענדען פארוואורף...

זיין פערלאנג.

אָרעמער, אָרעמער מיסטער סאגאלאָוו! ער האָט מיר היינט מיין הארץ צוריסען.

מר. סאגאלאָוו, וועלכער איז א שכן אין דעם זעלבען הויז וואו איך, האלט ביים ווערען ארויסגעזעצט. ער וואוינט מיט איין פלאָאר העכער פון מיר. דער מאן איז אמאָל געווען א קאפּענמאכער און האָט זיך צוזאמען מיט זיין פרוי געמאַט א שטילען, אנשטענדיגען לעבען. נון, האָט ער אין די סוועטינג־שעפּער אָנגעלעבט די שווינדזוכט; יעצט ארבייט זיין פרוי און ער זיצט אין דער היים און ערווארטעט דעם טויט זיינעם.

אָפט, ווען איך האָב א פרייע צייט, געה איך אריין געוואָהר ווערען צו איהם... זיין שרעקליך אויסגעדארטע פיגור, זיין געל־בלאסער פּנים, זיין ביטערע קראנקהייט, זיין שווערעס מאטערען זיך... די ארמוטה, די שווערע ביטערע נויט, דער עלענד, וועלכע עס רינגלען ארום דעם שטערבענדען קאפּענמאכער, דאָס אלעס איז ווייט ניט קיין פרעהליכע קארטינע און קען ארויסרופען טרערען צו יעדער צייט. איך בין אָבער צו דיעזען בילד פון אונגליק צוגעוועהנט געוואָרען. זעהענדיג עס גאנץ אָפט פאר מיינע אויגען און „פערברענגענדיג" מיט דעם שווינדזיכטיגען סאגאלאָוו'ן, פיהל איך בלויז עפּעס א טומפּען וועה־טאָג... אבער היינט — היינט האָט דער מאן מיר מיין הארץ צוריסען.

דער שטערבענדער ארבייטער האָט פאר מיר היינט אויסגעדריקט זיין לעצטען פערלאנג... אָרעמער, אָרעמער סאגאלאָוו!...

מיר האָבען געהאלטען אין מיטען געשפּרעך, פּלוצלונג האָט ער אויף מיר א בליק געגעבען עפּעס מיט אזא מאָדנעם בליק...

— איהר הערט? — האָט סאגאלאָוו צו מיר געווענדעט זיך ראפּטום, איבעררייסענדיג דעם לויפענדען געשפּרעך — איהר הערט, איך וואָלט וועלען ביי אייך עפּעס פרעגען.

— וואָס צום ביישפּיעל?

— ווען איך זאָל ווערען פאָהרען אהיים, וואָלט מיר די „אכטע סטריט" געגעבען אויף הוצאות?

— איך ווייס ניט. — האָב איך געענטפערט, ווירקליך ניט וויסענ־דיג וואָס צו ענטפערן. מיר זיינען געבליבען א ווײלע שטילשווייגען.

— יעס, „זי“ וועט געבען. — האָט סאַגאַלאָוו זעלבסט פער־ענטפערט זיין פראגע — יעס, אוועקשיקען אהיים, זאָגט מען, שיקען זיי אוועק צו יעדער צייט.

— איהר ווילט דען פאָהרען אהיים ? — האָב איך געפרעגט מיין שכן, ניט וויסענדיג אליין צו וואָס איך פרעג דאָס. מיר איז גלייך ארויף א געדאנק, אז איך האָב מיט מיין פרעגען פיליייכט דעם קראנקען געגעבען אָנצוהערען וועגען זיין שטערבענדען צושטאנד און האָב איהם וועה געטהאָן, און מיך האָט פערדראָסען וואָס איך האָב דאָס געפרעגט.

— איהר וואונדערט זיך ?

— גאָר... וואָס עפּעס ? — האָב איך געענטפערט צומישט.

סאַגאַלאָוו האָט עפּעס א מאָדנעם שמייכעל געגעבען... ער האָט זיך פערטראַכט. איך האָב אויף איהם א בליק געגעבען — זיינע אויגען זיינען געוואָרען פערלאָפען מיט טרערען.

— יעס, — האָט דער מאַן גענומען רעדען — איך וואָלט וועלען פאָהרען אהיים... אהיים, אין אונזער ליטווישע קליינע שטעדטעלע, און ווייסט איהר וואָס עס ציהט מיך אהין ? נאָך וואָס איך האָב זיך פערבענקט ? טרעפט !

„נאָך וואָס ?“ — האָב איך געוואָלט פרעגען — די ווערטער מיינע זיינען אָבער פערבליבען אויפ'ן צונג און איך האָב בלויז אויף איהם פרעגענדיג א קוק געטהאָן.

— נאָך אונזער בית־עולם. — האָט סאַגאַלאָוו געענטפערט.

עפּעס האָט מיר א ריס געגעבען אין הארצען פון דיזען קורצען ענטפער.

— הינטער אונזער שטעדטעל, — האָט דער קראנקער גענומען רעדען, און זיין שטימע האָט געציטערט — הינטער אונזער שטעדטעל ליעגט אונזער בית־עולם, ארומגעצאַמט מיט אַן אַלטען פּאַרקען. דאָר־טען ליעגען מיינע עלטערן בעגראָבען, פיעלע פון מיינע קרובים, פיעלע פריינד... אָט נאָך דעם האָב איך זיך פערבענקט... איך בין ניט קיין פרומער, איך בין ווייט פון אנבערגלויבען... איך ווייס, אז נאָכ'ן טויט איז אַלעס געענדיגט און עס איז א קנאָפּע נפקא מינה, וואו מען זאָל ניט בעגראָבען דעם גוף... אבער עס ציהט מיך צו יענעם בית עולם ;

מיר זיינען עפּעס טהייער געוואָרען די אַלטע הילצערנע מצבות, וועלכע שטעהען דאָרטען, די אַלטע בוימער, די שטילע קברים... איך האָב זיך נאָך זיי אַזוי פערבענקט, אַזוי ווי נאָך אַלטע גוטע פריינד... אַמאָל האָב איך גערעכענט אומקעהרען זיך אהיים לעבען... יעצט וויל איך כאָטש פאָהרען אהיים שטאַרבען... מיר ווילט זיך ניט ליעגען אין אַן אַמעריקאַנער קבר... אין אַ פרעמדער, פערוואָרפענער לאַנד... עפּעס מיר דאַכט זיך, אין דער היים, אויף אונזער בית עולם וועט דער טויט ניט זיין אַזוי שלעכט... מיר דאַכט זיך, אַז דאָרטען צווישען אונזערע היימישע מענשען וועט מיר זיין בעסער אין קבר... היימליכער, ווארימער...

סאַגאַלאָוו איז אַ ווײַלע שטיל געבליעבען. איך האָב אויך געשוויגען, און וואָס האָב איך דען געקענט זאָגען?

— איך קען דאָס דערקאָזען, — האָט דער שווינדזיכטיגער קאַפּענמאַכער ווייטער גענומען רעדען מעהר פאַר זיך איידער צו מיר — איך קען דאָס דערקאָזען... איך ווייס, אַז וואוהין איך זאָל זיך ניט ווענדען וועט מען מיך שיקען צוריק אהיים, אָבער עפּעס שטעלט מיך אָב.

מיין שכן האָט אויף מיר אַ בליק געגעבען. עפּעס אַזוי ווי וואונדערענדיג זיך ווארום איך פרעג ניט וואָס עס שטעלט איהם אָב. ער האָט אָבער גלייך פאָרטגעזעצט זיין געשפּרעך.

— איך בין זעהר קראַנק... איך קען שטאַרבען יעדע מינוט... איך האָב מורא איך וועל שטאַרבען אויפ׳ן שיף. מען זאָגט, ווען מען שטאַרבט אויפ׳ן שיף ווארפט מען אריין אין וואַסער... דאָס וויל איך ווייטער ניט... איך האָב בעדאַרפט אין דעם פריהער עפּעס טהון... יעצט איז פערפאַלען...

— אָט, איך ווייס וואָס איהר רעדט! — האָב איך געוואָלט איבערשלאָגען מיין שכן׳ס טרויעריגען געשפּרעך. ער האָט מיך אָבער ניט געהערט און האָט גערעדט מיט אַ שטילען טרויער:

— אַנדערע פערלאַנגען גליקען; גאָלדענע בערג... איך וואָלט וועלען האָבען כאָטש אַ קבר אין דער ווייטער היים, אויף אַ היימישען בית עולם... און...

מען האָט אָנגערונגען די בעל.

— מיין פּעני געהט פון דער ארבייט, איך דערקען איהר רינגען. —

האָט סאַגאַלאָוו געזאָגט און האָט זיך גענומען צוהערען...

פעני, סאַגאַלאָוו'ס פרוי איז אַריינגעקומען. איך בין נאָך לאַנג פערבליבען זיצען ביי דעם קראַנקען אַרבייטער... מיר האָבען נאָך גערעדט און גערעדט, אבער דער קאַפּענמאַכער האָט מעהר איין וואָרט ניט דערמאָהנט וועגען זיין טרויעריגען לעצטער פערלאַנג; עס איז געוועזען קענטיג, אַז ער וויל וועגען דעם ניט רעדען אין דער אַנוועזענ־הייט פון זיין פרוי.

ווען איך האָב פערלאָזען דעם קאַפּענמאַכערס הויז האָב איך געטראַכט און געטראַכט וועגען דעם לעצטענס טרויעריגען וואונש.

אַ מאָדנער פערלאַנגען... אפשר אַ נאַרישער — אָבער אוי, ווי טרויעריג, אוי, ווי הערצרייסענד!

הערבסט.

עס איז שוין הערבסט דרויסען, און דער פּראָזאָגער פון דעם לאַנגען, קאַלטען ווינטער לאָזט זיך גוט פיהלען.

דער עלענדער גרינער בוים, וועלכער איז ווי דורך עפּעס אַן אומגעוועהנליכער סיבה פערבליעבען אין אונזער ענגען הויפעל, ציטערט פאַר קעלט און פאַר שרעק. דער קאַלטער, אומעטיגער, הערבסט־ווינד טרייסעלט און וואַרפט זיינע צווייגען גרויזאַם, אונבאַרמהערציג, און די פער׳מיאוס׳טע, פערגעלטע בלעטער האַלטען אין איין אַרונטערפאַלען אין יאָרד אַריין.

אין הויז איז קאַלט.

עס איז קאַלט און עס איז אומעטיג!

ווער ווייסט וואָס מיט זיך וועט ברענגען דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער!

אוי, ווען איינער זאָל מיר קענען פּאָראויסזאָגען, ווי אַזוי עס וועט מיך טרעפען דער שעהנער ליכטיגער פריהלינג! ווי אַזוי עס וועט בעגעגענען דער ליכטיגער שעהנער מאַי מיך און אויך די, וועלכע זיינען מיר אַזוי טריי און ליעב; די, אויף וועלכע עס וועהטאָגט אַזוי מיין הארץ...

פאַרוואָס איז דאָס מיר אַזוי שווער אויפ׳ן הארצען? פאַרוואָס מאַטערט און פּלאָגט מיך אַזאַ שווערער, אַזאַ טעמפּער פאַרגעפיהל?

וועלען מיינע שוואַכע קינדערלעך געזונד זיין? וועלען זיי אַלע דערלעבען דעם קומענדען פריהלינג?

גאָט מיינער, ווי שווער מיר איז אויפ׳ן הארצען!

מען הערט שוין אויפ׳ן בלאָק וועגען פערשיעדענע קינדערשע קראַנקהייטען. אַנטקעגען, איבער׳ן סטריט, איז אַ קינד פון דיפטעריע געשטאָרבען; אין דער נעקסטער הויז האָט זיך אַ סקול־מיידעלע צוגעקיהלט און ליעגט זעהר קראַנק אויף לונגען־ענטצינדונג; דאַונסטעז, צו די בעק, מאַזלען די קינדער. די דאָקטוירים פון אונזער נאַכבאַרשאַפט זיינען שוין ביזי. דער דראָגיסט און זיין פרוי האָבען פריי אויפגעאָטהעמט, זייערע פּנים׳ער לויכטען. און אין אַ זונטאָג פריהמאָרגען זעהט מען אָפט פאַרבייפאָהרען דעם ווייסען פיונעראַל־וואָגען... אַך, מיך שרעקט דער אַנקומענדער ווינטער!

וועט פרנסה זיין?

קען מיר אימיצער פערזיכערען, אז דאס שטיקעל ברויט וועט ניט אויספעהלען אויף דעם לאנגען, לאנגען ווינטער?

און עס ווערט מיר שווערער און שווערער אויפ׳ן הארצען. און עס דאכט זיך מיר אזוי ווי דער קאלטער, כמארנער הערבסט איז געווארען א טהייל פון מיין נשמה.

גאט מיינער, וואס וועט דאס זיין?

די ארומיגע מענשען האבען מיט זייער גיפט מיין גאנצען מוטה פערגיפטעט.

אומזיסט זוך איך ארום זיך א פריינד, וועלכער זאל מיט א ווארעם גוט ווארט פערטאגען דעם קאלטען הערבסט פון מיין נשמה. נישטא אזעלכע מענשען ארום מיר. אלע זיינען זיי הארטע, קליינליכע נשמות, חניפה׳ניקעס, אונטערלעקער, פאלש ווי די פאלשקייט אליין. זעהען זיי ווי איינער וויל דעם קאפ אויפהויבען עטוואס העכער פון זיי, צוצינדט זיך אין זייערע פיטשושישענקע נשמה׳לעך א פייער פון קנאה און זיי גארען מיט די פיס צו טרעטען יעדען איינעם, ווער עס וואגט נור דעם קאפ א הויב צו טהאן.

ווי איך האב ניט ליעב אט די יעניגע, וועלכע גיבען זיך ארויס אלס מיינע פריינד! איך האב זיי ניט ליעב, ווייל איך פערשטעה, ווייל איך פיהל וואס עס טהוט זיך ביי זיי אין די הערצער.

און די גאנצע געזעלשאפט, מיט וועלכער איך האב א פערקעהר, ווארפט אויף מיר אן שרעק און קעלט. וואס פאר א קלעגליכע פערזענ־ליכקייטען! קיין איין ארענטליכער אדער קלאפט ניט אין זיי! ליגנער און בעטריגער!

דארפען זיי דיך האבען, בוקען זיי זיך צו דיר, בוקען זיך אבשייליך ניעדריג, אהן א ברעקעל ווירדע, אהן א ברעקעל זעלבסט־רעספעקט. אבער קוים דערפיהלען זיי, אז זיי קענען אויסקומען אהן דיר, ווערען זיי ביטער ווי די ביטערסטע קרייטיכער, עקעלהאפט. גרויזאם פער־שטויסען זיי יענעם היינט, פאר וועמען זיי האבען ערשט נעכטען געבוקט זיך.

אלעס איז ביי זיי אויסגערעכענט אויף דער פעני. קענסטו זיי אריינטראגען א פעני, וועלען זיי צו דיר שמייכלען אויף איין פעני; ביזטו פעהיג זיי רייכער צו מאכען אויף א דאלאר, וועט דער שמייכעל

איבער זייערע פאַלשע געזיכטער צושפּרייטען זיך אויף אַ גאַנצען דאָלאַר. קענסטו זיי גאָר ניט אריינברענגען — עקזיסטירסטו ניט מעהר פאַר זיי. אַזעלכע מענשעלעך זיינען זיי, די וועלכע רינגלען מיך אַרום! פערטעמפּטע, פערהאַרטעוועטע הערצער; נשמה׳לעך — ביליגע און שוואַרצע ווי די נאַכט; פערעלטערטע, אָבגעלעבטע צו־וויאַנעטע פּערזענליכקייטען. זיי פערמאָגען ניט מעהר קיין שפּור פון קיין מענשליכען געפיהל. זייער איינציגע איבערגעבליעבענע אַמביציע איז געלד מאַכען. זיי בעוועגען זיך נור אונטער דער ווירקונג פון איין איינפלוס, און דאָס איז — האַלטען שטייף פערמאַכט דעם קולאַק פון איין האַנד און אַרויסגעבען וואָס ווענינגער פון די אָנגעזאַמעלטע דאָלאַרס, און די צווייטע האַנד האַלטען אָפען און אויסגעשטרעקט און אַריינכאַפּען וואָס מעהר דאָלאַרס. אָט דאָס איז זייער לעבען, דאָס איז זייער נשמה, דאָס איז זייער גאַנצער וועזען. און מיט אַזעלכע מענשען קומט מיר אוים אַ פערקעהר צו האָבען! פאַר זיי דאַרף איך שאַפען, פאַר זיי דאַרף איך טהאָן, פון זיי דאַרף איך מיינע שכירות אַרויסציהען... און איך פערליער מיין מוטה און — שווער איז מיר מיין לעבען!

און עס איז ניטאָ וועהר און וואָס עס זאָל מיך בעגייסטערען; עס איז ניטאָ מעהר דער עטוואָס, וואָס זאָל אַרויסרופען דעם קלענסטען וואַרעמען ציטער אין מיין פערפראָהרענע נשמה. און עס הייבען זיך מיר די הענד ניט, און איך קען מעהר גאָר ניט טהאָן — איך קען ניט אַרבייטען!

עס טרייבט נור די נויט אין נאַקען. דער פּחד, אַז די קינדערלעך זאָלען פאַר הונגער ניט אויסגעהן — דאָס איז די איינציגע בייטש, וועלכע טרייבט מיך אין שאָפּ אריין... קיין ברעקעל נשמה, קיין שפּור פון הייליגקייט!

און איך וויים ניט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען, און אויפ׳ן הארצען איז שווער און פראָסטיג.

אין דרויסען איז הערבסט, קאַלט און חושך. עס פאַלען די פער־געלטע בלעטער פון דעם עלענדען איינציגען בוים אין אונזער יאַרד, די אָבגעלעבטע צווייגען ציטערען פאַר קעלט און פאַר שרעק.

וועה איז מיר, וואָס וועט ברענגען דער לאַנגער, קאַלטער ווינטער?!

ווען דער מאַי קומט אָן.

(אַ בריעף פון אַן ענטוזיאַסטען)

ליעבער פריינד מיינער!

דו ווייסט דאָך שוין, יעדעס מאָל ווען עטוואָס דריקט מיך אויפ'ן הארצען, ווען אַ געפיהל פון אונרוה נעהמט פּלאָגען די נשמה, און איך מוז מיט אימיצען דורכרעדען זיך, דאַן שרייב איך דיר אַ בריעף. אויך יעצט, מיין פריינד, שרייב איך דיר, וויל עס ווילט זיך מיר רעדען און רעדען. מיין נשמה פּלאָנטערט זיך אין אַ נעץ פון עפּעס אַ שווערער וויסטעניש; איך מוז זיך אביסעל אויסרעדען, ווען ניט וועט מיך אַט די נעץ דערשטיקען אין איהר געוועב.

דער ערשטער מאַי קומט אָן!

די, וועלכע ווייסען וועגען דעם ענין, זאָגען פאָראויס, אַז דיעזען ערשטען מאַי וועלען דאָ ביי אונז אין ניו יאָרק פאָרקומען געוואַלדיגע דעמאָנסטראַציאָנען פון אויפגעקלערטע ארבייטער. עס וועלען אָבגעהאַלטען ווערען גרויסע פּראָטעסט-מיטינגען, צעהנדליגע טויזענ־דער ארבייטער וועלען מאַרשירען צו די שטאָדטישע סקווערס, עס וועט זיין אַ גלענצענדער פּאַראַד!

מען ווייס דאָס שוין פאָראויס, און עס פיהלט זיך שוין בעצייטענס אין דער לופטען, אַז עטוואָס גרויסעס, עטוואָס ערהאַבענעס וועט פּאַר־קומען. און איך שטעל זיך פאַר די פּרעכטיגע ערהאַבענע קאַרטינע:

צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער וועלען זיך צוזאַמענקומען אויף די סקווערס מיט פלאַמענדע אויגען, מיט בעגייסטערטע געזיכטער. די פערזאַמעלטע וועלען זיך אין „סטראָינע" ציילען אויסשטעלען און וועלען פאַרמירען לאַנגע, לאַנגע אונענדליך לאַנגע רייהען; עס וועלען פלאַטערען אין דער לופטען הונדערטער רויטע פאַהנען... פאַהנען, וועלכע ווינקען און רייצען צום קאַמפּף פאַר רעכט און פרייהייט, טויזענדער פאַקלען וועלען אָנגעצונדען ווערען און איבער די קעפּ פון די מאַרשירענדע וועט זיך צוגיסען אַ ים פון פייערען.

די מוזיקאַנטען וועלען אויפשפּיעלען „די מאַרסעליעזע" און די לופט וועט פערהילכט ווערען פון די רייצענדע ארויסרופענדע טענער!

און די רייהען וועלען זיך ציהען, ציהען און ציהען... אונזערע זיינען דאָך אזוי פיעל! ווען מיר זאָלען נור אַלע, אַלע קענען צייגען זיך... די וועלט וואָלט אפשר פערשווידערט ווערען פון אונזער גרויסער צאָהל!

און עס שילדערט מיר מיין פאַנטאַזיע אַ פּרעכטיג ערהאַבען בילד, נור דאָס הארץ בלייבט רוהיג און קאַלט... די נשמה פלאַטערט ניט, צאַפּעלט זיך ניט אַזוי ווי דאָס פלעגט זיין אַ מאָל, אַ מאָל, מיט יאָהרען צוריק, אין אַזעלכע פעלע.. עטוואָס איז דאָרט אין די סאַמע טיעפעניש פון מיין נשמה, עטוואָס איז דאָרט אויף אייביג אויסגעלאָשען געוואָרען, עטוואָס איז דאָרט אָבגעשטאָרבען און אַ שווערע וויסטעניש האָט דעם אָרט פערנומען, דעם אָרט פון דיעזען אויסגעצאַנקטען פייערל!

און איך וואונדער זיך, און איך טראַכט ביי זיך ווי אַזוי און ווען איז דאָס געשעהן?

זינט ווען האָט זיך דער חורבן אין מיין הארצען בעזעצט? וועלכע געהיימע האנד האָט דאָרט אַזוי פראָסטיג־קאַלט, אַזוי שווער־פינסטער געמאַכט?

איך בלעטער איבער מיין טאַגעבוך... איך לעז די פערצייכענטע איינדריקע פון די אַמאָליגע „ערשטע מאַי׳ס“ און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס האָט אַן אנדערער געשריעבען.. נישט איך!

ווי יום־טוב׳דיג איך פלעג זיך פיהלען... וואָס פאַר אַ בעגייסטערונג! וואָס פאַר אַן ענטציקונג! מיט וואָס פאַר אַ פייער די גאַנצע נשמה פלעגט זיך אָנצינדען!

עפּעס פלעג איך זיך ריכטען צו דער מאַי־דעמאָנסטראַציע, אַזוי ווי אַ לייבליכער, געטרייער פאָטער ריכט זיך צו אַ קינד׳ס חתונה, און ווען דער „מאַרטש“ האָט זיך איינגעגעבען, ווי גליקליך איך בין געווען! ווער איז מיין גלייכען געווען?!...

איך בין ארומגעגאַנגען פער׳שכור׳ט פון שמחה!

מיט וואָס פאַר אַ כונה איך האָב זיך אין די מאַרשירענדע רייהען איינגעשלאָסען... און איז מיר אויסגעקומען צו טראָגען אַ רויטע פאָהן, איז מיין גאַנצע נשמה געוואָרען אויפגעלויכטען מיט אַ מין רעליגיעזער קדושה... מיר פלעגט זיך דאַכטען עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט אַ כהן גדול געווען, אַ כהן גדול, וועלכער געהט צוזאַמען מיט זיינע גלויביגע ברידער אין דעם הייליגען טעמפּעל אריין צו אַ הייליגער תפילה.

און האָט די מוזיק אַ קלאַפּ געטהאָן „די מארסעליעזע“, האָט אויפ־געפלאַטערט די גאַנצע נשמה. עס האָט זיך גענומען פיהלען שטארק, מעכטיג; עס האָט זיך געדאכט, אַז איך בין יעצט איינער פון אַ גרויסער זיעגרייכער ארמיי, וועלכע געהט די גאַנצע וועלט איינגעהמען...

דאָס האָב איך אַמאָל געפיהלט, יעצט קען איך אַזוי ניט פיהלען... יעצט פערבלייבט דאָס הארץ קאַלט, אָבגעשטאָרבען...

און איך פרעג ביי זיך: ווער האָט דיעזען ווינטער איבער מיין הארצען פערשפרייט? ווער און וואָס האָט איבער מיין נשמה אַזאַ טיעפען אומעט אָנגעוואָרפען?

איז דאָס אפשר ניט מעהר ווי די געוועהנליכע צייט, די צייט, וועלכע לעגט אויף אַלעם איהר קאַלטען טויט־שטעמפּעל? די צייט, וועלכע טויטעט אַלעס, וואָס עס לעבט, וועלכע פערלעשט אַלעס, וואָס עס ברענט?

איז דאָס די קאַלטע שטימע פון עלטער? איז דאָס דער פריהרענ־דער אָטהעם פון דעם אָנקומענדען טויט?

און אפשר איז דאָס דער פּראַקטישער לעבען, די אייביגע, אייביגע מלחמה פאַר׳ן שטיקעל ברויט, וועלכע האָט די נשמה פאַר דער צייט פערגליווערט?

איז דאָס אפשר צום מאָל ניט דער אָרומיגער לעבען מיט זיין פריהרענדען איינדרוק, מיט זיינע טרויעריגע ביישפּיעלע?

האָט אפשר אין דעם שטיקענדען אומעט פון מיין הארצען אַן אַנטהייל דער און דער חבר, דער און דער אַמאָל־געטרייער פריינד, וועלכער איז יעצט אַ רייכער ריעל־עסטייטניק, רייסט רענט פון אביונים און לאַכט זיך אויס ציניש און פרעך פון אַלעס, וואָס איז אַמאָל אונז אַלעמען צוזאַמען הייליג און טהייער געוועזען?

איז דאָס אפשר דער און דער רעוואָלוציאָנערער אָנפיהרער, וועלכער האָט אונז אַמאָל אַלעמען ענטציקט און בעגייסטערט מיט דעם פייער פון זיין נשמה, און וועלכער האָט זיך יעצט בעהאַלטען אין אַ שטילען, בעקוועמען ווינקעלע, קלייבט זיך אַ דאָלאַר צו אַ דאָלאַר און טראַכט נור ווי צו בעזאָרגען זיך אויף דער עלטער מיט אַ גוטער און זיכערער הכנסה׳לע? — אַזעלכע ביישפּיעלע זיינען דאָ גענוג אויף די אויגען...

איז דאָס אפשר יענער קראַנקער, יענער צינישער געלעכטער,

װעלכען איך הער אזוי אָפט ארום זיך, דער געלעכטער פון יענע קראַנקע מענשען, װעלכע האָבען אַ קראַנקע געװאױנהײט אָבצושפּאָטען, אָבצולאַכען, צו בלאָטע מאַכען אַלעס, װאָס איז זױבער און הײליג? האָט דיעזער קראַנקער געלעכטער פערשלײדערט אין מײן נשמה די זריעה פון צװײפעל, ענטטױשונג און קעלט?

מײן פרײנד, דאָס װאָכעדיגע לעבען איז שװער, אונזיניג, אונ־ערטרעגליך, װען איהם זאָל אַמאָל אַ יום־טוב ניט פערבײטען! איך האָב מעהר ניט קײן יום־טובים אין מײן װאָכעדיג לעבען... מײן הארץ, מײן פערגליװערטע נשמה, איז מעהר ניט מסוגל אַ יום־טוב צו בעגרײפען, און װען עס קומט אָן אַ צײט פון יאָהר, װען איך פלעג אַמאָל אַ יום־טוב האַלטען, פיהל איך נור אַ שװערען, שטיקענדען אומעט, אַ פינסטערען, אַ האָפנונגסלאָזען אומעט, װעלכע פּלאָגט און מוטשעט די נשמה!

אזוי פיהל איך יעצט, װען עס קומט אָן דער ערשטער מאַי!

אין מײנע קינדערשע יאָהרען, בין איך זעהר פרום געװען. איך פלעג דאַװנען, איך פלעג האַלטען שבת און יום־טוב, און דער הײליגער פּחד פון די ימים־נוראים פלעגט דורכדרינגען אַלע טיעפסטע, פער־באָרגענסטע װינקעלעך פון מײן נשמה; שפּעטער מיט יאָהרען װען איך האָב פערלאָזען דעם גלױבען, דעם גאָט פון מײנע עלטערען, פון מײן קינדהײט, און װען עס פלעגט קומען אַ יום־כפּור צו־נאַכט, פלעגט מיך נאָך אימער ציהען צו געהן אין אַ אידישער שוהל, זעהען אידען אין קיטלען און טליתים, הערען װי אַ חזן און משוררים זינגען בײם עמוד „כל נדרי“.

נור װען איך פלעג אין שוהל אַרײנקומען, פלעגט מײן בענקענדע נשמה ניט קריגען קײן בעפריעדיגונג. פרעמד האָבען מיר גענומען אױסקוקען די אידען אין די קיטלען... זײער געװײן האָט מײן הארץ ניט געריהרט... זײער „כל נדרי“ האָט מײן נשמה מיט קײן זיסען פּחד ניט אָנגעפילט... און נאָך שפּעטער, װען די יאָהרען זײנען אײנער נאָך אײנעם װײטער געלאָפען, האָט שױן מיך מעהר צו דער שוהל ניט געצױגען, אפילו די אײנפאַכע נײגיעריגקײט איז אָבגעשטאָרבען, און װען עס קומט מיר אַמאָל אױס אונגערן יום־כפּור פאַר אַ אידישער שוהל פאַרבײצוגעהן, אָטהעמט אױף מיר פון מײן אַמאָליגען מקום קדוש מיט אומעט און קעלט...

אזוי פיהל איך, װען דער ערשטער מאַי קומט אָן!

איך האָב אמאָל א קליין, שעהן אינגעלע געהאַט, א זיס קינדעלע, וועלכעס איך האָב זעהר ליעב געהאַט. מיין קינד האָט זיס געמאַכט מיין לעבען, פון זיין פרעהליכען, זילבערנעם געלעכטעריל פלעגט מיין גאַנצע נשמה פון גליק און ענטציקונג אויפציטערען, — איז געקומען דער שוואַרצער טויט און האָט מיין קינד אַוועקגענומען.

יאָהרען זיינען אַריבער, דער קערפּערל פון מיין קינד איז אין קבר געלעגען, דאָך ביי מיר אין הארצען האָט מיין זוהנעלע געלעבט... אָפט פלעג איך וועגען איהם טראַכטען, אָפט פלעג איך זיך וועגען איהם דערמאָהנען. מיין הארץ פלעגט מיט בלוטיגע טרערען בעגאָסען ווערען... דאָך פלעג איך פון דיעזע טרערען פיהלען עפּעס ווי א בעפריעדיגונג; עס האָט זיך געדאַכט אזוי ווי אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה וואָלט נאָך פערבליעבען עטוואָס פון מיין אמאָליגען גליק.

יעצט איז מיין קינד אין גאַנצען פערשוואונדען פון מיין געדעכעניש. ווען אימיצער דערמאָהנט מיך וועגען מיין פערשטאָרבען קינד, פערבלייבט מיין הארץ קאַלט און גלייכגילטיג, אָבער דיעזע קעלט, דיעזע גלייכגילטיגקייט פייניגט מיך, מאַטערט מיך פיעל מעהר איידער יענע בלוטיגע טרערען, פון וועלכע מיין הארץ פלעגט צוגעהן. ווען די עראינערונגען וועגען מיין קינד זיינען נאָך געווען פריש און לעבעדיג אין מיין געדעכעניש...

אזוי פיהל איך יעצט, ווען דער ערשטער מאַי קומט אָן!

פורים.

עס לויפען ארום די קינדערלעך פון פראלעטארעווקע מיט די קאלעקאטקעס, מיט די שרייערס אין די הענטעלעך...

עס קומט אן פורים.

באלד וועט מען אייך, קינדערלעך, לייענען א מגילה... מען וועט אייך דערצעהלען א פיינע געשיכטע ווי א מאל, א מאל איז געווען א שלעכטער פריץ המן, וועלכער האט געוואלט פערניכטען א סך, זעהר א סך אונשולדיגע נפשות... און ווי דיעזער המן איז אליין פערניכטעט געווארען. איהר וועט עס הערען, און ווען מען וועט דערמאנען דעם נאמען „המן", וועט איהר קלאפען מיט אייערע קאלעקאטקעס...

קלאפט, קינדערלעך, קלאפט!

קלאפט, און הערט זיך צו צו דיעזער געשיכטע! זי האט ניט נור איין מאל געטראפען. דיעזע געשיכטע קומט פאר זעהר אפט; זי קומט פאר אין אונזערע צייטען פאר אונזערע אויגען.

אימער, אימער, קינדער, זיינען געווען און עס זיינען דא בייזע, שלעכטע, ווילדע המן'ס, וועלכע שטעהען אויף אויף אונזער ארעמער פראלעטארעווקע. זיי ווילען אונז דערשטיקען, דערווערגען און דיעזע המן'ס ווערען אויפ'ן סוף אליין דערווארגען און דערשטיקט...

הערט־זשע, קינדער, הערט און קלאפט מיט אייערע קאלעקאטקעס!

פראלעטארעווקער קינדער, איהר מוזט זיך געוועהנען צו דיעזער ארבייט, איהר מוזט קענען קלאפען המן'ס, ווארים עס ווערען נאהענט די גליקליכע צייטען, ווען עס וועט אנקומען דער ריכטיגער, דער גליקליכער פורים און עס וועט טאקע זיין אין פראלעטארעווקע ששון ושמחה...

קינדער, דאן וועט איהר שוין זיין גרעסער און שטארקער, און איידער דיעזער פורים וועט אנקומען, וועט איהר מוזען צוקלאפען די איבערגעבליעבענע המן'ס, אט דיעזע המן'ס, וועלכע זיצען ביי אייך און ביי אייערע עלטערן אויף די פלייצעס, וועלכע עס צאפען, עס זויגען פון אייך אייער בלוט, ווי בייזע וואמפירען, וועלכע עס מאטערען אייך, וועלכע עס שטיקען אייך, וועלכע עס רויבען אוועק פון אייך אייער

לעבען, אייער גליק, אייער פרייהייט... וועלכע מאכען דעם לעבען פון פראלעטארעווקע ניט פאר א פורים, נור פאר אן אייביגען ביטערען תענית... אט דיעזע המן׳ס וועט איהר דארפען צוקלאפען. מען מוז זיי צוקלאפען... געוועהנט־זשע אייך, קינדערלעך, צו קלאפען די המן׳ס.

קלאפט, מיינע טהייערע, קלאפט!...

ווען איז פריהלינג געוואָרען?

(אַ בלעטעל פון מיין טאָגעבוך)

עס איז שוין זומער...

עס איז שוין היים, אַז די נשמה קריכט!

דאַכט זיך, אַט ערשט מיט עטליכע טעג צוריק איז נאָך ווינטער געווען. אַט ערשט האָט געמאַטערט אַ פייכטע קעלט, מען האָט געהאַל־טען אין איין הייצען דעם אויווען און די נויט האָט געשריען: „גוואַלד, וואו נעהמט מען געלד אויף קויהלען?" און אַט איז שוין היים, דושנע, און דער דלות שרייט: „אייז! אייז! מען דאַרף שוין אייז האָבען."

און וואו איז ער, דער שעהנער, מילדער, ליעבער פריהלינג?!

עפּעס האָט מען איהם גאָר ניט אָנגעזעהן אין אונזערע מקומות. אין אונזער אידישען ניו יאָרקער מילבען־גרוב האָט זיך ערגעץ־וואו די ערד בעדעקט מיט גרינע גראָז? האָבען זיך ערגעץ־וואו ראָזען און בלומען פאַנאַנדערגעוואָרפען? ווען איז געווען דער געבורטסטאָג פון דער יונגער, נייער נאַטור? ווער און ווען האָט זיך געפייערט דיעזער גרויסער, הערליכער יום־טוב? ווען איז פריהלינג געווען?

די קעלט האָט פערביטען היטץ. די פייכטקייט פון גאַס — אַ שוויים אויפ'ן ליעב, דעם פייל מיט קוילען — אַ שטיקעל אייז אין אייז־באָקס — דאָס אַלעס.

ווער האָט געזעהן דעם פריהלינג? ווער האָט געזעהן, ווער האָט בעוואונדערט דעם געטליכען קינדערשען שמייכעל פון דער ניי־געבאָ־רענער נאַטור?

ווען האָט עס פּאַסירט? איך בעט אייך, דערצעהלט מיר!

אַ מערקווירדיגע זאַך!

אין אונזער ענגען, קאָכעדיגען, ברוינענדען געגענד, קענט איהר טרעפען אַלעס אין דער וועלט, טרעהרען און פרייד, אונגליק און גליק, נויט און רייכטהום, גראָבע, פּינסטערע אונוויסענהייט; די העכסטע בילדונג, ארבייט, „הענד", „קעפּ", ביזנעס, געשעפטען. עס רודערט, עס קאָכט, איין זאַך פעהלט, עס איז ניטאָ קיין יוגענד!

וויפיעל איך האָב זיך ניט צוגעקוקט, וויפיעל איך האָב ניט געזוכט, דעם שעהנעם, אונשולדיגען, זאָרגלאָזען געזיכט פון דער הייליגער יוגענד, האָב איך ערגעץ ניט בעגעגענט.

איך האָב ניט בעגעגענט קיין איין געזיכט, וואָס זאָל אָטהעמען מיט יוגענד, אַלעס איז פערהאָוועט, פערביזיט אריבער די אויערען, אַלעס איז אריינגעטהאָן מיט דער גאַנצער נשמה אין דעם קאַמפף פאַר'ן לעבען.

אָרעם, רייך, יונג, אַלט, עס איז קיין נפקא מינה, אויף יעדען געזיכט בעמערק איך דעם זעלבען שטעמפעל פון קאַלטער ערנסטקייט, פון האָוועגעס, פון אונענדליכען קאַמפף.

אַט זעהט איהר איינעם מיט דער גאַנצער נשמה אריינגעטהאָן אין דער וועלט פון ביכער... עס איז ניט דער הייליגער שטרעבען פון יוגענד צו ליכט און צו וויסען... עס איז אַ קאַלטער חשבון צו בעזאָרגען זיך, צו קומען צו אַ שטיקעל תכלית. אַט זעהט איהר איינער שרייבט און רעדט, און לעהרענט און קעהרט וועלטען — דאָס ברענט ניט דער ליכטיגער פייער פון יוגענד — עס ווילט זיך זיין בעוואוסט, עס ווילט זיך קריגען אַ נאָמען... עס איז נישט די יוגענד!

אַלעס איז פּראַקטיש, אַלעס איז אויסגערעכענט, אַלעס איז אַלט, — קיין יוגענד זעהט איהר ניט!

קליינע קינדערלעך פּעדלען שוין אין די גאַסען, זיינען שוין פער־זאָרגט, שוין פער'דאגה'ט, שוין אַלטע מענשען...

קינדער געהען נאָך אין סקול און טראַכטען שוין וועגען דעם צוועק פון דעם לערנען זיך... וואָס טהאָן ווייטער? וואָס עררייכען? וואָס פאַר אַ נוצען ארויסציהען פון דעם לערנען?

שוין אַלטע מענשען!

ליעבע, קונסט, בעגייסטערונג — אַלעס האָט עטוואָס אין אויס־זיכט, גאָר נישט ווערט געטהאָן מיט דעם ריינעם, זאָרגלאָזען שטרעבען פון יוגענד... עס שיינט מיר, דער מענש ווערט דאָ אַלט איידער ער ווערט געבאָרען... און ווען איך קוק אויף אַ זויג־קינד אין וויגעלע שיינט מיר, אַז דער יונגער פּנים'ל קנייטשט זיך שוין פון דאגות וועגען מאַכען אַ לעבען.

און אַזוי איז אויך מיט דער נאַטור.

די פּראַקטישע אַלטע מענשען האָבען אַזוי געמאַכט אַז די יוגענד,

די זיסע קינדהייט פון דער נאַטור, זאָל מען ניט זעהן, זאָל מען ניט בעמערקען.

הויכע, פינסטערע געביידעס, שמאָלע, ענגע גאַסען, שטיינער, שטיינער און שטיינער, און עס פיהלט זיך ניט דער מילדער, פרישער פריהלינגס-ווינטעלע, עס פאַנגען ניט אָן צו שפּראָצען יונגע, גרינע גרעזעלעך, און אין די פינסטערע, ענגע שעפּער, און אין די פינסטערע, ענגע טענעמענט גריבער, געפינט מען נור דאָן, אַז עטוואָס האָט זיך אין דער נאַטור געביטען, דאַן ווען דער זומער האָט שוין דורכגעלעבט זיין מילדע, זיסע יוגענד, ווען עס איז שוין גוט היים...

אָנשטאָט קויהלען דאַרף מען אייז!

נישטאָ קיין פריהלינג!

נישטאָ קיין הייליגעס, נישטאָ קיין יוגענד, נישטאָ קיין פריהלינג!

אייז, דאָלאַרס, ביזנעס!

און פון יעדער נשמה טראָגט זיך מיט קעלט און מיט פאַלשקייט. אַלעס איז קלעגליך און קליינליך, און דערפאַר שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע ליגען, חניפה, אונטערלעקעניש, געמיינהייט, קלינגענדע, פוסטע פראַזען...

אויף א בלוט־בעשפריצטען וועג.

דאס איז געווען עפּעס אזא מין חלום, אבער א חלום אויף דער וואך... איך בין ניט געשלאפען, איך בין געזעסען מיט ברייט אפענע אויגען, נור ווי א פערשטיינערטער, ווי א פאראליזירטער, און איך האב עפּעס ווי א מין חלום געזעהן...

פּאסירט האט עס מיט מיר פאהרענדיג אויף א טראלי קאר אין די בראנקס, אין א געוויסען זומער־אבענד.

די קאר איז געווען געפּאקט ביז צום דערשטיקט ווערען... א צוזאמענגעדריקטער, ווי אין צוואנגען, בין איך געזעסען און אריינגעקוקט אין א צייטונג... פּלוצלינג האט זיך די קאר א טרייסעל געטהאן... איך האב דערהערט פון אונטער דער קאר א שוידערליכען קינדערשען אויסגעשריי... אין א סעקונדע האב איך בעגריפען וואס עס האט פּאסירט. און עס האט מיך אבגעגעבען אזוי ווי מיט א קעלט... אין קאר איז געווארען א שרעקליכער טומעל... פרויען האבען גענומען שרייען... וויינען... חלש'ן.... די קאר האט זיך אבגעשטעלט, און באלד האט מען ארויסגענומען פון אונטער די רעדער צוריסענע, צובלוטיגטע גליעדער פון א אינגעלע פון א יאהר פינף, זעקס... מיין בליק איז געפאלען אויף דאס קינד'ס געזיכט. איין אויג איז געווען אפען... א שרעקליכער קינדערשער שמייכעל איז געווען פערקיהלט אויף די ליפּען, און ווייטער האב איך געזעהן... בלוט... בלוט... און בלוט... אויף די רעלסען בלוט... מען האט דאס דער'הרג'עטע קינד צוגעטראגען צו א דערבייאיגען סטאר... און דער גאנצער וועג, וואס מען האט דאס נפש'ל געטראגען, איז געווען בעגאסען מיט בלוט... די פּאסאזשירען זיינען ארוים פון קאר. מענשען זיינען זיך צוזאמענגעלאפען... א געשריי, א רעש, א טומעל... א פּאליסמאן האט צוגעכאפּט דעם דערשראקענעם אונגליקליכען מאטארמאן... איך הער... דער רעש, דער טומעל ווערט גרעסער, שוידערליכער... מען צושטופּט זיך... מען לאזט פאר אימיצען וועג... איך זעה א פרוי לויפט... מיין בליק פאלט אויף דער פרוי... „די מוטער" הער איך א מורמלען אין דער קראוד, „דאס איז די מוטער". יעס, מען האט גלייך געקענט זעהן, אז דאס איז די מוטער... זי האט ניט

געוויינט... זי האָט ניט געשריען... נור איהר געזיכט! בעשרייבען עס? אונמעגליך!... זי איז געלאָפען אהין... צום קינד... באַלד האָב איך דערהערט אַ שרעקליכען אויסגעשריי פון אַ פרוי... „זי האָט איהר קינד דערזעהן", האָט עפּעס ווי איינער מיר אַ זאָג געטהאָן. איך האָב דערפיהלט, אַז מיין הארץ שטאַרבט אָב, אַז מיר ווערט פינסטער אין די אויגען... אָבער באַלד איז אַלעס פאַראיבער... צוואַנציג מינוטען לענגער... און אונזער קאַר איז ווייטער געפאָהרען... איך בין געזעסען אויף דער קאַר און איך האָב געזעהן ווי איך פאָהר אויף דעם בלוט־בעשפּריצטען וועג.

איך בין געזעסען ווי אַ פערשטיינערטער, ווי אַ פערגליווערטער, איך האָב געפּרובירט אַריינקוקען אין דער זעלבער צייטונג, וועלכע איך האָב פריהער געלעזען... מיינע אויגען האָבען געקוקט אין בלאַט אריין, אָבער איך האָב נור געזעהן שוואַרצע פלעקען... און מיין מאַרך האָט ניט געקענט בעגרייפען וואָס די פלעקען בעדייטען... פּלוצלינג האָט זיך מיר אָבגעדאַכט, אַזוי ווי אַ בלוטיגער טייך האָט זיך צוגאָסען איבער'ן גאַנצען וועג... בלוט... בלוט... און די קאַר פאָהרט אין בלוט... און פון צווישען די רעדער שלאָגען שטראָמען בלוט... איך האָב מעהר ניט געזעהן די פּאַסאַזשירען, וועלכע עס זיינען אַרום מיר געזעסען... איך האָב ניט געזעהן דעם בלאַט, אין וועלכען איך האָב ניט אויפגעהערט אַריינצוקוקען... איך האָב גאָרנישט געזעהן אַרום זיך... פאַר מיינע אויגען האָט נור געפליסט בלוט... און אָט האָב איך דערהערט ווי אַ שרעקליכע, אייז־קאַלטע, אָבער מערקווירדיג דייטליכע שטימע האָט צו מיר אַ זאָג געטהאָן:

— און דו פאָהרסט יעצט איבער אַ בלוט־בעשפּריצטען וועג.

איך האָב אַ שוידער געטהאָן, און די שטימע האָט ווייטער גערעדט: „איבער אַ בלוט־בעשפּריצטען וועג... בלוט, אונשולדיג פערגאָסענע, קינדערשע בלוט".

איך האָב געפיהלט, אַז איך ציטער ווי פון קעלט, און די שטימע האָט מיך ניט אָבגעלאָזען, און איך האָב געהערט איהרע קאַלטע, אייז־קאַלטע שרעקליכע ווערטער:

„דיין וועג, און דער וועג פון יעדען איינציגען, איז מיט בלוט בעשפּריצט... ניט יעצט, נור שטענדיג, שטענדיג, דיין גאַנצען לעבען געהסטו איבער אַ בלוט־בעשפּריצטען וועג, און ווען דו זיצסט, זיצסטו

אויף קברים, ווען דו געהסט, טרעטסטו אריבער טוידטע... דיין וועג איז אימער בעשפריצט מיט בלוט... דו זעהסט עס ניט, ווייל דו ווילסט ניט אויפהויבען דיינע ברעמען, דיינע אויגען־דעקלעך, ווייל דו האסט קיין מוטה ניט א קוק צו טהאן ארום זיך מיט א ברייט־אפענעם בליק.

„וואלסטו גוט ארומגעקוקט זיך, וואלסטו דערזעהן דיעזען שרעק־ליכען בלוט־בעשפריצטען וועג.

„ווען דו זיצסט אין דיין צימער, פאר וועלכען דו האסט בעצאהלט רענט, און דו רעכענסט, אז דו האסט דאס פולע רעכט אין איהם צו זיצען, האלטסטו דאן האלב פערמאכט די אויגען... ווען דו וואלסט גוט א קוק געגעבען ארום זיך, וואלסטו געזעהן ווי פיעלע וואלגערען זיך אין די גאסען, שטארבען אונטער'ן פרייען הימעל, זיי וואלטען אויך געוואלט פערדיענען, בעצאהלען רענט, נור זיי האבען ניט די מעגליכ־קייט... און זיי געהען אוים אין די גאסען. ווען דו עסט דיין כשר פער־דיענטען שטיקעל ברויט, האלטסטו האלב פערמאכט די אויגען, ווען דו וואלסט זיך בעסער ארומגעקוקט, וואלסטו געזעהן ווי פיעלע, פיעלע געהען אין דער זעלבער מינוט אוים פון הונגער, וואלסטו אפשר געזעהן, ווי פיעלע, פיעלע קליינע, אונשולדיגע קינדער קוקען מיט אפענע מיילער אין דיינע אויגען אריין... זיי זיינען הונגעריג... זייערע הערצ־לעך געהען אוים צעהלענדיג דיינע ביסען... זיי געהען אוים פון הונגער, אין דער צייט, ווען דו פיהלסט, אז דו ווערסט זאט. אימער, אימער איז אזוי. דיין גאנצער לעבענס־וועג איז מיט בלוט בעשפריצט, נור דו זעהסט עס ניט, אדער דו ווילסט עס ניט זעהן. ווען דו עסט, שטארבען אנדערע פון הונגער און פאלען אויף דיין וועג, ווען דו שלאפסט אין א ווארימער צימער, ווערען אנדערע צופראהרען דרויסען, און אויף דיין וועג ליעגען גאנצע „הרודעס" הרוגים, מתים... אונשולדיג ערמארדעטע קינדערלעך... אזוי אונשולדיג געטוידטעט, אזוי ווי פון דער קאר, אויף וועלכער דו פאהרסט... יעצט האסטו דאס געזעהן, אימער זעהסטו דאס ניט."

און די גאנצע צייט, וואס די שטימע האט גערעדט, האב איך געזעהן א בלוטיגען טייך פאר מיינע אויגען.

ווען איך האב זיך א כאפ געגעבען, האב איך דערזעהן, אז איך בין שוין צו ווייט פערפאהרען. די קאר האט געסטאפט, איך בין ארונטער און בין אוועק אהין, וואוהין איך האב בעדארפט געהן.

צוריק פאַהרענדיג האָב איך מעהר ניט געטראַכט וועגען דער דער׳הרג׳עטער קינד. פּערזענליכע אַנגעלעגענהייטען האָבען פערנומען מיינע גאַנצע געדאַנקען, נור ווען איך בין געקומען צו דעם אָרט, וואו עס האָט פּאַסירט דער אונגליק, האָט מיר די הארץ אַ ציטער געטהאָן...

יעצט איז שוין אַלעס געווען אַרום און אַרום שטיל און רוהיג. דאָס לעבען איין סטריט איז זיך געגאַנגען מיט דעם געוועהנליכען וועג. גאָר־נישט האָט עראינערט אָן דעם, אַז דאָ איז אָט ערשט אַ קינד דער׳הרג׳עט געוואָרען, בלויז לעבען סטאָר, וואו דאָס קינד איז געלעגען, זיינען נאָך פערבליבען סמנים פון בלוט... און פּלוצלינג האָב איך ווידער דער־הערט די קאַלטע שרעקליכע שטימע: „דו פאָהרסט איבער אַ בלוט־בעשפּריצטען וועג“.

דער איבערגעבליעבענער שפיעגעל.

ווען איך האָב געהייראַטה מיט מיין געליעבטער, יונגער, שעהנער שפרה׳לען, האָבען מיר גלייך פערלעבט זיך אויף אביסעל הויז־געהאלט און מיר זיינען פאַר זיך בעלי־בתים געוואָרען.

עס איז שוין אכצעהן יאָהר נאָך אונזער חתונה און איך געדענק זעהר גוט, זעהר דייטליך, ווי אזוי מיר האָבען אויפגעפיקסט אונזער ערשטען פאַמיליען־געצעלט.

פאַר די לאַנגע אכצעהן יאָהר צייט פון אונזער פערהייראַטהעען לעבען האָבען מיר אפשר הונדערט פערשיעדענע דירות געביטען. נור קיין אַנדער וואוינונג אונזערע איז ניט פערבליבען אזוי קלאָהר, אזוי פעסט איינגע׳חתמ׳עט אין מיין געדעכעניש, ווי אונזער ערשטע דירה: די דריי רומס צו די בעק אויף דער הונדערט און ניינטער סטריט, דאָרט וואו עס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיין פאַמיליען־לעבען.

דעם ריכטיגען גענויעם דאַטום, ווען איך און מיין פרוי האָבען אַריינגעמופט אין אונזער ערשטער דירה, ווייס איך ניט. איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַ ווינטער־טאָג; איך געדענק דעם וועטער פון יענעם טאָג. עס איז געווען נאָך דעם, ווי אַ דריי־טאָגעדיגער בליזאַרד האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט, און די גאַסען זיינען פערפלייצט געווען מיט וואַסערדיגען שנעע. די ערשטע נאַכט פון אונזער פערהייראַטהען לעבען איז געווען אַ שעהנע ווינטער־נאַכט, און אין אונזער ערשטער דירה, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אַ טאָפּ פלאָר, האָט אַריינגעקוקט אַ שעהנער, קלאָהרער, אויסגעשטערענטער הימעל.

איך געדענק וואו מיר האָבען געהאַנדעלט אונזער ערשטע מעבעל; אין אַ קעלער אויף לודלאָוו סטריט האָבען מיר אונזער ערשטע בעל־הבתישקייט געקויפט: דריי טשערס, פראָסטע, הילצערנע, אַביסעל צוגע־לאַקטע און מיט שטרויענע זיצען; אַ ראָקינג־טשער מיט אַ שטרויענער װענטעל; אַ דריי־פיסיגען פראָנטרום־טישעל, אַביסעל אַ געדעמעדזש־טען; אַלס באַרגיין געהאַנדעלט אַ לאָנדזש, אַ קיטשען־טיש, אַ ביוראָ, צוויי קיטשען־שטוהלען, אַן אייזערנע בעטעל מיט אַלע נויטיגע זאַכען צו דעם, און אַ שפיעגעל פאַר׳ן פראָנטרום, אַ שעהנער, הויכער שפיעגעל.

אַכצעהן יאָהר זיינען שוין אַריבער זינט איך און מיין פרוי זיינען פערהייראַטה. פיעל מאָל האָבען מיר שוין נייע מעבעל פאַר דער צייט איינגעהאַנדעלט; פון אונזער ערשטער בעל־הבתישקייט איז גאָר נישט פערבליבען... איך קען אסור געדענקען, ווען אונזערע ערשטע זאַכען זיינען פערניכטעט געוואָרען. געשעהן איז דאָס ביסלעכווייז: איין מאָל אַ טשער צובראָכען זיך; אַ צווייטען מאָל דעם צולעכערטען שטרויענעם ראָקער דרויסען אַרויסגעוואָרפען; אַ דריטען מאָל, דעם ווינקעל־טישעל מחילה געבעטען — גאָר נישט איז פערבליעבען פון אונזער ערשטער בעל־הבתישקייט, קיין געדעכעניש, אויסער אונזער שפּיעגעל, וועלכען מיר האָבען געקויפט אין דעם לודלאָוו־סטריטער פאָרניטשור קעלער, אונזער ערשטער שפּיעגעל, מיט וועלכען מיר האָבען אויסגעפּוצט אונזער ערשטע פראָנטרום. דיעזער שפּיעגעל איז פערבליבען און עלטערט זיך מיט אונז צוזאַמען.

הונדערט מאָל האָט מען געמופט מיט דעם שפּיעגעל פון איין דירה אין אַ צווייטער און דער שד נעהמט איהם ניט — ער איז גאַנץ. ביסעל האָבען די קינדערלעך צוסקרעטשט די האָלץ, דער ווייסער מאַרמאָר־שטיינדעל אויף דעם אונטערשטען סטענד פון דעם שפּיעגעל איז אַביסעל אָבגעבראָכען. עטליכע צוגעפּיקסטע אויסקריצונגען זיינען אָבגעבראָכען געוואָרען און פערלאָרען געגאַנגען. נור דער עצם שפּיעגעל איז פּאָרט גאַנץ געבליבען און ער קעניגט אין זיין פולען גלאַנץ אין דעם אייביגען, אייביגען פראָנטרום.

עס זיינען אין דעם יעצטיגען פראָנטרום נישט מעהר דאָ די אַמאָליגע דריי הילצערנע טשערס, ניטאָ דער געקריפּעלטער פראָנט־רום־טישעל; אַ פּיאַנאָ איז דאָ אין צימער, אַ שעהנער דעסק, אַ פיינער בוק־קייס, אַ ווייכער פּאַרלאָר־סעט; נור דער שפּיעגעל פאַלט ביי זיך ניט אַראָב און ער קוקט זיך אויף די אַרומיגע פאָרניטשור מיט זיין אַמאָליגער גדלות... און אַן אַנדערש מאָל דאַכט זיך מיר עפּעס, אַזוי ווי דער שפּיעגעל וואָלט אַ לעבעדיג וועזען געוועזן, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט ווערטער גערעדט: „פיעלע שטיקלעך פאָרניטשור האָב איך שוין איבערגעלעבט און פיעלע וועל איך נאָך איבערלעבען, איך בין דאָ דער ערשטער שפּיעגעל!“

און עס טראַכט זיך מיר: ווער קען וויסען? אפשר וועט דער שפּיעגעל איבערלעבען אויך די יעניגע, וועלכע האָבען איהם געקויפט

אין דעם לודלאָוו סטריטער קעלער פאַר זייער ערשטען פראָנט־רום, אין דעם ערשטען טאָג פון זייער ערשטער ליעבע, פון זייער ערשטען גליק ?

אַך, וויפיעל עראינערונגען עס שטויסען זיך אין מיינע געדאַנקען אָפטמאָל ווען איך קוק יעצט אין מיין שפּיעגעל אריין, אין מיין ערשטען שפּיעגעל !

אויף מאָרגען נאָך אונזער הייראַטהען, דער ערשטער פריהמאָרגען אין אונזער ערשטער דירה, געדענק איך, האָט מיין דאַן יונגע, שעהנע, בליהענדע שפרה׳לע אין שפּיעגעל אריינגעקוקט. האַלב־נאַקעט איז זי געשטאַנען, איהרע רונדע, נאַקעטע אָרעמס, איהר פולע, הויכע, קלאָרע ברוסט האָט פון שפּיעגעל אָבגעשטראַהלט. זי האָט איהרע שעהנע לאַנגע האָאר געקאַמט און איך האָב זי אַרומגענומען און האָב זי ליידענשאַפטליך, ברענענד געקושט. דער שפּיעגעל האָט דאָס געזעהן. נאכהער האָבען מיר ביידע צוזאַמען פרעהליך געלאַכט און מיר האָבען ביידע אין שפּיעגעל אריינגעקוקט. צוויי יונגע פּנים׳ער פול מיט גליק, ליכטיג פון ליעבע, ליכטיג פון האָפנונגען... אָט דער זעלבער שפּיעגעל האָט דאָס געזעהן !

וואו זיינען יענע צייטען ? וואו איז יענער גליק ? נישטאָ ! א חלום ! דער שפּיעגעל איז נור פערבליעבען !

צו דיעזען שפּיעגעל איז אין א געוויסען פריהמאָרגען צוגעגאַנגען מיין פרוי מיט אונזער ערשטלינג אויף די הענד... דאָס איז זי ערשט פון קינדבעט ארוים און מיט דער בייבי אויף די הענד האָט זי אין שפּיעגעל אריינגעקוקט... און איך האָב אויך אין שפּיעגעל געקוקט א בערוישטער פון גליק און ענטציקונג...

אין א געוויסען פראָנט־רום, אַנטקעגען דעם זעלבען שפּיעגעל איז א קינדערשע בעטעל אַמאָל געשטאַנען... און אין דעם בעטעל איז מיין ערשטע קינד געשטאָרבען... מיין פרוי איז א האַלב־גע׳חלש׳טע צוגעפאַלען צו דעם טויטען קינד און איך האָב דאָס שוידערליכע בילד אין דעם זעלבען שפּיעגעל געזעהען !

מיין גאָט, וויפיעל עראינערונגען, גוטע און שרעקליכע, ליכטיגע, שטראַהלענדע און אויך שווערע, פינסטערע ! א לעבען אריבער !

און אָט שטעה איך ווידער ביי דעם שפּיעגעל און עס קוקט אויף מיר ארוים אַן אַלטער מאַן.. דער קאָפּ איז שוין גרוי, דאָס פּנים פער־

עלטערט... ווער איז דער מאַן, וועלכער קוקט אויף מיר פון מיין ערשטען שפּיעגעל? ניט שוין זעה איך דאָס דער זעלבער, וועלכער האָט געקוקט אויף מיר אין מיין ערשטער דירה אין דעם ערשטען פריה־מאָרגען נאָך מיין חתונה?

אַך, וועלכע שווערע, וועלכע פּלאַגענדע געדאַנקען עס פּייניגען מיין נשמה אָפּטמאָל, ווען איך קוק אין שפּיעגעל אריין.. איך נעהם מורא האָבען פאַר מיין שפּיעגעל.. מיר דאַכט זיך, אַז דער שפּיעגעל איז עפּעס ווי מיינער אַ שטומער לעבענס־בעגלייטער, וועלכער וואַרט געדולדיג און זיכער אויף מיין לעצטען טאָג...

די זון פערגעהט.

די זון פערגעהט...

איך זיץ אין מיין צימער און דורך דעם אפענעם פענסטער קוק איך צו, ווי די זון פערגעהט.

וואס פאר א שעהנע, וואס פאר א הערליכע קארטינע!

דער הימעל ביים האריזאנט איז אין גאנצען מיט רויטע פייערען אנגעצונדען. א פרעכטיגע אילומינאציע לכבוד א גרויסער אלמעכטי־גער שטאלצער קעניגין, וועלכע פערלאזט איהר מלוכה און געהט רוהען אהינטער דעם האריזאנט, אהינטער דער ליניע, וואו עס שליסען זיך צוזאמען הימעל און ערד אין אן אייביגער פאנטאסטישער געהיימניס.

ווי שעהן די קעניגין קוקט אויס פאר איהר געזעגענען זיך! אין איהר פולער גרויס, אין איהר פולען גלאנץ רויט און אויפגעפלאמט אין א הערליכער, מילדער שטאלצקייט!

— א גוטע נאכט! רוהען געה איך!

— א גוטע נאכט, באלד וועל איך פערשווינדען, הימעל און ערד וועלען זיך פערשליסען אהינטער מיר, די פינסטערע נאכט וועט פער־נעהמען מיין קעניגרייך... שווארצע שאטענס וועלען איך אנזאגען די בשורה:

— די זון איז פערגאנגען!

איך קוק זיך ארום. דונקעלער און דונקעלער ווערט ארום און ארום. פינסטערע, געהיימע שאטענס קריכען שוין פון אלע פערבאר־גענע ווינקלען... מעהרער און מעהרער ווערט זייער צאהל... אט פילען זיי אן ארום און ארום דעם גאנצען שטח..

די זון פערגעהט!

און אומעטיג און שווער ווערט מיר אויפ׳ן הארצען, און שווערע, שטיקענדע רעיונות קריכען אין קאפ אריין און פלאגען און מאטערען מיין בייגקענדע נשמה...

אלעס מוז פערגעהן! צו אלעס מוז א סוף קומען! אלעס מוז פערשוואונדען ווערען אונטער דעם שווארצען צודעק פון אן אייביגער נאכט!

אַט שטעהט פאַר מיינע אויגען אַ גרויסער, אַ בעריהמטער שוי־שפּיעלער. ער איז נאָך אימער קעניג אויף דער ביהנע. ער ענטציקט נאָך אימער זיינע צושויער און ווערט בעלאָהנט מיט הילכיגע אַפּלאָדיס־מענטען.

ער איז שוין אָבער אַן אַלטער מאַן. נאָך אַ יאהר, נאָך אַ יאהר און ער וועט די ביהנע מוזען פערלאָזען... און מיר טראַכט זיך וועגען יענעם טאָג, ווען ער וועט מיט אונז מעהר ניט זיין..

ער וועט אונז מעהר ניט ענטציקען מיט זיין שפּיעלען... מיר וועלען איהם מעהר ניט אַפּלאָדירען.

די זון פערגעהט!

און אַט קומט מיר ארויף אויף די געדאַנקען אַ שרייבער, אַ וואַרעמע, אַ ליעבענדע האַרץ. נאָך איז ער קעניג פון דער פעדער, זיין שרייבען פילט אָן אונזער נשמות מיט ענטציקונג, מיט בעגייסטערונג, אימער רופט ער אונז, אימער וועקט ער אונז צו קעמפּפען און צו שטרעבען.

אַן אַלטער מאַן איז ער! עס איז שוין דער אבענד פון זיין לעבען, און עס טראַכט זיך מיר וועגען דעם טאָג, ווען די פען וועט פון זיינע פינגער אַוויספאַלען... קאַלט און פערשטיינערט וועט ווערען די ליעבענדע, די וואַרעמע האַרץ. אין דער פערגאַנגענהייט וועט ער אַריבער, אין דער אייביגער, אייביגער פערגאַנגענהייט.

די זון פערגעהט!

און עס קומען מיר ארויף אויף די געדאַנקען פיעלע נאָך ליכטיגע, שטראַהלענדע נשמות, און קעפּ שוין בעדעקט מיט גרויע האָאר און עס טראַכט זיך מיר וועגען דעם טאָג, ווען די אַלע וועלען מעהר ניט זיין מיט אונז.

אַך, וועלכע שווערע, וועלכע אומעטיגע געדאַנקען עס פּלאַגען און מאַטערען מיין נשמה אין דער מרה־שחורה'דיגער בין־השמשות־שטונדע, ווען איך קוק זיך צו, ווי די זון פערגעהט.

בעפאָר מיר און נאָך מיר.

ווען איך זיץ אין א רעסטאָראַן, טראַכט זיך מיר: ווער איז געזעסען אין דעם זעלבען אָרט בעפאָר און ווער וועט דאָ זיצען נאָך מיר?

ווער האָט געגעסען אין דעם זעלבען טעלער, מיט דעם זעלבען לעפעל בעפאָר מיר, און ווער וועט עסען נאָך מיר?

מילא, ווער עס וועט קומען נאָך מיר אַרט מיך ניט. איך טראַכט אָבער אַלץ ווער האָט דאָ פריהער מיין אָרט פערנומען?

ווער ווייס אפשר איינער, וואָס ליידעט פון אַן אנשטעקענדער קראַנקהייט? אפשר?.. ווער ווייס? ווער קען וויסען, ווער עס האָט געגעסען פון דעם זעלבען טעלער, פון וועלכען איך עס?

און ווען איך טראַכט אַזוי, בין איך מקנא יענעם, ווער עס פער־מאָגט זיין אייגען ווינקעלע, ווער עס עסט פון זיין אייגען טיש, פון זיין אייגען טעלער און ווייס אימער ווער עס איז פריהער געווען אויף דעם זעלבען אָרט, און ווער עס וועט שפעטער זיין.

ווער ווייס? אפשר איינער, וואָס ליידעט פון אַן אנשטעקענדער האָטעל, ווען איך לעג זיך אַוועק אין אַן אונבעקאַנטער, פרעמדער בעט, קען איך א לאַנגע צייט ניט איינשלאָפען. עפּעס פיהל איך זיך אונ־רוהיג, עפּעס פיהל איך זיך דערשראָקען, און איך טראַכט ביי זיך: ווער ווייס ווער עס האָט אין דיעזען בעט געשלאָפען מיט א נאַכט בעפאָר, און ווער ווייס ווער עס וועט דאָ שלאָפען א נאַכט נאָך דעם, ווען איך וועל שוין דאָ מעהר ניט זיין? עס וואָלט זיך מיר אַזוי וועלען, אַז די שטומע בעט זאָל נעהמען רעדען און אויסדערצעהלען וועגען יעדען איינעם, וועמען זי האָט נור איינגעשלעפּערט.

וויפיל נשמות געפּלאָגטע פון קומער און זאָרגען האָט דאָ אין בעט דער שלאָף בערוהיגט? וויפיעל פערשטיקטע טרערען האָבען דאָ די קישעלעך אין זיך איינגענומען? וויפיעל צרות, וויפיעל עלענד, וויפיעל אונגליק האָבען דאָ אין דיעזען בעט דעם נאַכט־שלאָף פעריאָגט?

און אפשר זיינען דאָ געלעגען ליעבענדע פּאָארלעך, מענער מיט פרעמדע פרויען, פרויען מיט פרעמדע מענער? וויפיעל ליידענשאַפט,

וויפיעל ליעבע, וויפיעל גליק עס האט בייגעוואהנט די זעלבע בעט, אין וועלכער איך ליעג יעצט? ווער וויים, ווער עס איז דא פריהער געשלאפען, און ווער עס וועט דא שלאפען נאך מיר?

אפשר איז אין דער זעלבער בעט פיעלע מאל געשלאפען א קראנקער מענש אדער אן אונריינע פערזאן? ווער וויים? ווער וויים? א בעט קען גאר ניט דערצעהלען.

און ווען איך טראכט אזוי, בין איך מקנא דעם יעניגען, ווער עס האט אן אייגען ווינקעלע, ווער עס שלאפט אין זיין אייגען בעט און ווער עס איז זיכער, אז זיין בעט האט פון איהם קיין סודות ניט.

ווען איך צערטעל און קוש מיין געליעבטע, מיין שעהנע זיסע רייטשעל, און ווען זי קוקט אויף מיר מיט איהרע קינדערשע, אונשול-דיגע אויגען, ווען זי שווערט מיר, אז נור מיך האט זי ליעב, אז איך בין דער ערשטער און וועל זיין דער לעצטער — טראכט איך ביי זיך: ווער האט מיין רייטשלען געקושט און געצערטעלט בעפאר מיר און ווער וועט איהר צערטלען און ליידענשאפטליך קושען נאך מיר? וויפיעל מענער האט זי שוין פערזיכערט און געשווארען, אז זיי זיינען די ערשטע און די לעצטע, און צו וויפיעל וועט זי נאך די הייליגע שבועה געבען? ווער וויים און ווער קען עס וויסען?

און ווען איך טראכט אזוי, וועט מיר אזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען, נור מקנא זיין האב איך ניט וועמען.

בילדער פון פערשטאָרבענע.

די בילדער פון אייערע פערשטאָרבענע פריינד, פון די, וועלבע זיינען אייך געווען ליעב און טהייער, אָט די איבערגעבליעבענע עראינערונגען פון די, וועלבע עקזיסטירען שוין מעהר ניט, מיט וויפיעל שמערצליכע געדאנקען זיי פילען אָן אייער נשמה.

אין אַ בעזונדערער שקאטולקע האַלט איך זיי אָט די בילדער פון די פערשטאָרבענע, וועלכע איך האָב נאָהענט געקענט ביים לעבען.

און מאַנכעס מאָל, ווען עס ווילט זיך טראַכטען, ווען עס קומען ארויף עראינערונגען וועגען אמאָליגע צייטען, קוק איך אריין אין דער שקאטולקע, וואו עס ליעגען מיינע בילדער פון די פערשטאָרבענע.

אַ שוידער געהט אריבער איבער מיין לייב, אַ קאַלטער פחד דריקט צוזאמען די הארץ.

וועה, וויפיעל בילדער! עס דאכט זיך מיר אויס, אז די גאַנצע וועלט איז אויסגעשטאָרבען.

וועה, וויפיעל בילדער!

און זיי קוקען אויף מיר מיט זייערע שטומע בליקען... עס דאכט זיך מיר, זיי ווילען צו מיר רעדען... טויטע ווילען צו מיר רעדען. דאָס זיינען דאָך אַלץ טוידטע... נישטאָ זיי מעהר!

געוואַלד, אָט ערשט, דאכט מיר, האָבען זיי אַלע געלעבט... מיט דעם האָב איך ערשט דאָ און דאָרט גערעדט... זיין שטימע קלינגט נאָך אזוי דייטליך אין מיינע אויערען... אָט דער האָט ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק מיין האַנד געדריקט... מיט דעם האָבען מיר אַלע אזוי פרעהליך פערבראַכט... און דער? דער האָט ערשט... ווען איז דאָס געווען? עפּעס אזוי ווי אָט ערשט האָט ער פאַר מיר אויס-דערצעהלט זיינע פּלענער וועגען זיין צוקונפט...

גאָט מיינער, וואו זיינען זיי אַלע? ניט שוין-זשע זיינען זיי אַלע צושטאָרבען?...

דאָס זיינען דאָך בילדער פון טוידטע. ווי שרעקליך דאָס איז! ווי שרעקליך עס איז צו קוקען אויף די בילדער פון אייערע פער-שטאָרבענע פריינד!

ווער איז דער איינער? *)

די קאר, וועלכע עס לויפט פון ניו יארק נאך די וועסט פארמס, האט געמאכט איהר לעצטען סטאפּ און עס זיינען ארונטערגעגאנגען צוויי פּאסאזשירען,ביידע יונגע מענער, אונגעפעהר ארום די דרייסיג־סטע יאהרען.

קיין קאר איז ווייטער ניט געגאנגען און די צוויי מענער זיינען אוועק צו פוס איבער דעם זעלבען וועג.

עס איז געווען א זומערדיגער פארנאכט...

דער וועג איז א שטילער, אן איינזאמער, פון ביידע זייטען ציהען זיך גרינע לאנקעס, בעוואקסען מיט הויכע גראז, איבערמישט מיט צוקערוואנעס און פערשיעדענע אנדערע בליהונגען. ווייטער ביי די זייטען איז וואלד, און עס דאכט זיך, אז די בוימער פעראייניגען דארט דעם הימעל מיט דער ערד. ד זון האט זיך ערשט גענומען בעהאלטען אהינטער דעם וואלד און הויך איבער די שפּיצען בוימער זעהט זיך נור ארוים א האלב־רונדער שטריך פון איהר רויטען שעהנעם פּנים, און ארום און ארום איז דער הימעל איבערמישט מיט רויטע פייערדיגע פאסען. דער גאנצער וועג איז פערוואָרפען מיט א פערטראכטען שאטען; בלויז פון וואלד, דארטען וואו די זון איז פערגאנגען, שלאגט זיך ארוים ערטערווייז פון צווישען די בוימער א גאלדענע ליכט און עס דאכט זיך, אז דארטען אין וואלד איז נאך מיטען העלען טאג.

אונזער צוויי פוסגעהער שפּאנען זיך איבער דיעזען וועג. עס איז קענטיג, אז זיי זיינען פרעמד איינער צום צווייטען. וואָרום זיי געהען זיך גאנץ בעזונדער און יעדער טיעף פערטראכט אין זיין אייגענער וועלט.

פערשיעדענע, צוויי פערשיעדענע וועלטען זיינען דאס געווען. איינער פון די פוס־געהער איז געווען זעהר אונגליקליך, דער צווייטער העכסט גליקליך. דער אונגליקליכער איז געווען זעהר א קראנקער מאן,

---

*) די אידעע פון דער סקיצע איז ביי מיר ענטשטאנען לעזענדיג די ערצעהלונג „פרוי אדער טיגער“.

דאָס פּנים בלאָס־געל, די אויגען טיף אריינגעפאַהרען, פערטומעלט און אויסגעלאָשען, ער האָט געאָטהעמט זעהר שווער און עס האָט זיך געדאכט, אז ביי יעדען אָטהעם־צוג פיהלט ער אונערטרעגליכע שמערצען.

ער געפינט זיך אין דער לעצטער שטופע פון שווינדזוכט. ער קומט עס יעצט פון ניו יאָרק, וואו א דאָקטאָר האָט פאר איהם פאַר־געלעזען זיין טויט־אורטהייל, און ער ווייס — ער מוז אין גיכען שטארבען; ער ווייס, אז דער קאַלטער פינסטערער הערבסט, וועלכער עס וועט ברענגען טויט צו די גרינע גראָז, צו די שעהנע בלומען, וועלכע עס וואקסען דאָ ביי די זייטען פונ׳ם וועג, דיעזער הערבסט וועט אויך מיט זיך ברענגען זיין אייגענעם טויט.

ער געהט, טראַכטענדיג וועגען טויט — זיין וועלטעל איז אין דיעזער מינוט דער פינסטערער קבר.

פערלאָזען אויף דער וועלט האָט ער ניט וועמען. ער איז אַן עלענדער, ער פערמאָגט ניט אויף דער גאַנצער וועלט קיין איינציגע לעבעדיגע זעעלע, וועלכע עס זאָל זיך וועגען איהם קימערן.

ער איז „סינגעל“, האָט ניט קיינע פערוואנדטע, קיינע פריינד, קיינע שונאים און עס גיט ניט איינער, וועלכער עס זאָל זיך כאָטש פרעהען מיט זיין טויט.

עס איז שווער צו שטארבען, ווען מען דארף זיך שיידען מיט קינדער; עס איז ביטער איבערצולאָזען א ליעבענדע און געליעבטע פרוי; דער טויט איז שרעקליך, ווען אייערע בעקלאַגער דארפען זיין א פאָטער און מוטער, ליעבענדע ברידער און ליעבענדע שוועסטער... מאנכעס מאָל איז שווער אוועקצושטארבען פון גוטע, איבערגעבענע פריינד — און די, וועלכע מוזען פערלאָזען די וועלט ביי עהנליכע אומשטענדען דריקען אָפט אוים דעם געדאנק, אז דער טויט וואָלט פאַר זיי געוועזען ניט אזוי שווער, ווען זיי וואָלטען ניט געהאט וועמען צו פערשאפען שמערצען מיט זייער שטארבען.

דיעזער געדאנק איז אבער ניט אימער ריכטיג. מאנכעס מאָל איז די מחשבה וועגען טויט פיעל שרעקליכער, ווען מען איז עלענד, ווען מען ווייס, אז עס בלייבט ניט קיינער, ווער עס זאָל דערמאָנען כאָטש מיט א זיפץ אָדער מיט א וואָרט..

אין דעם ברויזענדען ים פון לעבען ווילט זיך אימער ארויפשווימען אין דער הויך, צייגען זיך, ארויסזעהן זיך, אָבער אויך ביים אונטער־

גאנג ווילט זיך ניט פערבלייבען אונבעמערקט. די נארישע, ביטערע ענדע איז עפּעס ניט אזוי געדאנקענלאָז, ניט שמערצליך, ווען איהר ווייסט, אז איהר בלייבט נאָכ'ן לעבען ביי איינעם אין מויל, ביי א צווייטען אין געדאנק און ביי א דריטען אין הארצען...

אונזער אונגליקליכער פוסגעהער האָט געטראכט וועגען טויט, ער האָט אויך געטראכט ווי עלענד ער איז און איהם איז געווען אזוי ביטער, אזוי קאַלט, אזוי טרויעריג... איהם האָט זיך עפּעס געדאכט, אז ווען אימיצער וואָלט איהם כאָטש בעדויערט, אז מען זאָל כאָטש נאָך זיין טויט א פּאָר ווערטער וועגען איהם רעדען, וואָלט איהם געווען דאכט זיך לייכטער צו שטאַרבען.

און אָרום און אָרום איז די נאַטור אזוי שעהן...

דאָס געדיכטע גרינע גראָז, דער פאַנטאַסטישער, פער'חלום'טער וואַלד, דער לויטער קלאָרער הימעל... אונזער פוסגעהער האַלט אָבער אַרונטערגעלאָזען די אויגען... ער קוקט נור אויף דעם ברעקעל זאַמדיגען וועג, וואָס ליעגט פאַר זיינע פיס... ער שרעקט זיך אַרונטערצו־קוקען... דאָס פערשאַפט איהם יסורים, ווייל אין זיין מחשבה שילדערט זיך א קבר...

עטליכע טריט אָן א זייט געהט דער צווייטער פוסגעהער — זיין וועלטעל איז פול מיט גליק.

ער שפּאַנט עס אהיים. דאָרטען וואַרטען אויף איהם א פרוי מיט א קינד. די פרוי איז שהען און פריש אזוי ווי א מאַיאָווער פריה־מאָרגען... און ער האָט זי ליעב מיט זיין גאַנצער נשמה. דאָס קינד איז א קליינער צוויי־יאָהריגער מלאך'ל און פאַר איין קוש טהאָן איהם, וואָלט ער אָבגעגעבען אַלעס אין דער וועלט.

אונזער פוסגעהער איז יונג, געזונד און עס דאכט זיך, אז ער אָטהעמט מיט לעבען און קראַפט.

ער קומט פון ניו יאָרק און ער האָט מיט זיך א גליקליכע בשורה פאַר זיין פרוי:

ער איז פאָרמאַן אין א געוויסער פירמע און היינט האָט זיין באָס אויסגעדריקט א גרויסע צופריעדענהייט מיט איהם און האָט איהם פרייוויליג געהעכערט די וויידזשעס...

אך, ווי ער איז גליקליך.

ער שטעלט זיך פאָר ווי פרעהליך, ווי לעבעדיג, ווי גליקליך זיין

פרוי וועט ווערען, ווען ער וועט איהר אָנזאָגען די גוטע נייעס און ער איילט זיך אהיים...

ארום און ארום איז אָבער אזוי הערליך שעהן און אזוי רייצענד גוט... און דערפאר געהט ער דאָך ניט אזוי שנעל און ער געניסט דעם ארומיגען רייצענדען פראכט און זיינע אויגען שיינען מיט גליק און מיט לעבען...

אין זיינע הענד טראָגט ער צוויי באַנדעלעך: א מתנה פאר זיין פרוי און א מתנה פאר זיין קינד, און ער שטעלט זיך פאָר, וואָס עס וועט פאָרקומען אין דער היים ביי זיין ארייננקומען...

אָט קומען איהם אנטקעגען זיין פרוי, זיין שעהנע יונגע פרוי, און זיין זיס קינדעלע. ער אומארמט ביידע און קושט זיי הערצליך. ער גיט זיי אָב די געבראכטע מתנות, און זיין פרוי שענקט איהם עטליכע ברענענדע קושען און דאָס קינד נעהמט טאַנצען פאר פרייד.

און ער איילט זיך אהיים, ער איילט זיך דער אונענדליך גליק־ליכער פוסגעהער...

און אזוי געהען די צוויי פוסגעהער איינער נעבען צווייטען, יעדער פערטהאָן אין זיין וועלטעל: איינער אין א מבול פון אונגליק און האָפנונגסלאָזער פערצווייפלונג, דער צווייטער אין א ליכטיגער וועלט פון האָפנונגען און גליק.

און אָט קומען צו די צוויי פאַסאַזשירען צו א „ריילראָוד קראָסינג“. די שעהנע גרינע פעלדער ווערען איבערגעשניטען, און עס ציהען זיך אזועק פיער שיינענדע רעלסען און ווערען פערבאָרגען אין אַן אונ־ענדליכער ווייטקייט...

ניט ווייט פון די רעלסען, איבער דעם גרינעם פעלד, שפּאַציערען ארום א פרוי מיט א קינד, א מיידעלע פון א יאהר פיער — פינף, און די פרוי און דאָס קינד זיינען שטארק ארייננגעטהאָן אין צוזאמענ־קלייבען פעלדבלומען.

און אזוי קלייבענדיג די בלומען טרעט אָב דאָס קינד אַלץ ווייטער און ווייטער פון דער פרוי, וועלכע איז וואהרשיינליך דעם קינד'ס מוטער... אָט איז די מיידעלע שוין ביי די סאַמע רעלסען... אָט נעהמט דאָס קינד די רעלסען אריבערשפרייזען.. עס קומט אָן א טריין... ער פליהט גלייך אויף דעם קינד...

די פרוי האָט דערזעהן די טויט־געפאהר פון איהר קינד... צו־

לויפען איז שוין געווען צו שפעט, צו ווייט איז זי געווען פון דעם קינד, און די לופט איז בלויז דורכגעריסען געווארען פון א שוידער־ליכען אויסגעשריי:

— מיין קינד!...

אונזערע צוויי פוסגעהער זיינען געווען נאהענט צו דעם קינד... מיט א פלינקען, העלדישען שפרונג, שטעלענדיג דאס אייגענע לעבען אין געפאהר, איז נאך פיליכט מעגליך געווען דאס קינד צו רעטען.

איינער פון די צוויי פוסגעהער האט בעגאנגען דיעזע העלדישע טהאט — א שפרונג צו די רעלסען, א שטוים געטהאן דאס קינד אוועק פון דעם רעכטען לאקאמאטיוו. דאס קינד איז געווען גערעטעט. נור דער רעטער זעלבסט איז פון דעם לאקאמאטיוו אויף שטיקער צוריסען געווארען...

די געשיכטע דערצעהלט אבער ניט, ווער איז געווען דער איינער פון אונזערע צוויי פוסגעהער: דער קראנקער, דער אונגליקליכער, ווער עס האט פאר זיך נור דעם שווארצען טויט געזעהען, אדער דער געזונדער, דער גליקליכער, וועמען דאס לעבען איז אזוי טהייער געווען.

ווער איז דער איינער געווען?

פאָהרענדיג אויפ'ן טריין.

„ביסטראָ לעטשו יאַ פּאָ רעלסאַם טשוגונים,
דומאַיו דומו סוואָיו.“ (נעקראַסאָוו).

יעדען אבענד קומט מיר אוים צו פאָהרען פון דאון־טאַון אין די בראָנקס. און אָפט ווען דער וועטער איז נור שעהן שטעה איך אויפ'ן פּלאַטפאָרם און קוק אַרוים דרויסען. פאַר מיינע אויגען בייטען זיך די גאַסען איינע נאָך איינע, אין זייער בייטען זיך ברענגען זיי מיר פערשיעדענע עראינערונגען און דיעזע עראינערונגען שטעלען צוזאַמען איין גאַנצע געשיכטע פון מיין לעבען אין ניו יאָרק.

שנעל בייטען זיך די סטריטען און עס דאכט זיך מיר, דאָס בייטען זיך די בלעטלעך פון מיין לעבענס־בוך.

אויף איינינע בלעטלעך איז פערצייכענט מיין גליק, עס זיינען פערשריעבען די טעג, ווען די ליעבע האָט געוואַרעמט מיין נשמה, ווען האָפנונגען האָבען בעלויכטען מיין הארץ... און ווען אָט די בלעטלעך קעהרען זיך, ווערט דאָס הארץ אַזוי מאָדנע פערביטערט. אבער אַזעלכע בלעטלעך זיינען וועניג אין מיין געשיכטע. מעהר זיינען דאָ שווארצע, פינסטערע בלעטלעך פול מיט צרות, פול מיט יסורים און אָן יעדען בלעטעל קלאַפּט זיך אָן די קראַנקע הארץ, אַזוי ווי אָן אַ שאַרפען שטיין, און עס ווערט פערגאַנגען פון שמערצען.

אָט לויפט די טריין פאַרביי אַ סטריט. דאָ... דאָ איז געוועזען מיין ערשטע דירה נאָך מיין הייראַטהען. דריי רומס, צוויי געגנצליך פינסטערע, ניט מעהר ווי אכט דאָלאַר אַ חודש האָב איך געצאָהלט, אַצינד וואָלטען אַזעלכע רומס אָנגעוואָרפען אויף מיר אַ שרעק, דאַן האָט עס מיך ניט געקימערט. מיר איז געוועזען אין די רומס גוט און ליכטיג, איך האָב דאָרט אימער געוואָלט פערבלייבען. דער טאָג איז געוועזען קליין, די נאַכט איז געוועזען צו קורץ.

אין די רומס איז געוועזען ליכטיג פון ליעבע, וואַרעם און גוט פון שטרעבען און האָפען.

מיין פרוי איז געוועזען יונג און שעהן, פריי פון קומער און זאָרג. געזונד, מונטער, פרעהליך, פול מיט האָפנונגען, פול מיט לעבען. ווי

פרעהליך, ווי גוט מיר איז געווען מיט איהר צוזאמען. מיר האָט ניט געאַרט אָבזיצען מיט איהר גאַנצע טעג. וויפיעל מיר האָבען ניט גערעדט, האָבען מיר זיך ניעמאַלס אויסגערעדט. איך האָב קיינמאָל ניט געבענקט נאָך אַנדערע מענשען, מיין הויז איז געווען מיין גן־עדן...

און וויפיעל זיסע פּלענער וועגען דער צוקונפט האָבען זיך דאַן געשילדערט אין מיין פאַנטאַזיע, וויפיעל מוטה, וויפיעל שטרעבען... אוי, ווי גוט עס איז צו זיין יונג, צו ליעבען און זיין געליעבט!

אַט איז נאָך אַ סטריט. דאָ האָב איך געהאַלטען אַ צייטונגס־סטענד און געקראָגען אַן „אָפּאָזיציע“... דאָ האָט מען צום ערשטען מאָל מיט אַ שרעקליכער געוואַלט גענומען רייסען דעם ביסען ברויט פון מיין מויל. דאָ האָט דער פינסטערער דלות אויסגעשמיעדט דעם ערשטען רינג פון דער שווערער שרעקליכער קייט, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער פעסט־געבונדען אַלע מיינע גליעדער.

אָבער ווער האָט אויף דעם געקוקט?! ווער האָט געקערט פאַר'ן דלות?! איך האָב מיינע צרות פערלאַכט מיט אַ פרעהליכען, זאָרג־לאָזען געלעכטען, איך האָב געהאָפט דאָס דורכצומאַכען, דורכצוקומען...

אַט איז נאָך אַ סטריט. פון וויטען זעהט זיך אַ האָספּיטאַל... דאָס הארץ טהוט אַ ציטער... אין דעם האָספּיטאַל האָב איך צום ערשטען מאָל געוויינט אין ניו יאָרק... דאָ האָב איך איבערגעלאָזען מיין פרוי וועלכע האָט בעדאַרפט מוטער ווערען. איך בין שוין געווען צו אָרעם צו רופען אַ דאָקטאָר אהיים. איך האָב זיך צוקושט מיט מיין פרוי, צוזעגענט זיך... די טהירען פון דעם האָספּיטאַל האָבען זיך פערמאַכט הינטער מיר... דאָס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט... איך בין געקומען אהיים, אַ געפיהל פון שמערצליכען עלענד האָט ארומגעכאַפּט מיין הארץ, — אָהן איהר האָט זיך מיר אויס־געדאַכט פינסטער, שרעקליך אומעטיג אין יעדען ווינקעל פון מיין הויז... נור איך האָב געהאָפט... איך וועל עס דורכקומען... מיין פרוי וועט זיך אומקעהרען צוריק.. איך וועל ווערען אַ פאָטער אויך... וויפעל פאַנטאַזיען! וויפיעל האָפנונגען! ווער עס האָפט, יענעם איז נאָך אימער גוט.

אַט איז נאָך אַ סטריט. זאָל איך די סטריט אויך דערמאָהנען? דאָ האָב איך ניט געוויינט, דאָ האָט גאָרניט פּאַסירט — בלויז אין איין ווינטער־טאָג, ווען איך בין געלאָפען מיט צייטונגען, האָבען מיך לויפער

שיער נים דער׳הרג׳עט אויף טויט.. עט, נים כדאי צו דערמאָהנען, אזעלכע סטריטען האָב איך א סך!

אוי, עס האָט מיר א ריס געטהאָן אין הארצען אָט די סטריט...

אוי, דאָס איז א שרעקליכע סטריט. דאָ האָט דער שווארצער, אונ־בארמהערציגער טויט אריבערגעטרעטען די שוועל פון מיין הויז... דאָ איז געשטאָרבען מיין ערשטלינג, א זיסער, טהייערער צוויי־יעהריגער זוהנעלע... דאָ איז איבערגעבראָכען געוואָרען מיין לעבען. פון דער סטריט איז ארויס דער לייכענצוג פון מיין לעבענסגליק.

אַלט און קראַנק איז מיין פרוי געוואָרען... אַלט און קראַנק בין איך זעלבסט געוואָרען...

יעדעס מאָל ווען איך פאָהר פארביי די סטריט, רייסט זיך מיר אָב אין הארצען.

אָט איז נאָך א סטריט. אהער האָבען מיר אריבערגעקליבען זיך נאָך אונזער קינד׳ס טויט.

דאָס איז געווען פריהלינג־צייט. ארום און ארום האָט אַלעס גענומען בליהען, וואקסען, לעבען — בלויז מיר און מיין פרוי האָבען גענומען אָבשטארבען א גליעד נאָך א גליעד. און דער ארומיגער לעבען האָט נור אונערטעגליך געמאכט אונזערע שמערצען. מיר פלעגען האַלטען פערמאכט די לאָדען אין פראָנט־רום, אום מיר זאָלען נים זעהען דאָס לעבען אין גאַס... מיר פלעגען זיך פערקלייבען אין א הינטערשטען חדר אום נים צו הערען דאָס לעבען אין גאַס..

פינסטער, וויסט, שרעקליך איז געווען אין מיין הויז.

אָט איז נאָך א הויז, נאָך א דירה. דאָ האָט זיך ווידער דערהערט א קינדערשע שטימע. אין דער דירה האָב איך אָבגעוואָהנט עטליכע יאָהר. דער דלות איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר בעל־הבית ביי מיר אין הויז, די נויט האָט גענומען שטיקען שטארקער און שטארקער... עס האָט לאַנגזאַם אויפגעפרעסען דאָס לעצטע ביסעל מוטה, דאָס לעצטע ביסעל ענערגיע... צרות, נויט, יסורים, קרענק, דאָקטוירים, שרעק, אַנגסט... עס איז געקומען נאָך א קינד... מעהר צרות, מעהר דאָקטוירים און דער דלות האָט גענומען שטיקען שטארקער, שטארקער... מאַנכעס מאָל האָט מען אפילו פערגניגען, נחת פון די קלוגע, זיסע קינדערלעך, אָבער די פחדים וואָס מען שטעהט פון זיי אויס, די

יסורים, די צרות, וואס זיי פערשאפען, זיינען גרעסער, טויזענד מאל גרעסער...

אט איז נאך א דירה, נאך א דירה, א צווייטע, א דריטע, א פיערטע.. איך האב שוין גענומען ארוממופען זעהר אפט... דאס איז צו טהייער דירה־געלד, דאס זיינען די קינדער קראנק און עס דאכט זיך, אז אין אן אנדער דירה וועלען זיי זיין געזינדער; דאס מופט מען, ווייל דאס לעבען האט זיך אזוי דערעסען, ווייל מען איז צובראכען, מיעד, קראנק און א קראנקען דאכט זיך דאך, אז אויף אן אנדער בעטעל וועט איהם בעסער ווערען.

יעדע דירה עראינערט אן עפעס, און די עראינערונגען זיינען אזעלכע אומעטיגע, לעבענסלאזע, אזעלכע וואכעדיגע... וויטער א קינד קראנק, אבער אקינד קראנק, ווייטער נויט, אבער נויט, ווייטער א פאמילען־סצענע, אבער א פאמיליען־סצענע... דארט געלאפען פון דער היים, דא געלאפען פון דער היים... דא א סקאנדאל, דארט א סקאנדאל... קריגערייי... טרערען... אומעטום, אומעטום דאס זעלבע... און אט איז די לעצטע סטאנציע... איך זעה מיין היים, מיין יעצטיגע דירה... און עס טראכט זיך: וואס טהוט זיך אין דער היים, צו וועלכען קינד וועט מען היינט דארפען א דאקטאר? צו סעמעלע'ן, צו הענעלע'ן, צו פייגעלע'ן אדער צו יעטעלע'ן?

איך שטעל זיך פאר מיין קראנקע, פאר דער צייט פערעלטערטע פרוי, צורייצט און בייז... די הויז איז ניט אויפגעראמט, אנגעשטעלט, אנגעווארפען, שמאטעס, טראנטעס, שטויב, פאאוטינע... פינסטער, חושך... אבגעשטארבען איז די ליעבע, דערשטיקט זיינען די האפנונגען... טויט איז מיין גליק!... און ניט מעהר ווי צעהן יאהר זיינען אריבער זייט איך האב געוואוינט אין מיין ערשטער דירה, וואו איך בין געווען אזוי פיעל גליקליך...

ווי שנעל מען לעבט עס אב אין ניו יארק! ווי שנעל מען ווערט אלט, צובראכען, פערלאזען און פערגעסען!

לויפענדיג איבער איסט בראָדוויי.

(אַ בילד)

אין גרויס איילעניס, אַ פערטאַכטער, אַ פערפינסטערטער, אַ פער־דאגה'טער, לויפט מיסטער שוועמעל איבער איסט בראָדוויי.

עס איז אַ זונטאַגדיגער אבענד.

עס איז דער אָנפאַנג פון דעם מאָנאַט אָקטאָבער, און די אבענדען זיינען גאַנץ קיהלע. דרויסען איז שעהן, אנגענעהם און פריש, די זון האָט זיך שוין בעהאַלטען הינטער די הויכע מויערען פון די ניו יאָרקער גאַסען, און אויף דעם קלאָרען הימעל האָבען זיך גענומען צייגען פער־טראַכטע, מעלאַנכאָלישע שטערענדלעך.

איבער די טראָטואַרען פון איסט בראָדוויי ציהען זיך און ציהען זיך שטראָמען שפּאַציערענדע, יום־טוב'דיגע פערפּוצטע הערען און דאַמען.

מאַנכע פון די שפּאַציערענדע טראָגען אויף זיך ווינטערדיגע בגדים, מאַנכע ווידער זיינען געקליידעט נאָך זומערדיג — עס איז די גוטע צייט פון יאָהר, וואָס יעדער קען זיך אָנטהאָן אזוי ווי מען וויל, און אזוי ווי מען קען „אַפאָרדען". האָט מען אַ „ספּרינג אָווערקאָוט" איז דאָך געוויס גוט; איז דאָ אַ רעכטער ווינטערדיגער בגד, קען מען שוין אויך אָנטהאָן, איבערהויפּט ביינאַכט. און ווען קיין אָווערקאָוט איז ניטאָ, כאַפּט מען טאָקע אַ פיינעם ציטער, אָבער קיין בזיון איז דאָס ניט. דער צווייטער דאַרף דאָס אויף'ן שטערען ניט לייענען. אין דיעזער צייט פון יאהר קען מען נאָך ארומגעהן אָהן אַן אָווערקאָוט. עס איז זעהר אַ גוטע צייט פאר די, וועלכע האָבען, ניט פאר אייך געדאַכט, טראָבעל מיט די סיזאָן קליידער, און מען קען גלויבען, אז אין די געגענדען פון איסט בראָדוויי געפינען זיך אַ סך אַזעלכע, ביי וועמען די פראַגע וועגען אַ ווינטערדיגען בגד איז זעהר אַ וויכטיגע, אַ פּרעסענדע. אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, עס איז געווען אַ שעהנער זומער־אבענד, און דער עולם האָט געהאַלטען אין איין שפּאַציערען.

און צווישען די שפּאַציערענדע האָט מיסטער שוועמעל אין גרויס איילעניש דורכגעלעגט זיך זיין וועג.

מען האָט געקענט לייכט איינזעהען, אז מיסטער שוועמעל מאַכט

ניט קיין שפּאַציר. דער מאַן איז צו האַסטיג געגאַנגען. אָפט פלעגט ער זיך פון גרויס איילעניש אַן אימיצען פון די שפּאַצירענדע אָנשטויסען, און אָפט פלעגט ער אַרונטערשפּרינגען פון „סיידוואָק“ אין גאַס אַריין, אום אַריבערצויאָגען די, וועלכע זיינען געגאַנגען פאָראויס און האָבען איהם דעם וועג פערשטעלט. אַזוי שפּאַצירט מען ניט.

שוועמעל האָט טאַקע ניט שפּאַצירט. דער מאַן איז גאָר אַרונטערגעקומען פון האַרלעם זוכען אין איסט בראָדוויי זיינעם אַ בעקאַנטען ביזנעס-מעקלער.

שוועמעל איז אַ רוסיש-אידישער אינטעליגענט, אַריבער איז ער אַהער אין לאַנד מיט אַ יאָהר צוועלף צוריק.

שוועמלען איז אין ניו יאָרק שלעכט געגאַנגען. פיעלע פון זיינע פריינד, פון זיינע חברים, וועלכע זיינען געקומען מיט איהם צו דער זעלבער צייט, זיינען פאַר די יאָהרען געקומען צו אַ פיינעם תכלית: מען איז געוואָרען דאָקטוירים, דענטיסטען, לאָיערס, ריעל-עסטייטניקעס, במחילה לענדלאָרדס, באָסעס, אַזוי גרויסע ביזנעס-לייט, נור ער איז געבליעבען ליעגען אין צרות און קייט די ערד ביז היינטיגען טאָג.

אַלס גרינער האָט זיך שוועמעל גענומען פאַר ניוס-דילערײ, נור גאָרנישט, עס איז איהם שלעכט געגאַנגען, און ביי היינטיגען טאָג האָט ער אַ ווייב מיט פיער שוואַכע קינדער, און די חיונה האָט ער צו ציהען פון אַ זיסער און צו דערזעלבער צייט ביטערער טרייד, דאָס הייסט, ער פערמאָגט אַ קענדי סטאָרקע, וועלכע טראָגט אַריין קוים צו דעקען די עקספּענסעס אויף רענט און געז — דאָס אַלעס!

דאָס געשעפט האָט שוועמעל געקויפט מיט אַ חדשים צוויי צוריק. פערקויפט האָט איהם די ביזנעס איינער אַ מיסטער קורנאָסאָוו, זיינער אַ בעקאַנטער, און נאָך וואָס פאַר אַ בעקאַנטער? גאָר אַ נאָהענטער פריינד! און נאָך וואָס פאַר אַ פריינד? אַ חבר נאָך פון די קינדערשע יאָהרען.

אָנגעגעבען האָט מען שוועמלען די ביזנעס אַלס אַ גרויסען באַרגיין, אַלס אַ קלאָנדייק, נור ווען שוועמעל האָט שוין בעצאָהלט פאַר דער סטאָר, האָט ער ערשט דערזעהן, אַז ער איז דאָ פיין בעגראָבען געוואָרען. האָט שוועמעל געמאַכט געוואַלדען:

— וואָס האָסטו האָסט מיט מיר געטהאָן, קורנאָסאָוו? האָסט דאָך מיך געקוילעט, האָסט דאָך מיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט!...

ענטפערט קורנאַסאָוו:
— זיי־זשע ניט קיין נאַר און שוויַיג.
— ווי הייסט שוויַיגען? ! — האָסט דאָך מיך בעגראָבען!...
— מיך האָט אויך איינער בעגראָבען, איך האָב דיך בעגראָבען, און ווען דו וועסט זיין אַ קלוגער, וועסטו קענען אין גיכען אַן אַנדערען בעגראָבען... — אַזוי האָט גענטפערט קורנאַסאָוו אויף די פערצוויי־פעלטע טענות פון זיין פריינד, פון זיין חבר פון די קינדערשע יאָהרען.

שוועמעל האָט געשריען ביז ער איז ענדליך אַנשוויגען געוואָרען, און איז אוועקגעלאָפען זוכען אַ בעקאַנטען מעקלער אין איסט בראָדוויי, אום צו בעגראָבען איינעם, אַזוי ווי מען האָט איהם בעגראָבען.

לויפט שוועמעל, לויפט און לויפט, און לעגט דורך זיין וועג צווישען די שפּאַציערענדע, און אָט קומט איהם פּונקט אַנטקעגען, פּנים לפּנים, אַ יונגע פּאָארעל, אַ באַי פון אַ יאָהר צוויי—דריי און צוואַנציג און אַ מיידעל נאָך אַ אינגערע, דער באַי טראָגט ברילען, די מיידעל טראָגט ברילען; דער באַי טראָגט אויף זיך אַן אויסגענעהטע רוסישע העמד און די מיידעל איז אויך געקליידעט אין אַ רוסישען סוט.ביידע טראָגען זיי ביכער אין די הענד און זיינען פערטיעפט אין אַ געשפּרעך, וועלכע זיי פיהרען אַן טאַקע וויַיטער אין רוסיש... עפּעס האָט פּלוצלונג אַזוי ווי אַ קלאַפּ געגעבען איבער שוועמעל'ס האַרץ, עס האָט זיך איהם אין אינגאַנצען פערגעסען וועגען זיין סטאַרקע און וועגען דעם, וואָס ער אַלט זיך אַזוי. איצט האָט ער גענומען געהן לאַנג־זאַמער, פערשיעדענע עראינערונגען האָבען אַבגעשטעלט זיין איילעניש.

מיט אַ יאָהר צוועלף צוריק זיינען אויך געווען קיהלע, קלאָרע, שעהנע זונטאַגדיגע אָבענדען, און צווישען דאַמאַלסדיגע שפּאַציערענדע אויף איסט בראָדוויי איז אויך געווען ער, שוועמעל. אַ גרינער איז ער געווען, און האָט אויך גערעדט ניט אַנדערש, ווי רוסיש, און שפּאַ־ציערענדיג איבער דעמזעלבען איסט בראָדוויי, צוזאַמען מיט אַ יונגער שעהנער פריילין, האָבען זיי ביידע אָנגעפיהרט אַ געשפּרעך וועגען דער צוקונפט, ניט פון זיך זעלבסט, נור פון דער גאַנצער ליידענדער מענשהייט. ווען איז דאָס געלעגען דאַן אין קאָפּ צו טראַכטען וועגען דעם איינענעם „איך"!

וויפיעל זודיגע שטרעבונגען האָבען דאַן געברענט זיינע בלוטען! וויפילע ליכטיגע האָפנונגען האָבען געוואָרעמט זיין האַרץ! שעהנע,

הערליכע פאנטאזיען, כשר'ע געדאנקען, זויבערע אידעען! און די פריילין, וועלכע איז געגאנגען מיט אירם צוזאמען, האט אלעס, אלעס מיט איהם מיטגעטהיילט. אוי, ווי ליעב ער האט זי געהאט...

א חלום! אלעס איז אריבער! אנדערע שפאציערען אציד איבער איסט בראדוויי. ער, שוועמעל, לויפט ארום מיט א קיים צו לאיערס.

די פריילין יענע איז אצינד זיין פרוי, א מאמע פון פיער קינדער, א שוואכע, א מעלאנכאלישע אידענע, פון דלות פערשלאגען, קוים וואס זי האלט זיך אויף די פיס.

די פאנטאזיען, די האפנונגען, די שטרעבונגען, די אידעען, די ליעבע, אלעס איז פערברענט געווארען אין דער מלחמה פאר'ן שטיקעל ברויט. עס זיינען נור פערבליעבען שווארצע, העסליכע, קאלטע קוילען.

מיט א לאנגזאמען בליק בעטראכט שוועמעל די שפאציערענדע, און דער ים פון עראינערונגען צוגיסט זיך אלץ ברייטער, ווייטער, ווייטער און טיעפער; זיין שוואכע הארץ נעהמט זיך טרינקען אין דיעזען ים, און געהט אויס, געהט אויס פון א טיעפען, טיעפען וועהטאג, פון א טיעפען, טיעפען ביינקען!

נור אט ווערט דער ים פערשוואונדען, און שוועמעל'ס הארץ, א פערמאטערטע, האלב־טויטע, וויקעלט זיך ארום מיט די מחשבות וועגען דער טרוקענער, קאלטער ווירקליכקייט.

א קענדי סטארקע אין הארצען, וועלכע טראגט נור אויף רענט און אויף געז — און פון וואנען מאכט מען א לעבען? א שוואכע, קרענקליכע פרוי... פיער קינדער... ענגעניש, שטיקענים, נויט, דלות, און די סטארקע האט איהם פערקויפט א פריינד זיינער, א פריינד פון די קינדערשע יאהרען; א פריינד, וועלכער האט מיט יאהרען, יאהרען צוריק מיט איהם צוזאמען אומגעשפאציערט איבער איסט בראדוויי און דיסקוטירט הויכע, וויכטיגע לעבענס־פראגען — אט דער פריינד האט איהם בעגראבען.. און אצינד לויפט ער אליין אן אנדערען בעגראבען.

און שוועמלען האט זיך פערגלוסט, אז די גאנצע וועלט, צוזאמען מיט איהם זעלבסט, זאל קריגען איין פנים, און ער זאל דעם פנים גוט אנשפייען...

דאס איז נאטירליך ניט געשעהען, און דער סטארקיפער פון הארלעם איז אריין אין דעם אפים פון דעם מעקלער, וועלכען ער האט געזוכט און געפונען.

ליעבע.

וואס איז ליעבע?

ווער ווייס דען ניט וואס ליעבע איז?

וועלכער דיכטער האט עס ניט בעזונגען די ליעבע? וועלכער שרייבער האט עס ניט געשריעבען וועגען ליעבע?

דער גאט פון ליעבע איז פארגעשטעלט געווארען אלס א שעהן, אונשולדיג קינד, וועלכעס שפיעלט זיך מיט א פייל־און־בויגען.

הייליג, הייליג איז די ליעבע!

ליעבע — דאס איז די מוטער פון אלע הויכע שטרעבונגען... דאס איז די ליעבע, וועלכע פיהרט דעם מענשען צו בעגעהן די גרעסטע העלדישקייטען, צו מקריב זיין זיך פאר דעם ליידענדען מיטמענשען.

די ליעבע מאכט פון די מענשען מלאכים, געטער. וואס קען זיין הייליגער, ריינער, ליכטיגער פון ליעבע?

געהערט, געהערט האב איך פון דעם אלעם... נור ווען מען זאל מיך פרעגען וואס ליעבע איז, וואלט איך געענטפערט:

גיפט! פייער!!

א העלישער, טייפעלשער פייער, א שרעקליכער, טויטליכער גיפט!

א גיפטיגער, שמערצליכער געפיהל, וועלכען עס האט נור געקענט אויסטראכטען אליין דער אשמדאי, דער קעניג פון גיהנום, צום שטראפען, צום פלאגען דעם ארעמען מענשען!

ווען מען זאל איך ברענען און בראטען אויף א לאנגזאמען פייער, ווען מען זאל פון אייך שניידען, רייסען א גליעד נאך א גליעד, — ווי מען זאל אייך ניט פייניגען, ווי מען זאל אייך ניט מאטערען, קענט איהר ניט פיהלען אזעלכע גיפטיגע שמערצען, ווי עס קען אייך פערשאפען די ליעבע.

איך האב זיך בעקענט מיט דער ליעבע, ווען איך בין נאך געוועזען א קינד, און פון דאן אן פיהל איך אין מיין הארצען דעם גיהנום, און אן אנדערס מאל דאכט מיר, אז די ליעבע האט איבער מיר א טייפעלשען שפאס געמאכט. זי האט מיך אויפגעהאנגען אויף א תליה און האט מיך פער'משפט צו הענגען א האלב־דערווארגענעם ניט צום לעבען און ניט צום שטארבען.

אלס קינד, זייט איך געדענק מיך, האָב איך ליעב געהאט מיין מוטער, מיין אָרעמע, אָרעמע, שוואַכע, גוטע מוטער. וועה, ווי איך האָב זי ליעב געהאט און וועה ווי איך האָב געליטען!

מיין מאַמע האָט תמיד געוויינט. ניט געוויינט אויפ'ן קול, נור שטיל, מיט פערשטיקטע טרערען. איהרע טרערען האָבען נור איהרע קליינע קינדער געקענט זעהען..

זי האָט געוויינט, ווייל זי איז געווען אָרעם און ניט געהאט וואָס צו געבען עסען די קינדער; זי האָט געוויינט, ווייל מיין צורייצטער, קראַנקער פאָטער האָט זי בעהאַנדעלט ברוטאַל, שלעכט; זי האָט געוויינט, ווייל איהר גאַנצער לעבען איז געווען א שטענדיגע אָבקומע־ניש, א שטענדיגע שמערצליכע בעליידיגונג...

מאַמעניו, ווי ליעב איך האָב זי געהאט! איהרע טרערען האָבען פערגיפטעט מיין קינדערשע נשמה... איהרע זודיגע, ביטערע טרערען האָבען עס אָנגעצונדען דעם העלישען פייער, וועלכער ברענט פון דאַן אָן מיין קראַנקע הארץ!

איך האָב פיעל געליטען אין מיינע קינדערשע יאָהרען.

שטענדיגער הונגער, קעלט, קראַנקהייטען — וועגען דעם רעד איך ניט. מען האָט מיך פשוט זעהר געשלאָגען! עס האָט געשלאָגען דער מלמד, עס האָט געשלאָגען דער בייזער טאַטע, עס פלעגען מיך שלאָגען שקצים, ווען איך פלעג געהן פון חדר, מען האָט אין מיר אזוי פיעל קלעפּ אריינגעלעגט, אז נאָך יעצט דאכט זיך מיר אָפט, אז אָט־אָט וועט מיר אימיצער אראָבלאָזען א קלאַפּ.

דאָך האָב איך די אַלע קלעפּ פערגעסען... דער מאַמע'ס טרערען — דאָס וועל איך ניט פערגעסען!... די מאַמע רוהט שוין לאַנג, לאַנג אין קבר; איך בין שוין אליין א טאַטע פון קינדער און האָב זיך שוין אליין אין ניו יאָרק ארויפגעאַרבייט אויף א טהייערען, טהייערען קינדערשען קבר'ל — אָבער דער מאַמע'ס טרערען געדענק איך. זיי האָבען זיך איינגעגעסען אזוי ווי גיפט אין א וואונד, א וואונד, וועלכע וועט נור דאַן אויסגעהיילט ווערען, ווען דורך אביסעלע פרישע ערד וועלען אויסגעהיילט ווערען אַלע, אַלע וואונדען.

עלטער געוואָרען, האָב איך ווייטער געליעבט. דאָס איז שוין געווען די ראָמאַנטישע ליעבע צו פרויען.

קליין־געוויקסיג, דערשלאָגען, שוואַך אין געזונד — האָבען מיך

מיידלעך ניט ליעב געהאט... ווייטער וואונדען, גיפטיגע, שמערצליכע, און אין מיין הארצען האט זיך דער גיהנום צושפרייט אלץ טיעפער און ברייטער.

אבער אויך אויף מיין גאס איז געקומען א יום־טוב. די ליעבע האט מיר אויף איין מינוט געצייגט איהר שטראהלענד, ליכטיג געזיכט... איך האב ליעב בעקומען א פרוי.

די פרוי איז געוועזן יונג, שעהן, צארט, בליהענד, פול מיט לעבען, פול מיט שטרעבען, ליעבע און האפנונגען... דיעזע פרוי האט מיט ליעבע גענטפערט אויף מיינע געפיהלען — מיר האבען געהייראטה!

און... און... אוי, הלואי וואלט דיעזער ליכטיגער מאמענט פון מיין לעבען אויסגעמעקט געווארען פון מיין געדעכעניש, הלואי וואלט איך דיעזען מאמענט געקענט פערגעסען...

גלויבט מיר, ווען איך טראכט וועגען יענעם מאמענט, ווילט זיך מיר די ערד זאל זיך עפענען אונטער מיינע פיס און איך זאל איינ־געזונקען ווערען...

וואו איז זי יענע פרוי? וואס איז פון איהר געווארען? איז דאס די זעלבע, וועלכע זיצט איצט און וויינט נעבען דעם בעטעל פון מיין קראנקעם קינד? איז דאס מעגליך? עס איז דאך ניט מעהר ווי צעהן יאהר אריבער! זי איז דאך געוועזן אזוי יונג... אצינד זיצט דא אן אלטע פרוי... אן אלטע, א קראנקע, א פערמאטערטע פון יסורים!

א סקעלעט בעצויגען מיט הויט, דאס געזיכט אויסגעצויגען, געל, ווי וואקס, אלט, צוקנייטשט, קיין ברעקעלע לעבען, אויפ׳ן פנים א שווערער, טרויעריגער, האפנונגסלאזער וואלקען... די אויגען אויס־געלאשען, אויסגעוויינט... איז עס אזוי שנעל פון דעם שעהנעם פריה־מארגען נאכט געווארען? איז שוין אזוי שנעל דער גאנצער לעבענס־טאג אריבער? אזוי שנעל? ווי אזוי האט עס פאסירט?

און ווארום ליעב איך זי נאך? און ווארום קען איך אויף איין מינוט ניט פערגעסען יענעם מאמענט, יענע פרוי, יענעם ליכטיגען פריהמארגען? ווארום מאטערט די ליעבע אזוי גרויזאם מיין הארץ? די נאכט וואלט אויף מיר ניט אנגעווארפען אזא קאלטע אימה, ווען איך וואלט דעם פריהמארגען ניט געדענקט; דער ווינטער, דער טרויעריגער, העסליכער ווינטער, וואלט אזוי ניט געקיהלט די בלוטען פון מיינע אדערען, דעם מארך פון מיינע ביינער, ווען איך וואלט

נעקענט פערגעסען אָן דעם פריהלינג, אָן דעם זומער.. אוי, ווי ער ברענט, דער גיהנום פון ליעבע ! !...

קינדערלעך — א שעהנע מתנה אין מיין טרויעריגען לעבען ! א ליכטיגער שטראַהל אין א פינסטערען, דומפּיגען קעלער, א שמחת־תורה־דיגער פרעהליכער וואָלעכיל אין מיטען פון דער טרויעריגער, הערצ־רייסענדער נגינה פון נעילה !

קינדערלעך מיינע ! ווי ליעב איך האָב זיי ! ווי ברענענד, ווי הייס, ווי שמערצליך ! ווי גערן איך וואָלט פאַר זיי אָבגעגעבען די נשמה, דאָס לעבען. אוי, ווי ליעב איך האָב זיי !

טהוט א קינד א לאַך, פערגעס איך אָן אַלע צרות. טהוט א קינד א שטיף, א שפּיעל, בין איך גליקליך... איך פערגעס אָן דעם וואָכע־דיגען, זינלאָזען לעבען, אָן דער אייביגער, אייביגער הינטעשער האַוועגעש אויפ׳ן שטיקעל ברויט... אוים אַרבייט, אוים באַסעס, אוים לענדלאָרד, אוים רענט ! אַרונטער, אַרונטער מיט דעם גאַנצען אייבי־גען, אייביגען, שווערען באַרג, וועלכער בויגט דעם רוקען, וועלכער שטיקט דעם האַלז... אוים נויט, אוים דלות — גליקליך בין איך... גוט איז מיר, פרעהליך איז מיר...

זייט ניט מקנא ! איך בעצאָהל טהייער פאַר מיין פערגניגען. די ליעבע דערלאַנגט מיר א גרויסען ביל און איך צאָהל... איך צאָהל ! אוי, ווי טהייער איך בעצאָהל !

איך ווער משוגע פון דעם ביל, דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר, אין די אויגען ווערט פינסטער, נאַכט ! א שרעקליכע, א שוידערליכע נאַכט !

איז ביי אייך ווען־עס־איז געשטאָרבען א קינד ? א קליינינקער, אונשולדיגער מלאך׳ל, וועלכען איהר האָט געליעבט ביז וואַהנזין ? האָט איהר צוגעקוקט זיך נעכט און טעג, ווי דאָס קינד האָט זיך געמאַטערט ? ווייסט איהר דעם טעם פון דעם ? גליקליך זייט איהר, ווען איהר ווייסט ניט ! גליקליך... גליקליך...

און ווען דער שוואַרצער טויט האָט שוין ביי אייך אַוועקגעריסען איין קינד און א צווייטעס איז אייך פערבליעבען און איהר בלייבט הענגען אויף דער תליה א האַלבער פערוואָרגענער, ניט צום לעבען און ניט צום שטאַרבען...

און אָט ווערט דאָס צווייטע קינד קראַנק און דער שוואַרצער

קאַלטער טויט האַלט ווידער פערשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען איבער דער אונשולדיגער קעפּעלע פון אייער טהייער, ליעבעם קינד.

איהר ווייסט דאָך געוויס, אַז אין אונזער געבענשטען ניו יאָרק פּאַסירט עס צו אָפט, דאָס ביי עלטערן שטאַרבען צו עטליכע קינדער.

ענגע, פּערפּעסטעטע הייזער, געבויט און אונטערגעהאַלטען פון דעם בייזען גייסט, דער „רענט“, ענגע, שמוציגע סטריטען, מענשען צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פאַס, קיין לופט, קיין ליכט, דלות, נויט, און די ערשטע קרבנות זיינען זיי, די שוואַכע אונשולדיגע קינדערלעך... וויפיעל קינדערשע קברים׳לעך קומען עס צו אויף די ניו יאָרקער בית עולם׳ס פאַר אַ ווינטער? !

און איהר זיצט לעבען דעם בעטעל פון אייער קראַנקעם קינד האַלב משוגע פון שמערצען.

פערשטילט איז געוואָרען דער פרעהליכער קינדערשער געלעכטער, און איבער׳ן גאַנצען הויז איז אַראָבגעלאָזען אַ שטילער, שוואַרצער טרויער.

די ליפּעלעך, וועלכע עס פלעגען אייך בעשיטען מיט קושען, זיינען אויסגעקרימט פון ליידען... די אויגעלעך קוקען אויף אייך... בעטען זיך רחמים: „פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, העלף מיר“.

און אָט ברענט אייער ליעבע ווי אַ העלישער פייער, עס שטעכט אייך מיט טויזענדע שפּיזען און גיסט אַ העליש ברענענדען גיפט אין אייערע בלוטענדע וואונדען.

און דער גיהנום פון ליעבע ווערט שרעקליכער, שווידערליכער.

ליעבע — דאָס איז גיפט. דאָס איז אַ העלישער פייער!

מענער און פרויען

און ער האָט זי פערשטויסען.

אין אַ מינוט פון ליכטזין און ברענענדע פערלאַנגען איז זי בעגאַנגען אַ פערברעכען און זי איז געוואָרען אונטריי צו איהר מאַן...

אין אַן עהנליכער מינוט, ווען איהר מאַן וואָלט געווען לעבען איהר — און איהר מאַן האָט זי ליעב געהאַט — וואָלט זי איהם געקושט, ארומגענומען, פעסט געדריקט צו זיך, ביז די צערטליכע געפיהלען, וועלכע האָבען זי ארומגעכאַפּט ווי אַ ווילדע בורע, וואָלטען געקראָגען זייער נאַטירליכען אויסגאַנג. — דער מאַן איהרער איז אָבער זעלטען צו הויז; ביי טאָג איז ער פערטראָגען און פערנומען אין ביזנעס און נעכט ווערט ער פערפאַלען, ווער ווייס וואו...

ווען זי וואָלט געווען אַ מוטער, וואָלט זי איהר קינד אין אַזאַ מינוט געשטיקט צערטליך צו איהר ברוסט ביז דער אָנגעלאָפּענער שטראָם פון ליעבע וואָלט אויסגעגאָסען ווערען... זי האָט אָבער קיין קינדער ניט געהאַט.

ווען זי וואָלט אין אַזאַ מינוט געווען אַליין אין איהר צימער, וואָלט זי אויפרעגענד פאַנטאַזירט, אפשר וואָלט זי זיך פערשלאָגען מיט אַן ארבייט... זי וואָלט געזונגען... געוויינט... געלאַכט, וואָלט זיך פאָרגעשטעלט אויפרעגענדע בילדער ביז דער פייערעל, וועלכער צינדט אָן אַזוי ברענענד די בלוטען, וואָלט אויסגעברענט און לאַנגזאַם אויסגעלאָשען געוואָרען. איז זי אָבער געווען ניט אַליין... מיט איהר איז געזעסען אַן „ער“ אין צימער. אַ פריינד און אַ שטענדיגער אריינקומער אין זייער הויז. דער פריינד האָט אַ געוועהנהייט געהאַט, ווען ער פלעגט צו איהר ריידען, פלעגט ער אָפט געברויכען צווייַדייטיגע ווערטלעך, פלעגט זי שטעכען דורכדרינגענד מיט זיינע בליקען און אָפט קוקענדיג אויף איהר פלעגט ער אַזוי מאָדנע שמייכלען...

זי פלעגט איהם אָבער פערלאַכען און פערגליווערען מיט איהר אונשולד, מיט איהר קעלט.

אָבער דאַן איז געווען מיט איהר אַ שרעקליכע מינוט... ער האָט עס דערפיהלט און ער איז געוואָרען פרייער צו איהר אין זיין בענעהמען זיך...

איהר פּנים האָט געפלאַקערט, איהרע אויגען האָבען געשאָטען פונקען... ער האָט פערשטאַנען איהרע געדאַנקען און ער האָט זיך צו איהר אַזוי דערנעהנטערט, ביז איהר אָטהעם האָט איהם גענומען ברענען.

זי האָט איהם לייכט אָבגעשטופּט, און אָפּשטופּענדיג האָט זי זיך צו איהם לייכט צוגעריהרט און ער האָט דערפיהלט ווי זי ברענט.

ער האָט געמאַכט אַ שריט נעהענטער צו איהר: זי האָט עפּעס געזאָגט, אָבער איהרע ווערטער האָבען מאָדנע געציטערט.

ווי אַ צורייצטע חיה האָט ער זיך צו איהר פּלוצלינג אַ וואָרף געטהאָן און האָט זי אַ ווילדען קוש געטהאָן.

זי האָט אַ לייכטען געשריי געגעבען...

ער האָט זי פעסט ארומגענומען. אַ ווײַלע האָט זי זיך געראַנגעלט. ער האָט געבראַכט קראַפט, אָבער באַלד איז איהר ראַנגלען זיך שוואַכער געוואָרען... אַ ווײַלע איז זי געבליבען אַזוי ווי מאַכטלאָז... נור באַלד האָט זי ווייטער אויפגעברענט... נור ניט צום ראַנגלען זיך, נור צום לעבען און צום פיהלען...

זי האָט פערגעסען אַלעם אין דער וועלט... זי איז געווען ווי פער־שכור'ט פון ליעבע...

שפּעטער האָט זי זיך געכאַפּט וואָס זי האָט געטהאָן. זי האָט פערשטאַנען, אַז זי האָט געלעבט מיט איינעם, וועמען זי האָט גאָר ניט ליעב, אַז זי איז געווען אונטריי צו איהר מאַן.

איהר האָט גענומען עקלען פאַר זיך זעלבסט... זי האָט זיך גענומען מאַטערען, שרעקליך ליידען... זי איז געווען וואַהנזיניג פון געוויסענסביסע...

זי האָט ניט געוואָגט צו קוקען איהר מאַן גלייך אין די אויגען. זי האָט זיך בעטראַכט אַלס אַ געמיינע, ניעדריגע פערברעכערין, און אָפט ווען זי איז פערבליבען אַליין, האָט זי געוויינט מיט ביטערע טרעהרען...

זי האָט זיך בעשלאָסען מודה צו זיין פאַר איהר מאַן.

זי האָט געפיהלט, אַז אַנדערש קען זי ניט לעבען.

און זי האָט זיך מודה געווען...

דאָס איז געווען אַ ווינטער־אָבענד.

דער, פאַר וועמען זי האָט זיך געוואָלט מודה זיין, האָט פערשלאָ־סען זיין אָפּיס — ער איז געווען אַ יונגער ריעל עסטייט מאַן — און איז אוועק אַהיים. אויפ'ן וועג איז ער פערגאַנגען אין אַ בעקאַנטען האָטעל, געזעצט זיך לעבען אַ טישעל און גענומען אַ גלאָז וויין.

צו איהם איז צוגעגאנגען א בעקאנטע מיידעל, א מיידעל, וועלכע האט בעלאנגט צום האטעל. באלד זיינען אויפ'ן טישעל געשטאנען צוויי גלעזער וויין און די פאר האבען פרעהליך און לעבעדיג געשמועסט און עס איז געווען קענטיג, אז זיי זיינען אלטע בעקאנטע.

זי האט איהם איינגעלאדען צו זיך אין צימער און ער האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען...

נאך א שטונדע פון אויסגעלאסענעם לעבען, איז ער אוועק אהיים. ווען ער איז אריין צו זיך אין הויז, האט ער אזוי ווי געוועהנליך צערטליך ארומגענומען זיין פרוי און האט זי געוואלט א קוש טהאן. זי האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענד, אבגעטראטען און איז בלאס געווארען.

איהם איז ארויף א געדאנק, אז זי האט זיך דערוואוסט וועגען זיין ארט לעבען און זי וויל מאכען א סצענע.

— וואס איז? — האט ער געפרעגט אביסעל דערשראקען, אבער שוין צורייצט און בארענדיג, און ער האט זיך שוין אנגעגרייט ענט־פערען איהר: „ניט דיינע ביזנעס", און גלייך איבערהאקען איהר די פליגלען.

זי האט זיך צוּאוויינט.

— וואס איז? — האט ער ווייטער געפרעגט.

— איך בין א געמיינע פערברעכערין...

און וויינענדיג מיט ערנסטע ביטערע טרעהרען האט זי זיך אין אלעם מודה געווען... בעשולדיגענדיג בלויז זיך אין איהר פערברעכען.

— דו געמיינע... — א שרעקליכען ווארט האט ער ארויסגערעדט. און ער איז אויך בלאס געווארען און זיינע אויגען האבען גענומען ברענען.

זי איז געפאלען צו זיינע פיס און געבעטען פערצייהונג.

ער איז פערבליבען קאלט, הארצלאז צו איהר ריהרענדען געבעט... און שפעטער האט ער זי פון זיך פערשטויסען...

אין געריכטס־זאאל, וואו ער האט פערלאנגט געזעצליכע שיידונג פון איהר, האט זי זיך ווייטער אין אלעם מודה געווען... און אלע האבען אויף איהר געקוקט מיט פעראכטונג... ער האט אבער געקראגען מיטלייד און סימפאטהיע אלס אן אבגענארטער מאן און מען האט זיי געזעצליך געשיידעט.

אַ פרוי׳ס נקמה.

זי האָט איהם געהאַסט ווי דעם טוידט.

זי האָט איהם פיינד געהאַט מיט אַ ביטערער פערביסענער שנאה, דערפאַר ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט זי שטאַרק ניט ליעב.

זי האָט געוואוסט, אַז ער שעצט זיך גליקליך, ווען ער קען נור אויף איין מינוטעלע פון איהר פּטור ווערען, און זי האָט פון איהם נקמה גענומען דערמיט, וואָס זי האָט איהם נאָכגעפאָלגט ווי אַ שאָטען. זי האָט געזעהן, אַז זי פּלאָגט איהם מיט איהר נקמה און זי איז געווען גליקליך.

אָפט האָט זי געהערט ווי איהרע פריינד און בעקאַנטע זאָגען וועגען איהר און וועגען איהר מאַן, אַז זיי לעבען ווי די טייבעלעך, און זי האָט טיעף אין הארצען געלאַכט מיט אַ גיפטיגען געלעכטער...

זי איז געווען אַ שלעכטע און האָט איהם געמאַטערט, און ער איז געווען אַ שוועכלינג און האָט געליטען.

איינמאָל האָט זי געקראָגען אַ פערדאַכט, אַז ער ליעבט אַן אַנדערע.

זי האָט פערביסען די ליפּען... אַ ווייַלע פערטראַכט זיך. איהרע אויגען האָבען פּלוצלינג אַ שלעכטען ברען געגעבען און זי האָט זיך באַלד צולאַכט.

און זי האָט איהם גענומען נאָכפאָלגען שטאַרקער, גרויזאַמער.

זי איז אַוועק ארבייטען אין דעם זעלבען שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבייט; וואוהין ער פלעגט נור ווילען געהן, פלעגט זי אָנבאָטען איהר קאָמפּאַניע. זי האָט געזעהן, אַז ער ליידעט שרעקליך פון דעם, און זי האָט געקוואָלען און זי האָט איהם אויף איין סעקונדע ניט אָבגעלאָזט פון די אויגען...

דער אָרעמער מאַן איהרער איז שיער ניט משוגע געוואָרען פאַר צרות.

ער וואָלט צו יעדער מינוט געווען גרייט אוועקצוגעבען אַ האַלבען לעבען אום צו בעפרייען זיך פון זיין טהייערער העלפט. — ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוטה אויסצופיהרען זיין הייסען וואונש.

זיין גליקליכסטע, זיין ליעבסטע פאַנטאַזיע איז געווען צו זעהן

זיין אייגענע פערזאָן כאָטש איין נאַכט אָהן זיין פרוי... און דאָך איז זי געווען מיט איהם אימער, אימער צוזאַמען.

איהם איז געוואָרען דער לעבען איבערדריסיג... ער האָט געפיהלט דעם גיהנום ביי זיך אין הארצען... זי האָט עס געזעהן און דאָס איז געוואָרען איהר לעבען, איהר גליק; איהר נקמה איז געווען איהר נשמה....

זיין געדולד האָט גענומען פּלאַצען און ער האָט גענומען ביסלעכ־ווייז ארויסצייגען זיינע געפיהלען.

איהר האַס איז געוואָרען גיפטיגער, שטארקער, טיעפער... זי האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז זי פערשטעהט איהם ניט און זי איז אַלץ מעהר און מעהר געוואָרען צו איהם צוגעבונדען, און ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט דערשטיקט פון איהר...

ענדליך האָט ער מוטה געקראָגען, האָט זיך ענטשלאָסען און האָט איהר געזאָגט, אַז ער ליעבט אַן אַנדערע און אַז זיי מוזען זיך שיידען...

— דו אידיאָט! — האָט זי זיך צולאַכט, ווען זי האָט איהם אויס־געהערט — און וואָס דיינקסטו? איך האָב דיך ליעב? איך האַס דיך וויא... וויא... דעם טוידט...

— דעסטאָ בעסער — האָט ער געענטפערט, און האָט זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג.

— קענסט געהן — האָט זי געענטפערט, און זי האָט איינפאַך אויף איהם אויסגעשפּיגן.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און די פּאָר זיינען אוועק שלאָפען אין בעזונדערע צימערען...

די פרוי'ס נקמה האָט זיך אָבער ניט געענדיגט!

איינמאָל איז זי אויפגעשטאַנען פון איהר בעטעל און מיט פלאַמענדע אויגען און מיט שטילע טריט ווי אַ קאַץ איז זי צוגעגאַנגען צו זיין צימער און האָט זיך צוגעקוקט אויב ער שלאָפט.

ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז איהר מאַן געפינט זיך אין דער וועלט פון חלומות, איז זי אריין אין צימער אַ קוק געבען מיט האַס אויף איהר שלאָפענדען מאַן, האָט געעפענט די רעהרען פון די גאַז און איז מיט אַ שרעקליכען שמייכעל אַרויס פון צימער...

די פרוי'ס נקמה האָט זיך אָבער נאָך ניט אין גאַנצען געענדיגט...

שפּעטער איז זי אַריין צו דעם מאַן אין צימער, געלעגט זיך לעבען

איהם, גענומען זיינע שוין כמעט פערקיהלטע הענד און צוגעדריקט ארום זיך... ארומגענומען איהם, צוגעשלאָסען זיינע ליפּען צו איהרע...

און אין אזא פּאָזע האָט מען זיי אויף מאָרגען געפונען טוידט...

אין אַן איבערגעלאָזענעם צעטעלע האָט זי געבעטען פאר זיך, און אויך אין נאָמען פון איהר מאַן, אז מען זאָל זיי מקבר זיין אין איין קבר.

פריינד האָבען ערפילט זייער ביטע: מען האָט זיי אויך געשטעלט א מצבה, אויף וועלכער מען האָט אויסגעקריצט די טיעף־ריהרענדע ווערטער:

„הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו“.

און קיינער ווייס ניט, אז דאָס איז געווען א פרוי'ס נקמה.

זיבעט יענער נאַכט.

און זיבעט יענער נאַכט האָט דוד אויפגעהערט צו פּרעדיגען און אפילו צו רעדען וועגען פרייע ליעבע...

דוד האמבורגער'ס פריינד און בעקאַנטע רופען איהם אָן מיט דעם צונעמעניש: „דער פרייע־ליעבעניק".

קענט איהר דאָך פאררעכענען, אַז דער דוד האמבורגער איז אַ געפעהרליכער פויגעל, וועלכער פערליעבט זיך יעדען טאָג אין אַן אַנדער פרוי — האָט איהר אַ טעות. דער מענש לעבט זיך אַ לעבען ווי גאָט און לייט האָבען געבאָטען. אפשר האָט דוד יאָ אַמאָל אַ קוש געטהאָן אַ פרעמדע פרוי בשתיקה זיין אייגענער ווייב, אפשר האָט ער ווען־עס־איז ארומגעטראָגען זיך מיט זינדיגע מחשבות, אָבער דאָס איז אַלעס!

אין די ענינים פון פרייער ליעבע איז דוד נור געווען אַ מין טהעאָרעטיקער. ער האָט נור גערעדט מיט'ן מויל — דאָס אַלעס! צו יעדען איינעם און ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט דוד פּרעדיגען פרייע ליעבע, און אָפט פלעגט מען הערען ווי דוד זאָגט זיך אָב, צום ביישפּיעל, אַזעלכע מין פראַזען:

— וואָס עס איז שייך צו ליעבע, גיבט עס גאָר ניט אַזאַ וואָרט ווי „מען טאָר ניט". אַלעס, אַלעס מעג מען! גאָרנישט איז פערבאָטען!

— און ווען מען איז פערהייראַטה? — פלעגען מאַנכע פרעגען דוד'ן — ווען מען איז פערהייראַטה, איז אויך ניטאָ קיין „מען טאָר ניט"?

— ניין! ניין! — פלעגט זיך דוד צושרייען — ניין, מאַן און ווייב דאַרפען זיין אַזוי פריי, פּונקט ווי ניט פערהייראַטהע! דער מאַן מעג ליעבען וועמען ער וויל און וויפעל ער וויל, און די פרוי מעג אויך!

— אייפערזוכט, — פלעגט דוד פּרעדיגען — אייפערזוכט איז אַ שענדליכער, ניעדריגער געפיהל! — אָט אַזוי פלעגט דוד ליעב האָבען צו רעדען. נור פּלוצלונג איז דוד אַנשווייגען געוואָרען... אוים פּרעדיגען פרייע ליעבע!...

זיבעט דוד האמבורגער איז פערהייראַטה — און דאָס איז שוין אַ

צייט פון וואָסערע עס איז צעהן יאָהר — האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז דעם מאַן זאָל אויסקומען אַ נאַכט אין דער היים ניט נעכטיגען. עס טרעפט, אַז דוד האַמבורגער געהט וואו עס איז אויף אַ שמחה, אין אַ טהעאַטער, אויף אַ באַלל, קומט ער שפּעט אין דער נאַכט, קומט ער אַמאָל מיט'ן גרויסען טאָג.. אבער שלאָפען, שלאָפט ער אין דער היים — אַ היימישער מאַן.

און עס האָט געטראָפען אַזוי, אַז דוד האָט בעדאַרפט וואו אַבפּאָהרען, און אַז ערשטען מאָל אין צעהן יאהר איז דעם היימישען מאַן אויסגעקומען איין נאַכט ניט אנוועזענד צו זיין ביי זיך אין דער היים.

אויף מאָרגען ווען דוד איז בשלום צוריקגעקומען פון זיין נסיעה איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, דאָס הייסט די צווייטע נאַכט, ווייל איין נאַכט איז ער אין גאַנצען אבוועזענד געווען.

די טהיר האָט דוד'ן געעפענט ניט זיין פרוי, ווי דאָס פּאַסירט אימער, ווען ער קומט אהיים אין אַ שפּעטיגער נאַכט־שטונדע; היינט האָט איהם די טהיר געעפענט זיין עלטערע טאָכטער, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר זיבען.

דוד'ן איז דיעזער פּאַל גליַיך קשה'דיג געוואָרען. עס איז איהם ארויף אויף די געדאַנקען אַ חשד, אַז זיין ווייב איז אויף איהם בייז, ווייל ער האָט זיך אביסעל פערשפּעטיגט מיט זיין קומען, וואָרים בעדאַרפט האָט ער זיך צוריקעהרען פון זיין נסיעה נאָך אין דער פריה, לסוף איז ער גאָר געקומען האַלבע נאַכט. האָט זיך טאַקע דוד געפיהלט אביסעל פערשולדיגט, האָט ער פערדעכטיגט, אַז די ווייב איז אויף איהם בייז און האָט איהם די טהיר ניט געוואָלט עפענען.

דוד'ן איז געוואָרען אביסעל פערדראָסיג אויפ'ן הארצען; ער־וואַרטעט האָט ער צו דערזעהן פאַר זיך זיין פרוי אין איהר שעהנעם לאַנגען „נאַיטגאָון"; ערוואַרטעט האָט דער מאַן עפּעס אַ שעהנעם קבלת פּנים, פּאַרט אַן ערשטען מאָל אין צעהן יאהר אבוועזענד געווען פון דער היים כמעט גאַנצע צוויי מעת־לעת — עפּעס אַ נאַכט אין דער היים ניט גענעכטיגט. לסוף אַזאַ ענטטוישונג. און דער פאַטער האָט מיט אַ פערשטיקטען פערדרוס געפרעגט זיין פערשלאָפען מיידעלע:

— זעה נור, גאָר די טעכטעריל! און וואו איז עפּעס מאַמאַ?

— מאמא איז ערשט אנשלאָפען געוואָרען. — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע.

— וואָס עפּעס אזוי שפּעט?

— די בייבי איז געווען זעהר קריינקע און ביז יעצט ניט געשלאָ־פען. — האָט דאָס קליינע מיידעלע ערקלערט דעם פאטער, ווארום די מאַמע האָט זיך אזוי שפּעט שלאָפען געלעגט.

דיעזע ערקלערונג האָט דוד'ן פיעל־וועניג בערוהיגט, ער האָט א קוש געטהאָן זיין קינד און געזאָגט:

— נו, געה, מאַמעניו, שלאָפען.

דאָס מיידעלע איז שלאָפען אַוועק.

דוד'ן האָט זיך זעהר געוואָלט אביסעל פערברענגען מיט זיין פרוי. ער איז אריין אין זיין פרוי'ס שלאָפצימער, צוגעגאנגען צום בעט. די פרוי און די בייבי זיינען ביידע געשמאַק געשלאָפען. האָט זיך דוד וועניג־וואָס געקענט העלפען און ער איז אַוועק אין דעם צווייטען בעד־רום, וואו עס איז געשלאָפען זיין עלטערע מיידעלע, וועלכע האָט איהם די טהיר געעפענט, און וואו ער זעלבסט שלאָפט אין א פאָלדינג־בעט.

דוד האָט פאנאנדערגענומען די פאָלדינג־בעט. ווען ער האָט גענומען אויסבעטען, האָט ער בעמערקט מאָדנע ענדערונגען. ערשטענס, איז געלעגען א ריין ווייס ליילעך, א ווייסע טשיכאָלקע אויף דער קישעלע און די קאָלדרע איז אויך געווען איינגעוויקעלט אין א ליילעך... ניעמאלס בעפאָר האָט אזוינס פּאסירט.

דוד'ס פרוי איז אימער פערהאַוועט מיט איהרע קליינע קינדער, און עס ליעגט איהר ניט אין קאָפּ אויפצופּאסען אויף זיין בעט. זי האָט געענוג אנדערע מלאכות. ווען ער דאַרף ריינע וועש פאַר זיין בעט, נעהמט ער דאָס אימער אליין. און דאָ האָט זיין ווייב גאָר פלוצלונג אין זיין בעט די וועש איבערגעביטען. און איבערהויפּט איז דוד' געווען קשה'דיג דאָס, וואָס די קוואָלט איז געווען איינגעוויקעלט אין א ליילעך... אזוינס טהוט נור זיין פרוי דאַן, ווען עס קומט א גאַסט און מוז שלאָפען אין זיין פאָלדינג־בעטעל... און דוד האָט גלייך בעגריפען, אז אימיצער האָט געמוזט שלאָפען פאָריגע נאַכט אין דיעזער בעטעל.

דוד האָט פּלוצלונג דערפיהלט ניט אננעגעהם און שווער אויפ'ן הארצען.

— פּאַפּאַ, — האָט דאָס מיידעלע אָבגערופען איהר פאָטער — ווייסטו ווער ביי אונז האָט נעכטען געשלאָפען?

— ווער? — האָט זיך דוד אַ כאַפּ געטהאָן.

— מיסטער בוזאַוואָסקי.

— ווער?

— מיסטער בוזאַוואָסקי!

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — האָט דוד געפרעגט מיט אַן אויפ־געציטערטען הארצען.

— צוויי טאַנטעס זיינען געקומען צו די בוזאַוואָסקיס, — האָט ערקלערט די מיידעל — בוזאַוואָסקי איז געזעסען און געזאָגט, אַז ער האָט ניט וואו צו שלאָפען, האָט איהם די מאַמע געבעטען, ער זאָל שלאָפען אין דיין בעט.

די בוזאַוואָסקיס און די האַמבורגערס זיינען „נעקסט־דאָריגע" שכנים און מען לעבט צווישען זיך זעהר בעפריינדעט. עס איז שוין צעהן וואָכען צייט, אַז בוזאַוואָסקי'ס פרוי ליעגט אין טיפוס פיעבער. אין הויז איז אַ נוירס און בוזאַוואָסקי האָט זיך שוין פיעלע מאָל בעקלאָגט ביי די האַמבורגערס, אַז ער קומט אָב גאַנצע נעכט, ווייל ער האָט ניט וואו צו שלאָפען. ווען דוד וואָלט אויף גאָר ניט פערטראַכט, וואָלט ער בעדאַרפט איינזעהען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ גאַנץ געוועהנליכע, אַ גאַנץ נאַטירליכע פּאַסירונג... זיין שכן פלאָגט זיך שוין זייט צעהן וואָכען און האָט ניט וואו צו שלאָפען; אַצינד, ווי זיין מיידעלע האָט איהם דערצעהלט, זיינען צו די בוזאַוואָסקיס עפּעס צוויי טאַנטעס געקו־מען, האָט דאָך דער שכן געוויס ניט וואו צו שלאָפען; נו, ער, דוד, איז ניט געוועזען אין דער היים, זיין בעטעל איז לעדיג געשטאַנען, פאַר וואָס זאָל זיין פרוי טאָקע ניט בעטען דעם פערוואָגעלטען שכן שלאָפען אין דער לעדיגער בעט? גאַנץ איינפאַך, און גאַנץ נאַטירליך!

איז אָבער דוד'ס גלייכער שכל פערבלענדט געוואָרען פון אַ טעמפּען, שטיקענדען געפיהל פון אייפערזוכט און שוואַרצען פערדאַכט.

אַ חשד, אַז זיין פרוי האָט צוזאַמען מיט דעם שכן פערבראַכט די דאָזיגע נאַכט אין ליעבע, האָט דוד'ן אַ קלאַפּ געטהאָן איבער די געדאַנ־קען... ער האָט דערפיהלט ווי די בלוט האָט איהם אַ שפּאַר געטהאָן אין די שלייפען... זיין גאַנצע נשמה האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ גיהנום־פייער!

ער איז געווען בערייט אריינצולויפען צו זיין פרוי אין צימער און מאכען דעם גרעסטען סקאנדאל.

דא האט זיך אבער דער ארימער דוד דערמאהנט, אז ער האט א צונג אין מויל, און דיעזער צונג פלעגט תמיד רעדען אזעלכע ווערטער, וועלכע פאסען זיך גאר ניט צו דעם, וואס ער פיהלט יעצט...

דוד האט זיך אין בעט אריינגעווארפען... פערדאכט און איפער־זוכט האבען א גאנצע נאכט איהם געמאטערט און געפלאגט און ער האט איבערגעפיהלט גיהנום־יסורים.

און זייט יענער נאכט האט דוד האמבורגער אויפגעהערט צו פרעדיגען און אפילו א ווארט אויסצורעדען וועגען פרייע ליעבע...

צוויי פעראומערטע הערצער.

בעקער און זיין פריינד באך האבען ביידע שטארק־פעראומערטע הערצער, און די אורזאכע פון זייער ביידענס דריקענדען אומעט זיינען צוויי שעהן פערבעטע בעטען.

בעקער און באך זיינען פריינד און חברים. בעקער איז א פער־הייראטהער מאן, האט א שעהן ווייבעלע און דריי קינדערלעך; באך איז אן אלטער בחור.

ווען עס איז אנגעקומען דער ליעבער זומער, האט בעקער'ס פייניקע ווייבעלע אבגעטהאן א מעשה: אין די ענגע בעדרומס איז געווארען זעהר היים און שטיקענד, האט זי ארויסגענומען די צוויי בעטען פון די צוויי שלאפצימערען און האט זיי אוועקגעשטעלט אין פראנט־רום.

און יעדעס מאל ווען בעקער און זיין פריינד באך, וועלכער איז ביי די בעקערס אן אפטער אריינגעהער, זיצען אין דייגינג־רום ביי דעם גרויסען רונדען טיש, קומט זיי אויס געגען די אויגען דער פראנט־רום מיט די צוויי שעהן־פערבעטע בעטען.

און עס קוקט אויף די דאזיגע בעטען מיסטער בעקער, און עס קוקט אויף די דאזיגע בעטען בעקער'ס פריינד, און ביידענס הערצער ווערען נעבעך פון א שווערען אומעט גערריקט.

זינט די בעטען שטעהען אין פראנטרום האט דער מיסטער בעקער פאר זיך קיין תקומה ניט. פריהער, ווען די בעטען זיינען אין די בעד־רומס געשטאנען, פלעגען אין איין בעד־רום שלאפען זיינע עלטערע צוויי קינדער, אין דער צווייטער בעד־רום פלעגען שלאפען — ער זעלבסט, זיין שעהן ווייבעלע און זייער קליין, ציכטיג בייבעלע. ער און זיין פרוי פלעגען זיך „פאמעשצען" אין בעט און די בייבי פלעגט ליעגען דערביי אין א קליין, ציכטיג וויעגעלע. יעצט, ווען די צוויי בעטען שטעהען אין פראנט־רום, שלאפט די מאמע מיט דער בייבי אין איין בעט און אין דער צווייטער בעט שלאפען די עלטערע צוויי קינדער. ער, בעקער, וואלגערט זיך אין א פאלדינג־בעטעל אין איינעם פון די אבגעלעדיגטע פערלאזענע בעד־רומס.

שלאָפען מיט אַלעמען צוזאַמען אין פראָנט־רום איז פאַר איהם עפּעס ניט פאַסענד, און עס איז טאַקע פּשוט אונמעגליך. ערשטענס, שלאָפּ מיט דער מאַמען די בייבי, פאַר דער ציכטיגער וויעגעלע איז אין פראָנט־רום קיין פּלאַץ ניטאָ.... וואָלט ער שוין ווי־עס־איז צו־געשפּאַרט זיך, די בעט איז גענוג ברייט... שלאָפען דערביי די איבריגע צוויי קינדער. וואָלט ער אפשר אַ מאָל אָברוהען אין בעט ווען די קינדערליך מאַכען צו די אויגעלעך און שלאָפען איין, איז דער פראָנט־רום אָפען פון אַלע זייטען, כאָטש נעהם און לאָך!

פון די פענסטער האָט בעקער'ס שעהנע ווייבעלע אויף דעם ליעבען זומער אַרונטערגענומען די קוירטענס... די ווינדאָו־בלאַינדס זיינען אויסער אָרדער און דרעהען זיך ניט אַרונטער... צוויי פענסטער, צוויי גרויסע אָפענע אויגען! דאָס איז פון איין זייט. פון צווייטען זייט איז דער פראָנט־רום אָבגעטהיילט פון דעם דייניגג־רום דורך אַ ברייטען דורכגאַנג, עס איז כמעט ווי איין צימער. ווינטער איז דיעזער דורכ־גאַנג בעהאַנגען מיט אַ פאַר שווערע פאָרטיערען, אויפ'ן זומער זיינען דיעזע פאָרטיערען אַרונטערגענומען... און אין דייניגג־רום שלאָפט נאָך צו אַלע צרות אַ באָרדערין.

האָט דער אָרעמער בעקער פאַר זיך קיין תקומה ניט... זיצט ער אין דייניגג־רום ביי דעם גרויסען רונדען טיש, קוקט אין פראָנט־רום אויף די שעהן־פערבעטע בעטען, טראַכט וועגען אַמאָליגע גוטע צייטען, און זיין אָרעם האַרץ ווערט דערשטיקט פון אַ שווערען, שווערען אומעט.

און ווען בעקער'ס פריינד, דער אַלטער בחור, קוקט אויף די בעטען, ווערט איהם אויך זעהר, זעהר אומעטיג.

אַמאָל, ווען בעקער'ס שעהן ווייבעלע איז נאָך אַ מיידעל געווען, האָט זי באָך גאַנץ ליעב געהאַט... טיעף אין האַרצען האָט ער געצער־טעלט אַ זיסע האָפנונג מיט דער שעהנער מיידעלע ווען־עס־איז חתונה צו האָבען, און ער האָט זיך אַזוי לאַנג מיט דיעזער גוטער האָפנונג אַרומגעטראָגען ביז עס איז אונטערגעקומען זיין פריינד, און טאַקע מיסטער בעקער, וועלכער איז געווען פיעל פלינקער און מזל'דיגער פון איהם, צוגענומען פון אונטער זיין רעכטען נאָז זיין געליעבטע מיידעלע, און דער אָרעמער, אָרעמער באָך איז טאַקע אַזוי פערבליעבען ביז היינטיגען טאָג אַן אַלטער, אַ פערזעסענער בחור.

אָנפאַנגס, ווען באָך האָט דערזעהן וואָס בעקער האָט איהם

אבגעטהאָן, האָט ער זיך אביסעל געבלאָזען, און די פריינדליכע בעציהונ־גען צווישען זיי ביידע זיינען געוואָן אָנגעגריפען. לאַנג האָט עס אלעג־פאלס ניט געדויערט, די אַלטע פריינדשאַפט איז צוריק ארויפגעשוואר־מען ווי ריינער בוימאייל אויפ'ן וואסער.

און באַך איז אָן אָפטער בעזוכער ביי זיין פערהייראַטהען פריינד, נעהמט א ווארעמען אנטהייל אין אלע זיינע טראָבעלס, שפיעלט זיך מיט בעקער'ס קינדערלעך, פרעהט זיך מיט זיין פריינד'ס שמחות, געהט ארום אָהן א קאָפּ ווען ביי זיין פריינד ווערט א קינד קראַנק, און איז אין זיין חבר'ס פאמיליע געצעהלט א היימישער מענש.

מאנכע מאָל, ווען ער פערקוקט זיך אויף די שעהן און ציכטיג אויפגעפיקסטע היים פון זיין פריינד, אויף דער שעהנער ווייבעלע, וועלכע עס האָט דאַך געקענט זיינע זיין, נעהמט א וואַרים עסען זיין הארץ... אבער ווען פאסירט עס? זעהר, זעהר זעלטען!

נור זינט ביי די בעקערס שטעהען די בעטען אין פראָנט־רום, פלאָנטערען זיך אין דעם אַלטען בחור'ס פערזעסענער נשמה שווערע געפיהלען, שווערע געדאַנקען...

אָט זיצט באַך אין דיינינג־רום ביי דעם גרויסען רונדען טיש און זיינע אויגען ווערען פערבלענדט פון די צוויי שעהן פערבעטע בעטען אנטקעגען אין פראָנט־רום.

ווילענדיג ניט־ווילענדיג פערטראַכט זיך דער אַלטער בחור און אין זיינע צורודערטע רעיונות שילדערט זיך א בילד: עס איז נאכט, אין פראָנט־רום איז פינסטער, די בעטען זיינען צום שלאָפען אויסגעבעט, און עס ליעגען צוזאמען ארומגענומען, ווי צוויי טייבעלעך, זיין פריינד בעקער און די שעהן, ציכטיג ווייבעלע, זיין געוועזענע געליעבטע.

און דעם אַלטען בחור'ס הארץ ווערט צוזאמענגעדריקט פון א שווערען, שווערען אונערטרעגליך שווערען אומעט.

— גאָר אין פראָנט־רום די בעטען? — טהוט א זאָג דער אַלטער בחור, און אין זיין שטימע דערפיהלט זיך א פערבאָרגענער טיעפער פערדרוס.

— אן איינפאל פון מיין ווייבעל! — ענטפערט בעקער, און אין זיין שטימע פיהלט זיך א שמערצליכער פערדרוס. און די ביידע פעראומערטע הערצער דערשלינגען איין און דעם זעלבען שווערען, שווערען זיפץ.

א מיאוס'ע ענטטוישונג.

אבענד־צייט, ווען דראבקין האט פערלאזען זיין הויז, האט ער געזאגט זיין פרוי, אז ער געהט בייוואהנען זעהר א וויכטיגען מיטינג, און דערביי האט דער מאן זיין פרוי געגעבען אנצוהערען, אז עס איז מעגליך, דאס אויף דיעזען מיטינג וועט איהם אויסקומען צו פערזאמען זיך ביז'ן גרויסען טאג אריין.

דראבקין האט געזאגט א ליגען פאר זיין פרוי. ניט אויף א מיטינג איז דער מאן געגאנגען, נור געפאהרען איז ער גאר ווייט אין די בראנקס צו בעזוכען זיינע א בעקאנטע אלמנה, און דעם ליגען מיט דעם פערזאמען זיך ביז'ן גרויסען טאג אריין האט ער אויסגעטראכט דערפאר, ווייל ער האט ערווארטעט ביי דער זעלבער אלמנה צו פערברענגען ביז'ן גרויסען טאג.

די אלמנה, צו וועלכער דראבקין איז געפאהרען, איז געווען א פרוי, וועלכע האט אנגעגעבען איהר עלטער אין אכט־און־דרייסיג יאהר, אן אפעטיטנע ווייבעלע מיט ניט קיין מיאוס'ען פנים. געהייסען האט זי מיסעס בוקמאן און דראבקין האט זיך אימער געפונען אונטער דעם איינדרוק, אז אט די מיסעס בוקמאן גלויבט אין פרייע ליעבע און איז איבערהויפט א פרוי, וועלכע לאזט זיך לייכט איבעררעדען פון מענער.

דראבקין, א מאן, וועלכער איז צו יעדער צייט געווען א גרויסער בעלן צו פערפיהרען לינקע געשעפטען מיט פרעמדע ווייבער, האט שטארק אין זינען געהאט די מיסעס בוקמאן. עס האט אבער דאן נאך געלעבט דער גאטזעליגער בוקמאן, וועלכער איז געווען זעהר א געוויקסיגער, און געשיינט צו זיין געזונד און שטארק ווי א העלפאנט, און ווען דער ליידענשאפטליכער אבער פיזיש שוואכער דראבקין פלעגטווארפען נור איין בליק אויפ'ן הויכען, געזונטען בוקמאן, פלעגט גלייך פון זיין צוהיצטען קאפ פערשוואונדען ווערען יעדער נארישער געדאנק וועגען דער שעהנינקער מיסעס בוקמאן.

נור אט איז געקומען דער דומער, דומער טויט, האט אוועקגענומען דעם געזונדען, קרעפטיגען בוקמאן און די מיסעס בוקמאן איז א וויסטע אלמנה געבליעבען. אן אלמנה מיט דריי ערוואקסענע יתומים.

דאָס איז געווען ביי א חודש צייט נאָך בוקמאַנ'ס טויט, ווען דראַבקין האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט א וויזיט צו דער אלמנה. געפאָהרען איז דער גוטער מענש כלומרשט מיט דעם אויסרייד צו מנחם אָבל זיין די אלמנה, נור געטראַכט האָט ער וועגען עפּעס אַנדערש.

דער געזונדער, קרעפטיגער בוקמאַן איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניט געווען; דראַבקין האָט שוין מעהר ניט געהאַט פאַר וואָס און פאַר וועמען צו שרעקען זיך; זיינע צולאָזענע רעיונות וועגען דער אלמנה האָבען זיך יעצט צושפּיעלט אזוי ווי די טייוואַלימלעך, און אָט די זינדיגע געדאַנקען האָבען דאָס יעצט דעם מאַן צו דער אלמנה געשלעפּט.

פאָהרט זיך דראַבקין אין די בראָנקס, און אין זיינע מחשבות שילדערט זיך א בילד, ווי ער קומט צו דער אלמנה... זי איז איינע אליין אין הויז — ער האָט געהערט, אז די קינדער געפינען זיך ערגעץ וואו אין הארלעם ביי דעם פאָטער'ס א פערמעגליכע שוועסטער — איז די זיסע ווייבעלע גאַנץ אליין אין הויז, און דאָס איז אלץ וואָס ער פערלאַנגט. אָט איז ער שוין דאָרט ביי דער אלמנה אין הויז, זיי בעגריסען זיך: ער דריקט איהר האנד, נאָכהער נעהמט ער זי טרייסטען איבער איהר גרויסען בראָך, איבער דעם טויט פון איהר מאַן, און אזוי טרייסטענדיג די פערצווייפעלטע פרוי, וועט ער זי צערטליך ארומנעהמען און וועט איהר אין שטערען א קוש טהאָן — א ברענענדיגען, ליידענ־שאַפטליכען קוש.

זי וועט אויף איהם א קוק טהאָן מיט פאָרוואורף.

— וואָס איז דער מעהר מיט אייך, מיסטער דראַבקין?

— וואָס פאַר א זיס, שעהן ווייבעלע איהר זייט... — וועט ער ענטפערן און אריינקוקען איהר גלייך אין די אויגען אריין און זי פעסט אומאַרמען.

—מיסטער דראַבקין, סטאָפּט! — וועט זי זיך נעהמען ראַנגלען

— וואָס טהוט זיך מיט אייך, מיסטער דראַבקין? איהר זייט דאָך שוין א טאַטע פון ערוואַקסענע קינדער.

— נו, איז וואָס? וואו איז דער דין, אז מען דאַרף זיך בעגראָבען לעבעדיגערהייט, ווען מען האָט קינדער? — וועט ער אויף איהר פאָר־וואורף ענטפערען, און ער וועט איהר נאָך אמאָל א קוש טהאָן.

איהרע באַקען וועלען אויפפלאַמען, זי וועט איהם אַבשטויסען און ער וועט נעהמען רעדען.

— איהר ווייסט... איך האָב איך אימער געליעבט... ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט האָב איך איבער איך פערבראַכט...

— אוי, הערט אויף רעדען נאַרישקייטען, — וועט זי איהם איבערשלאָגען — עס איז עפּעס גאָר ניט שעהן פון אייך!

— וואָרום ניט שעהן? — וועט ער זיך צו־טענה'ן — וואָרום ניט שעהן? איז דען דאָ אַזאַ דין ווען מען מעג און ווען מען טאָר ניט ליעבען? און אויב עס איז יא דאָ אַזאַ דין, איז עס דאָך אַן אויס־געטראַכטע מעשה פון אַלטע ווייבער און פרומע גלחים. דער גאַנצער „מען טאָר ניט“ איז אַן אָנגעשטאָפּטער מיאוס'ער הויקער.

— וועה איז מיר! — וועט זי איהם ווייטער איבערשלאָגען — וואָס רעדט איהר, ווייס איך ניט... עפּעס האָט איהר הפּנים גאָר פער־געסען, אַז עס איז ערשט אַ חודש נאָך מיין מאַנ'ס טוידט... אַז איך בין אויך אַ מאַמע פון גרויסע קינדער. וועגען וואָס רעדט איהר... בעדענקט זיך...

— נאַרישקייטען, — וועט ער ענטפערן — פּוסטע ווערטער. דער, וואָס איז געשטאָרבען, איז טויט און דער, וואָס לעבט, דאַרף לעבען.

און ער וועט רעדען און רעדען וועגען פרייע ליעבע, ביז זי וועט ווערען ליידענשאַפטליך, ווי ער איז, ביז ער וועט זי בעזיעגען.

און אַזוי טראַכטענדיג האָט דראַבקין גאָר ניט בעמערקט ווי די צייט איז אַריבער. און אָט איז שוין די לעצטע סטאַנציע... אָט איז דער נויטיגער אַדרעס. ער רינגט דעם בעלל. עס עפענט זיך די טהיר אין האָל.

זי איז אין דער היים, טראַכט דראַבקין און זיין האַרץ שלאָגט זיך אַלץ פעסטער און פעסטער.

אָט קלאַפּט ער אין טהיר אָן.

— קאַם אין! — דערהערט ער איהר שטימע, און ער דערפיהלט אַזאַ וואַרימען ציטער איבער אַלע זיינע גליעדער.

ער עפענט די טהיר. אָט איז זי די מיסעס בוקמאַן, אַנטקעגען קומט זי איהם.

— אָה, וואָס פאַר אַ גאַסט! מיסטער דראַבקין!

— וואָס מאַכט איהר עפּעס, מיסעס בוקמאַן?

און זיי בעגריסען זיך.

ווי שעהן און ווי רייצענד זי איז, די אַלמנה! איהרע באַקען פּלאַמען עפּעס אַזוי מאָדנע, איהר וויסטעל איז אַזוי דורכזיכטיג, אַז עס זעהען זיך אַרויס אין גאַנצען איהרע שעהנע מילך־ווייסע פאַרמען, און די קורצע סליווס פון דער וויסטעל בעדעקען קוים קוים איהרע שעהנע רונדע אָרעמס.

און דראַבקין'ס בלוטען האָבען זיך אין איין סעקונדע אָנגעצונדען מיט אַ פייער פון גליהענדער תאוה.

זי האָט איהם פאַר אַ האַנד גענומען און אין דיינינג־רום געפיהרט.

— זיצט, מיסטער דראַבקין.

דראַבקין האָט עפּעס געוואָלט ענטפערען, נור די ווערטער זיינען איהם אין האַלז פערשטיקט געוואָרען — אין פראָנט־רום אויף אַ לאָונדזש איז געלעגען אַ מאַן, אויך זעהר אַ געוויקסיגער, מיט אַ בוך איבער'ן פּנים... דער מאַן איז געלעגען האַלב נאַקעט. עס איז גלייך געווען צו בעגרייפען, אַז עס איז אַ היימישער מענש...

דעם אָרימען, צוהיצטען דראַבקינען האָט עס ווי מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען.

— ווער איז דאָס? — האָט דראַבקין אָנגעצייגט אויף דעם מאַן אין פראָנט־רום.

און דער אַלמנה'ס צופלאַמטער געזיכט איז נאָך רויטער געוואָרען, און אויף איהרע ליפּען האָט זיך אויסגעלעגט אַ מאָדנער, פיעל־בעדייטענדער שמייכעל.

— איך וועל אייך באַלד בעקענען, — האָט די אַלמנה געענטפערט אויף איהר גאַסט'ס פראַגע, און אָהן וועיטערע ערקלערונגען האָט די גוטע פרוי אַריינגערופען דראַבקינען אין פראָנט־רום.

— אייבי, אייבי „דיער", קום אַהער!

און דראַבקין האָט געזעהן ווי פון לאָונדזש הויבט זיך אויף אַ זעהר געוויקסיגער מאַן, אָנגעטהאָן אין הויזען און אין איין לייב־העמדעל, און דער געוויקסיגער מאַן איז באַלד אין פראָנט־רום געווען און איז ווי אַ פעסטער דעמב געשטאַנען פאַר דראַבקין'ס אויגען.

— דאָס איז מיסטער דראַבקין, — האָט די גוטע פרוי גענומען

בעקענען די צוויי מענער און דאָס — האָט זי אָנגעצייגט אויף דעם געוויקסיגען מאַן אין דער לייב־העמדעל — און דאָס איז...

זי האָט ניט דערעדט, און ווענדענדיג זיך ווידער צו איהר גאַסט, האָט זי געזאָגט:

— איהר, דראבקין, זייט דאָך אַן אייגענער מענש, מיינער אַן אמת'ער גוטער פריינד, איהר זייט דאָך אויך ניט פון יענע נאַראָנים, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך מיט אַזעלכע זאכען בעהאַלטען, פאַר אייך קען מען דאָך זאָגען דעם גאַנצען אמת — דאָס איז מיין מיין... מיין זיסער, טהייערער אייבעלע.

— זעהר אנגענעהם, זעהר אנגענעהם... — האָט געשטאַמעלט דער אָרעמער דראבקין, און ווען ער האָט זיך גענומען פאַר די הענד מיט דער אלמנה'ס צווייטען מאַן, האָט ער נור איין זאַך געטראַכט:

— ווידער אַזאַ הויכער, אַזאַ געוויקסיגער.

* * *

דראבקין איז אַהיים געקומען פון זיין מיטינג זעהר פריה, און אין דיעזער נאַכט איז דער מאַן געוועזען עפּעס גאַר אונגעוועהנליך געטריי און ליעבליך צו זיין פרוי.

איהרע מיידעלשע קליידער.

מיט אכטצעהן יאהר צוריק, ווען זארכין האט זיך פערליעבט אין דער שעהנער, יונגער, שווארץ־חנ'עווודיגער סאפיעלע'ן, וועלכע איז יעצט טאקע זיין פרוי, איז די מיידעל צו יענער צייט געווען זעהר איינפאך געקליידעט.

סאפיע איז דאן געווען א גרינע אין אמעריקא, און זי איז ארומגעגאנגען אין איהרע גרינע קליידער. אן איינפאכע רויטע שווארץ־געפינטעלטע קומאטשענע וויסטעל מיט ברייטע סליווס, און איבער דער וויסטעל אן איינפאכע ציצענע געמב־דרעסקע; אויפ'ן קאפ האט זי געטראגען אן איינפאכע יאכטינג־קעפקע.

דאס איז געווען סאפיע'ס שטענדיגער אנטהאן זיך און אויך אזוי איז זי געווען געקליידעט, ווען זארכין האט זיך מיט איהר צום ערשטען מאל בעגעגענט, און אויך ווען ער האט זיך דער גרינער מיידעל אין ליעבע ערקלעהרט.

די זארכין'ס זיינען יעצט גוט אב און סאפיע קליידעט זיך אימער לויט דער סאמע לעצטער מאדע, און וואס די פרוי זארכין ווערט עלטער מיט א יאהר, דעסטא מעהר גיט זי זיך איבער דעם דרעסען זיך, דעסטא מעהר און מעהר קאכט זי זיך אין דעם ענין פון קליידען זיך.

ווער קען דאס איבערדערצעהלען די צאהל שעהנע דרעסעס, אמת גוטע דרעסעס, מאנטלען, טהייערע קאוטס פון פאר, קאסטבארע זייד און פלאש, די טהייערע פערשיעדענע סיזאן־העטס, וועלכע די מיסיס זארכין האט צוטראגען פאר די לעצטע אכצעהן יאהר צייט, זינט זי איז פערהייראטה?

אין מאנכע נייע סטיילישע דרעסעס פלעגט סאפיע אויסקוקען שעהן ווי א פרינצעסין. יעדער נייער הוט האט דער פרוי אימער צוגעטהיילט א געוויסען חן, דאך געדענקט ניט זארכין ניט איינע פון די אלע דרעסעס, וועלכע זיין פרוי האט צוטראגען, זינט זיי זיינען פערהייראטה, ניט איין איינציגע פון די פערשיעדענע סטיילישע העטס, וועלכע פלעגען איהם כמעט אימער ענטציקען דאן ווען זיין פרוי פלעגט דאס אנטהאן נייערהייט. דער מאן קען אבער אין קיין פאל ניט פער־

געסען די איינפאכע ציצענע דרעסקע מיט דער קאמאטשענער ווייסטעל, וועלכע זיין סאפיע האט געטראגען גרינערהייט, דאן ווען ער האט זיך אין דער מיידעל פערליעבט, ווען זי איז זיין כלה געווארען. ער קען בשום אופן ניט פערגעסען די איינפאכע בלאהליכע יאכטינג־קעפקע, וועלכע האט אזוי רייצענד, אזוי שעהן געמאכט די איינפאכע יונגע, גרינע מיידעלע.

וואס די מיסים זארכין ווערט עלטער, ווערט זי אלץ מעהר אריינ־געטהאן אין קליידער...

נעהט זיך די מאדאם זארכין א דרעס, ווערען די דרעסמייקערס פון איהר אויסגעריסען... ס'איז אמת, אז זי קארגט ניט צו ספענדען אויף איהרע דרעסעס אן איבעריגען דאלאר, אבער ביז וואנען איהרע שניידער פערדיענען אט דיעזען איבעריגען דאלאר, קומט דאס זיי אן מיט ביטערער גאל. פיטען א דרעס דער מאדאם זארכין דארף מען קענען, עס טאר ניט זיין קיין קנייטשעלע, קיין איבעריג פעלדעל, עס דארף ליגען ווי אויסגעגאסען... און ס'קומט טאקע אימער אויס, אז יעדער נייע דרעס מאכט סאפיע'ן פיר א שפאגעל נייעם מענשען.

און יעדעס מאל ווען סאפיע בענייט זיך מיט א דרעס, איז איהר מאן ענטציקט פון זיין פרוי. פונדעסטוועגען שוועבט בשעת מעשה פארביי אין זיינע זכרונות יענע איינפאכע דרעסקע, וועלכע סאפיע האט געטראגען גרינערהייט, און דעם מאן דאכט זיך, אז יענע דרעסקע איז געוועזן דער שעהנסטער, דער זיסטער מלבוש אין דער וועלט.

ווען די מאדאם זארכין קויפט זיך די לעצטע צייטען א נייעם העט, איז דאס שוין איינמאל א העט!

וואס איהר ווילט קענט איהר אויף דעם דאזיגען העט געפינען: פעדערען, בלומען, און אלעס פון דער פולער האנד, און אימער ווען סאפיע בענייט זיך מיט א נייעם הוט, דאכט זיך זארכין'ען, אזוי ווי זיין עצם פרוי וואלט טהיילוויז א נייע געווארען, און זיין סאפיע קריעגט אין זיינע אויגען א נייעם אינטערעס. דאך דערמאנט זיך דער מאן די איינפאכע בלויליכע יאכטינג־העטקע, וועלכע זיין סאפיע האט געטראגען, ווען זי איז זיין כלה געווארען... און איהם נעהמט זיך מאדנע בייגקען נאך יענער העטקע, נאך יענע איינפאכע קליידעל, און ס'דאכט זיך איהם, ס'חלום'ט זיך איהם, אז ווען זיין סאפיע וואלט אצינד אנגעטהאן זיך פונקט אזוי ווי זי איז אנגעטהאן געוועזן דאן,

ווען ער האָט זי צום ערשטען מאָל בעגעגענט, וואָלט זי אויך איצט געווען פונקט אַזוי שעהן, פונקט אַזוי זיס, אַזוי ליעב, ווי זי איז דאַן געווען... דאַן, ווען ער האָט זיך אין דער גרינגער מיידעלע פערליעבט, דאַן ווען זי איז זיין כלה געוואָרען.

און זארכין האָט ליעב וועגען דעם צו רעדען מיט זיין פרוי, און אָפט זאָגט ער צו איהר:

— סאָפּיע׳ניו, געדענקסט, ווי דו ביזט געווען אַנגעטהאָן גרינגער־הייט, ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט?

סאָפּיע ווייס זעהר גוט וועגען וואָס איהר מאַן וויל רעדען. זי ווייס, וועלכע צייט איהר מאַן האָט אין זינען, זי ווייס ווי זי איז דאַן געווען אָנגעטהאָן. ס׳ווילט זיך אָבער, אַז דיעזער סאָרט געשפּרעך זאָל זיך ציהען וואָס לענגער; מיט אַ וואַרימען פערגניגען ווערט אַנגעפילט איהר גאַנצע הארץ, ווען איהר מאַן פערפיהרט מיט איהר אַ געשפּרעך וועגען יענער צייט, ווען זי איז געווען אַזוי יונג, אַזוי שעהן, און אום צו פערלענגערען דיעזען געשפּרעך, אום ניט אויסצומיידען אַ געלעגענ־הייט אויסצודריקען וואָס מעהר עראינערונגען וועגען יענער זיסער צייט, טהוט סאָפּיע אַ פרעג:

— ווען, מיינסטו?

— ווען דו ביזט נאָך געווען אַ גרינע... — נעהמט זארכין רעדען פערטראַכט — געדענקסט, סאָפּיע׳ניו, ווען איך האָב זיך אין דיר פערליעבט, ווען דו ביזט מיין כלה געוואָרען. געדענקסט, סאָפּיע׳ניו, ווי דו ביזט געווען אַנגעטהאָן?

אין סאָפּיע׳ס רעיונות שוועבט דורך זי זעלבסט אַזוי ווי זי האָט אויסגעקוקט גרינערהייט: יונג, שעהן, אין איהרע איינפאַכע קליידער! טויזענדער זיסע אַנגענעהמע עראינערונגען רייסען זיך אין איהרע זכרונות, איהר גאַנצע נשמה ווערט אַנגענעהם אויפגעציטערט; איהר פּנים שטראַהלט אויף, עפּעס אַזוי ווי די עראינערונגען פון די יונגע יאָהרען וואָלטען אויף איהר פּנים צושפּרייט אַ טהייל פון דער לאַנג־פאַרבייגעגאַנגענער יוגענד. זי בלייבט אויף אַ ווײַלע פערטראַכט און זאָגט:

ווער קען דאָס געדענקען, ווי איך בין דאַן געווען אַנגעטהאָן? איך האָב שוין פערגעסען...

סאָפּיע זאָגט דאָס נור אַזוי, אין דער ווירקליכקייט געדענקט זי

זעהר גוט, ווי זי איז דאן געווען אנגעטהאן. זי געדענקט אלע קליינינ־קייטען נאך דייטליכער, נאך בעסער פון איהר מאן, נור ס'ווילט זיך איהר, אז איהר זארבין זאל שילדערען ווי אזוי זי איז דאן געווען געקליידעט, און דערפאר ענטפערט זי, אז זי געדענקט גאר נישט.

— געדענקסטו, סאפיע'ניו, דיין רויטע, קומאטשענע ווייסטעל, רויט מיט שווארצע פינטלעך, דיין איינפאכע דרעסקע, און דיין בלויע יאכטינג־קעפקע? עטוואס אן דער זייט פלעגסטו טראגען די קעפקע, צוגעפינט צו די האאר מיט איין לאנגער פין.

— יעס, איך געדענק, איך געדענק! — ענטפערט סאפיע פערטראכט.

— ווי דאס האט דיר געפיט! — רעדט זארבין ענטציקט פון זיינע עראינערונגען — וואס פאר א מחיה'דיגע מיידעלע דו ביזט געווען.

און מאן און ווייב בלייבען זיצען פערשלונגען אין זכרונות וועגען זייער פערגאנגענער יוגענד, זכרונות, וועלכע פילען אן זייערע הערצער מיט אן אנגענעהמען בייגקען.

* * *

איין מאל, ווען דער מאדאם זארבין איז אויסגעקומען געהן צו א מאסקען־באלל, איז איהר איינגעפאלען א געדאנק צו פערמאסקירען זיך אלס „איי ראשיען גוירל" און אנצוטהאן זיך פונקט אזוי, ווי זי איז געגאנגען געקליידעט גרינערהייט, אין איהרע מיידעלשע יאהרען. און זי האט זיך אויפגענעהט א ווייסטעלע פון רויטע, שווארץ־געפינטעלטע ציץ, אן איינפאכע „ספאדניצקעלע", און האט ערגעץ געקריגען א בלויליכע יאכטינג־קעפקע, אזא ווי זי האט געטראגען גרינערהייט, און ווען זי האט געהאט פארטיג איהרע קליידער פאר דעם מאסקען־באל, האט זי ווענען דעם דערצעהלט איהר מאן.

— אט וועסטו האבען א טשאנס מיך צו זעהן, ווי איך האב אויס־געקוקט גרינערהייט, ווען דו האסט זיך אין מיר פערליעבט, — האט סאפיע געזאגט קאקעטיש ענטציקט צו איהר מאן.

און זארבין איז געווען זעהר נייגיעריג צו זעהן זיין פרוי אין יענע קליידער, וועלכע זיינען אויף אייביג אין זיין געדעכטניס פערבליעבען; אויף אזוי פיעל נייגיעריג איז דער מאן געווען, דאס ער האט זיך נים

געקענט דערוואַרטען אויף דעם קומענדען מאַסקען־באַל און ער האָט געבעטען סאָפיע׳ן זי זאָל זיך גלייך איבערטהאָן אין איהרע אַמאָליגע גרינע קליידער.

סאָפיע האָט געפאָלגט איהר מאַן, אַוועק אין איהר צימער, איבער־געטהאָן זיך און באַלד איז די פרוי געשטאַנען פאַר איהר מאַן, אָנ־געטהאָן ווירקליך פונקט אַזוי, ווי זי איז געווען אָנגעטהאָן גרינערהייט... אפילו די קעפּקע האָט זי אָנגעטהאָן עטוואָס אָן אַ זייט, אַזוי ווי זי איז האָט עס געטראָגען אַמאָל, מיידעלווייז.

די קליידער זיינען געווען די זעלבע, סאָפיע איז אָבער ניט די זעלבע; ניט מעהר יענע מחיה׳דיגע יונגע מיידעלע, אין וועלכער איהר יעצטיגער מאַן האָט זיך מיט אַכטצעהן יאָהר צוריק פערליעבט.

שלעכט האָט זיך צוגעפּאַסט דער קאָסטיום פון אַ יונג־מיידעלע צו דער פרוי אין די מיטעלע יאָהרען... עפּעס זעהר נאַריש האָט יעצט סאָפיע אויסגעקוקט... נאַריש און פיעל עלטער איידער זי האָט אויסגעקוקט אין איהרע געוועהנליכע קליידער; און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי אַ באָבע וואָלט אויף זיך אַ קינדערשע קליידעלע אַרויפגעשלעפּט.

און אַזוי קוקענדיג אויף זיין פרוי, האָט זיך אין זארכין׳ס הארצען אויסגעשפּרייט אַ שווערער, דריקענדער אומעט... ער האָט פּלוצלונג בעגריפען, אַז יענע סאָפיע, יענע יונגע שעהנע מיידעלע, אין וועלכער ער האָט זיך פערליעבט, איז שוין מעהר ניטאָ... עטוואָס שעהנעס, עטוואָס זיסעס איז אין דער טיעפעניש פון דעם מאַן׳ס נשמה יעצט אין דער מינוט אָבגעשטאָרבען!

סאָפיע האָט אָן איהר מאַן׳ס פערוואָלקענטען פּנים פערשטאַנען עטוואָס פון דעם, וואָס ער האָט געטראַכט און געפיהלט, און אויך איהר איז געוואָרען מאָדנע שווער אויפ׳ן הארצען.

סאָפיע האָט שווייגענדיגערהייט, אָבער גאַנץ שנעל, אויסגעטהאָן פון זיך איהרע „גרינע קליידער", פערפוצט זיך און „צוגעפיקסט" זיך אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין, און ווען זי האָט זיך אָן איבערגעטהאָנענע ווידער בעוויעזען פאַר איהר מאַן, האָט זארכין זיין פרוי אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן...

און מאַן און ווייב האָבעןביידע גלייך אַ שווערען זיפץ דער־שלונגען.

א מאַנ'ס פערגעניגענס.

איינער א מאַן האָט וועגען זיך זעלבסט פאַר מיר פאָלגענדעס דער־צעהלט:

ווען מען זאָל וועגען מיר זאָגען, אז איך בין א קליין מענשעלע, אַן ענגהערציגער, א מאַן מיט א קליינליכען כאַראַקטער—אַרט מיך ניט, זאָל מען זאָגען!

קיינער צווינגט מיך ניט צו דערצעהלען וועגען זיך אַזעלכע מעשות. וויל איך, קען איך זיך אַרויסשטעלען פאַר אייך אַלס דער בעסטער מענש אין דער וועלט; וויל איך, קען איך וועגען זיך אויסטראַכטען מעשיות, וועלכע זאָלען מיך פאַרשטעלען פאַר א גאַנצען העלד; אבער ווען איך וויל דעם ריינעם אמת רעדען, ווען איך האָב קיין מורא ניט מיט אָפענע אויגען אַריינצוקוקען אין מיין אייגענעם האַרצען אַריין, דאַן קען איך קיין אויסגעטראַכטע מעשיות ניט דערצעהלען.

און איך האָב גאַר קיין מורא ניט, וואָס פאַר א מיינונג איהר וועט וועגען מיר האָבען. איך דערצעהל אייך אָפען און אויפריכטיג: אָט דאָס האָב איך געטהאָן, אָט אזוי און אזוי האָב איך זיך אויפגעפיהרט, אזוי און אזוי האָב איך געפיהלט, און אזוי און אזוי פיהל איך יעצט.

דענקען דענק איך, אז איך בין ניט קיין בן־יחיד ביי גאָט. פיעלע, פיעלע, אויב ניט אַלע מענער, האַנדלען און פיהלען ביי די זעלבע אומ־שטענדען פונקט אזוי ווי איך האָב געהאַנדעלט, ווי איך האָב געפיהלט, נור זיי נאַרען זיך זעלבסט, ווילען זיך ניט פערשטעהן, אָדער אין בעסטען פאַל מאַכען זיי א שוויג וועגען זייערע מעשים, און איך בין נור אַן אויסנאַהמע מיט דעם, וואָס איך רעד דעם אמת.

פאַסירט האָט דאָס מיט איניגע יאָהר צוריק. איך בין צו יענער צייט, אזוי ווי יעצט, א פערהייראַטהער מאַן געווען, א פאָטער פון דריי ציכטיגע, זיסע קינדערלעך, איך האָב ליעב געהאַט מיין פרוי און זעהר טהייער געהאַלטען מיינע קינדערלעך. פונדעסטוועגען האָב איך בעהאַל־טענערהייט פון מיין פרוי, מיט א מיידעל אַרומגעפיהרט זיך.

סאָפיע האָט געהייסען די דאָזיגע מיידעל, א בלאָנדינקע פון א יאָהר זעקס־און־צוואַנציג.

איך האָב זיך צו דער דאָזיגער מיידעל הונדערט מאָל אין ליעבע ערקלעהרט, נור דאָס זיינען געווען הונדערט ליגענס. מיינע אויסגוסען פון ליעבע זיינען ניט פון הארצען געקומען, נור פון מויל. עס איז מיר עפּעס געווען אַ פערגעניגען צו ערקלעהרען זיך אין ליעבע. און עס איז מיר כמעט קיין דיפערענץ ניט געווען פאַר וועמען און פאַר וואָס...

די פערשיעדענע פערזאָנען, וועלכע פלעגען מיך בעגעגענען מיט סאָפיע'ן האָבען געמיינט, אַז צווישען מיר און אַט דער פריילין קומט ווירקליך פאַר עטוואָס ערנסטעס. זיי האָבען געוואוסט, אַז איך בין אַ פערהייראַטהער מאַן און זיי פלעגען אימער בעטראַכטען מיינע בעציהונגען מיט דער בלאָנדינקע אַלס אַ געהיימע, גע'גנב'עטע ליעבע... איך פלעג דאָס זעהן אָן זייערע פּנים'ער. זייערע פיעל־בעדייטענדע בליקען, זייערע גנב'ישע שמייכלען פלעגען מיר איבערצייגען וואָס מען דענקט וועגען מיר, און איך האָב פון דעם געהאַט אַן אונבעשרייבליכען פערגעניגען.

ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב זיך געפונען אין אַן איביגען שרעק — מיין פרוי זאָל חס ושלום ניט דערוויסען זיך וועגען מיינע „פינסטערע ביזנעס“, דאָך האָב איך אימער געגאַרט וואָס מעהר פערזאָנען זאָלען מיך זעהן צוזאַמען מיט סאָפיע'ן, כדי מען זאָל וואָס מעהר ריידען וועגען מיר, אַז איך פיהר זיך אַרום מיט אַ מיידעל.

אַט דאָס בעהאַלטען זיך פון מיין פרוי, אַט דער גנב'ענען זיך, דער געדאַנק, אַז איך פיהר זיך אַרום מיט „פערבאָטענע סחורה“ און איבערהויפּט דאָס, וואָס אַנדערע דענקען אַזוי — דיעזעס האָט מיר פערשאַפט אַ מערקווירדיגען תענוג און איך האָב אויף קיין איין מינוט ניט פערטראַכט זיך וואָס פאַר אַ רעזולטאַט עס קען אַרויסקומען פאַר דער זעלבער סאָפיע'ן פון אַזאַ מיין אונריינער ליעבע צו איהר.

ווען מיין געליעבטע וואָלט, צום ביישפּיעל, אַמאָל איינגעפאַלען ריידען מיט מיר גאַנץ אָפען און פאָרשלאָגען מיר, אַז איך זאָל אַרוים מיט מיין ליעבע אין דער עפענטליכקייט, איך זאָל פערלאָזען צוליעב איהר מיין פרוי, וואָלט איך געכאַפּט די פיס אין די הענד און איך וואָלט פון מיין געליעבטער אַנטלאָפען וואו טערקישער פעפער וואַקסט. דאָס האָב איך אימער געוואוסט, דאָס האָב איך אימער אין זינען געהאַט. פונדעסטוועגען האָב איך געשטרעבט צו דעם, אַז איך זאָל מיין סאָפיע'ן וואָס טיעפער אין מיין נעץ פערפלאָנטערען. און ווען

מיר וואָלט אויסגעקומען זי צו „פערפיהרען“, וואָלט איך זיך געווים פאַר דעם ניט אָבגעשטעלט... געשראָקען האָט מיך נאָר איין זאַך, און דאָס איז געווען די אויסזיכט צו האָבען טראָבעל פון מיין פרוי. און ניט אַכטענדיג אויף אזא ניט־שעהנער ליעבע צו מיין סאָפיע׳ן, בין איך דאָך אייפערזיכטיג געווען, און ווען מיר פלעגט זיך נאָר דאכטען, אז מיין בלאָנדינקע שענקט אויפמערקזאַמקייט צו אַן אַנדערען, פלעג איך זיין גרייט די אויגען אויסצושטעכען מיין סאָפיע׳ן צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען אַנדערען.

* * *

איך האָב אַ בעקאַנטען, אַן אַלטען בחור, אַ גאַנץ אונבעדייטענדע פערזענליכקייט, אַן אַלטער בחור פון אַ גאַנץ יאָהר. ק—ן איז זיין נאָמען.

און מיין בעקאַנטער האָט זיך אַמאָל בעקלאָגט פאַר מיר אויף זיין עלענד, אויף זיין בחור׳שען וויסטען לעבען:

— ניטאָ קיין היים, קיין אייגען שטיקעל ווינקעל, קיין פריינד אין לעבען. עס איז עפּעס געלעבט אָהן אַ טעם.

— יעס, דאָס איז אמת — האָב איך זיך געריצט מיט׳ן אַלטען בחור — מען זאָל נאָר זיין פערהייראַטה! עס איז גאָר ניטאָ קיין בעקוועמערער ווינקעל אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אין דער היים לעבען דיין ווייב, לעבען דיינע קינדערלעך.

— נו, יעס, איך וויים דאָס — זיפצט דער פערזאָרגטער בחור.

— טאָ וואָרום הייראַטה איהר ניט? — פרעג איך מיט כלומרשט׳ן פאָרוואורף מיין בעקאַנטען.

— יעס, חתונה האָבען קען מען, דאָס איז ניט שווער — ענטפערט ק—ן — אָבער די צרה איז, ניטאָ מיט וועמען!

— וואָס איז, עס איז דען אַ מאַנגעל אין מיידלעך?

— מיידלעך זיינען דאָ גענוג, אָבער וואו נעהמט מען עפּעס אַ רעכטס, אז מען זאָל זיך ניט דאַרפען נאָכהער רייסען די האָר פון קאָפּ? — שרעקט זיך די פערזעסענע נשמה.

איך האָב געוואוסט אז ק—ן קען סאָפיע׳ן, און עס גליטשט זיך ווי אַרוים פון׳ם צונג:

— פאַר וואָס זאָלט איהר ניט הייראַטהען מיט סאָפיע׳ן?

— איז זי טאקע א רעכטע מיידעל? — קוקט מיך אָן „שעלמיש“ דער אַלטער בחור.

—אזא יאָהר אויף אונזביידען! — שווער איך זיך.

ווי אזוי דאָס איז געשעהן, אז מיר זאָל איינפאַלען צו ריידען מיין אייגענער געליעבטער א שידוך, קען איך זיך עד היום ניט ערקלעהרען. אַלענפאַלס האָב איך דאָס ניט געטהאָן פון גרויסמוטה, ווייל אין טיעפען הארצען האָב איך זעהר ניט געוואָלט, אז סאָפיע זאָל ווען־עס־איז הייראַטהען און איך זאָל זי פערלירען פאר זיך. אפשר איז דאָס געשעהן דערפאר, ווייל איך האָב ניט ערוואַרטעט, אז פון דיעזען ריידען זאָל עטוואָס ארויסקומען, ווייל איך האָב דעם ק—ן עפעס גאָר פאר קיין מענשען ניט פעררעכענט... ווי דאָס זאָל ניט זיין, איך בין צו מיין שלים־מזל א גליקליכער שדכן געווען און אין גיכען איז צו מיר א גליקליכע בשורה דערגאַנגען: מיין סאָפיע און מיין בעקאַנטער אַלטער בחור זיינען חתן און כלה געוואָרען.

און איך האָב דערפיהלט א וועהטאָג אין הארצען. אך, ווי מיר האָט זיך ניט געוואָלט, אז מיין סאָפיע זאָל הייראַטהען!

נאָר סאָפיע האָט מיר ניט געפרעגט און האָט געהייראַטה, טאַקע מיט איהם, מיט ק—ן, מיט דעם אַלטען בחור...

וועה, ווי מיר האָט די געשיכטע פערדראָסען!

אָנפאַנגס האָב איך אפילו געטראַכט, אז א פערהייראַטהע פרוי הייסט נאָך ניט, אז אַלעס איז פערלאָרען. מען קען פיהרען ליעבעס אויף הינטער א מאַן'ס פּלייצעס, אָבער דאָס איז געווען בלויז געטרייסט זיך מיט חלשות. איך האָב טאַקע זיך געשראָקען צו האָבען צו טהאָן מיט א פרוי פון א מאַן. ווייטער האָב איך געזעהן, אז די סאָפיע איז שוין אויך ניט מעהר די וואָס געווען — די פרויקע האָט מיר גלייך געגעבען צו פערשטעהן, אז זי האָט גענומען א מאַן ניט אַלס א שפּיעל־בעל, אז זי מיינט טאַקע גאַנץ ערנסט צו לעבען און צו האַלטען זיך מיט איהר מאַן און איך האָב מיט א פערשטיקטען וועהטאָג אין הארצען דעם וועג אָבגעטראָטען.

עס איז אריבער א צייט. איך האָב שוין געוואָרפען מיינע אויגען אויף אַנדערע מיידלעך און האָב זיך שוין ארומגעטראָגען מיט געדאַנקען, מיט פּלענער, צו פערפיהרען א נייעם ראָמאַן, דאָך האָב איך אימער געליטען דערפאר, ווייל סאָפיע האָט געהייראַטה.

גאַנץ אָפט פּלעגט מיר מיין פאַנטאַזיע מאַהלען בילדער, ווי מיין סאָפיע ליעבט זיך מיט איהר מאַן, מיט דעם געוועזענעם אַלטען בחור, און מיין האַרץ פּלעגט דאַן איבערליידען אמת'ע גיהנום יסורים.

נאַר יעצט האָב איך ווייטער נחת. אַך, וויפיעל פערגעניגען איך האָב!

מען דערצעהלט מיר, אַז מיין סאָפיע לעבט אַ קלעגליכען לעבען. מען זאָגט: זי האָט איהר מאַן ניט ליעב, זי שטעקט לעבען איהם נור דערפאַר, ווייל עס איז שוין דאָ אַ קינד אויף דער וועלט, און ווייל זי האָט אַ פּאַרטיגע לאָזשי מיט אַ שטיקעל ברויט צו דעם... נור זי האָט איהם ניט ליעב...

און ווען מען דערצעהלט מיר אַזעלכע נייעס, פיהל איך, ווי עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונד.

און ווען מען דערצעהלט מיר, אַז סאָפיע לעבט אַ ביטער לעבען, ווערט מיר פון דעם זים אויפ'ן האַרצען!

איין מאָל האָב איך זיי געזעהן — סאָפיע'ן און איהר מאַן. ק—ן האָט אויסגעזעהן בלאַס, דערשלאָגען, רחמנות'דיג, אונגליקליך, און די סאָפיע איז שוין אויך ניט די יעניגע, וועלכע זי איז אַמאָל געווען. אַלט איז זי געוואָרען, אָבגעלאָזען, אומעטיג!

ניטאָ מעהר דער פייער אין איהרע אויגען! ניטאָ דער געוועזענער חן אויף איהר געזיכט און איהרע שעהנע בלאָנדע האָר האָבען זייער פּרעכטיגען זיידענעם קאָליר פערלאָרען. עס האָט זיך מיר אָבגעדוכט, ווי איהר קאָפּ וואָלט געווען עפּעס מיט אַ מין פער'חשך'טען פלאַקס בעדעקט...

בשעת מעשה האָט מיר אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן האַרצען... איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך פלעג גלעטען און קושען איהרע שעהנע האָר... און מיר איז אויף אַ ווײַלע געוואָרען שמערצליך אומעטיג... נאָר ווען זי איז אוועק מיט איהר מאַן איז מיר פּלוצלינג געוואָרען אַזוי גוט, אַזוי אַנגענעהם אויפ'ן האַרצען...

און מיין געליעבטער'ס פער'חשך'ט פּנים האָט מיר פיעל פרייד געבראַכט!

איך ווייס זעהר גוט, אַז אַזוי האַנדלען ווי איך האָב געהאַנדעלט איז ניט אָרענטליך; איך ווייס, אַז אַזוי פיהלען ווי איך פיהל, איז זעהר ניט שעהן, איך ווייס, נאָר דאָס איז דער אמת!

ווארום דער מאַן האָט זיך צום גוטען געביטען.

ער איז אַ הויכער, געזונדער, ברייט־פּלייציגער מאַן. זי איז אַ קורץ־געוויקסיגע, מאַגערע, בלאַסע פרוי; עס איז שוין אכט יאָהר נאָך זייער חתונה און קיין קינדער האָבען זיי ניט.

ביידע גלייך זיינען מאַן און ווייב אימער זיכער געווען, אַז די אורזאַכע פון זייער קינדערלאָזיגקייט איז זי — די שוואַכע, קורץ־געוויקסיגע פרוי; ער האָט זיין מיינונג אָפטמאָל ארויסגעזאָגט אָפען און פריי. זי האָט וועגען איהר פּערדאַכט געשוויעגען, אָבער ביי זיך אין הארצען איז זי געווען איבערצייגט, אַז זי און נור זי זעלבסט איז די אונגליקליכע.

ווען ביי מאַן און ווייב פלעגט פּערגעהן אַ געשפּרעך וועגען געהן בעראַטהען זיך מיט אַ פּראָפעסאָר, פלעגט דער מאַן פון דעם אָבמאַכען זיך מיט אַ פרייען הארצען:

— קענסט זיך געהן, — פלעגט ער מיט אַ לייכטען געמיטה זאָגען צו זיין פרוי — איך דאַרף ניט געהן צו קיינע פּראָפעסאָרען.

— ווארום עפּעס איך יאָ און דו ניט? — פלעגט די פרוי אָבהענדיג פרעגען — דו ווילסט דען קיין קינדער ניט האָבען?

— קענסט זיכער זיין, אַז איך בין אָלל־ראַיט... — פלעגט דער מאַן ענטפערן אזוי איבערצייגענד, אזוי פיעל־בעדייטענד, דאָס ביי זיין פרוי פלעגט אויף די געדאַנקען ארויף אַ פּערדאַכט, אַז איהר מאַן לעבט אין געהיים מיט אַ צווייטער פרוי, מיט וועלכער ער האָט קינדער.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז דו ביזט אָלל־ראַיט? — פלעגט די פרוי פרעגען מיט אַ פערציטערט קול.

— ווייל איך בין אַ געזונטער מאַן... אַ מענש אזוי ווי אַלע מענשען און דו ביזט אַ ברעקעל נפש, אַ שוואַכס, קוים וואָס דו לעבסט.

— נו, און שוואַכע פרויען קענען דען קיין קינדער ניט האָבען? — פלעגט די פרוי זיך נעהמען פערטהיידיגען — איך ווייס פון פרויען, וועלכע זיינען נאָך שוואַכער פון מיר, און האָבען יאָהר אין יאָהר קינדער, שעהנע קינדער, געזונדע קינדער.

— אָלל־ראַיט! — פלעגט דער מאַן מאַכען קורץ דעם עסק — זאָג איך דיר, געה צו אַ דאָקטאָר און פרעג.

— און דו?

— איך האָב ניט וואָס צו פרעגען.

די פרוי האָט בסדר פערלאַנגט, אז נור ביידע צוזאַמען, זי מיט'ן מאַן, זאָלען געהן צו אַ פּראָפעסאָר, און אַזוי ווי ער איז אויף דעם ניט געוועזען קיין גרויסער בעלן, איז געבליעבען ביים רעדען.

און אפשר איז ביי דער פרוי געוועזען נור אַן אויסרייד דאָס, וואָס זי האָט בסדר פערלאַנגט, אז דער מאַן זאָל מיט איהר מיטגעהן, ווייל זי האָט געוואוסט, אז ער איז ניט קיין בעלן צו געהן צו פּראָפעסאָרען, דערפאַר האָט זי איהם אפשר געבעטען, כדי עס זאָל זיין אַן אויסרייד פאַר וואָס זי געהט זעלבסט ניט, ווייל טיעף אין הארצען האָט זי דאָך אַליין געגלויבט, אַז זי איז טאַקע די בעזדיעטניצע, און דער געדאַנק וועגען געהען צו אַ פּראָפעסאָר פלעגט זי אייגענטליך אימער שרעקען. ווי דאָס זאָל ניט זיין, דערווייל זיינען די יאָהרען געלאָפען און מאַן און ווייב זיינען קיין מאָל ניט געוועזען ביי אַ דאָקטאָר פרעגען וועגען דעם, וואָס זיי האָבען קיין קינדער ניט.

איין מאָל האָט זיך דער מאַן בעקאַנט מיט נאָך אַ מאַן, וועלכער איז געוועזען נאָך געזינטער, נאָך שטאַרקער פון איהם, און ער האָט זיך דערוואוסט, אז זיין נייער בעקאַנטער האָט אויך קיין קינדער ניט, אז ער איז געוועזען ביי אייניגע ערפאַהרענע פּראָפעסאָרען און די מעדיצין־אויטאָריטעטען האָבען אַלע אַנערקענט, אַז ער איז ניט פעהיג צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

דיעזע בעקאַנטשאַפט האָט געבראַכט צו דעם, דאָס אונזער בעזדיעטניק האָט זיך אויפגעהערט צו פיהלען זיכער אין דעם, אז ניט ער און נור זיין פרוי איז די אורזאַכע פון זייער קינדערלאָזיגקייט. ער האָט אָבער וועגען זיינע צווייפלען זיין פרוי ניט דערצעהלט און ווען די לעצטע פלעגט יעצט דערמאָנען איהר מאַן וועגען געהן בעראַטהען זיך מיט אַ דאָקטאָר, פלעגט דער מאַן אַזוי ווי אימער ענטזאָגען זיך.

גע'טענה'ט האָט דער מאַן אימער דאָס זעלבע:

— איך האָב ניט וואָס צו געהן!

נור דער טאָן פון זיינע ווערטער, דער אַרט רעדען איז שוין ניט געוועזען דער זעלבער ווי אימער. ניט געוועזען די פריהעריגע פעסטקייט —

די פריהעריגע זיכערהייט האָט געפעהלט. דער מאַן האָט יעצט פּשוט מורא געקראָגען, אַז דער דאָקטאָר זאָל ניט אַ זאָג טהאָן, אַז ער און ניט זיין פרוי איז די אורזאַכע פון זייער ניט האָבען קיין קינדער... און אַזאַ זאַך הערען אין דער אַנוועזענהייט פון זיין פרוי, איבער וועלכער ער האָט זיך אימער אַזוי געגרויסט, האָט זיך דעם זעלבסט־ליעבענדען מאַן זעהר און זעהר ניט געוואָלט.

און יעצט, ווען ביי דעם מאַן איז שוין געווען אַ פראַגע אויב ער איז טאַקע ניט צום מאָל אַ בעזדיעטניק, האָט דיעזע פראַגע איהם רוהען ניט געלאָזט און איין מאָל איז ער בשתיקה זיין פרוי אַוועק צו אַ פּראָפעסאָר, געלאָזט זיך עקזאַמינירען און ער האָט זיך ענדליך דער־וואוסט אויף זיכער, אַז ער איז דער בעזדיעטניק.

דער מאַן האָט זיי פרוי וועגען זיין ערפאַהרונג מיט'ן פּראָפעסאָר גאָר נישט דערצעהלט, ער האָט וועגען דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט געמאַכט אַ שוויינ. נור ווען די פרוי מוטה אָן ווען־עס־איז וועגען געהן צו אַ פּראָפעסאָר, האָט שוין יעצט דער מאַן גאָר אַנדערע טענות.

— וואָס פּראָפעסאָר, ווען פּראָפעסאָר? — ענטפערט אָב דער מאַן אויף זיין פרוי'ס אָנמוטהען וועגען געהן צו אַ דאָקטאָר — וואָס וועלען דאָ אויפטהאָן די פּראָפעסאָרען?... ווערסטו האָבען אַ קינד, איז אַלל־ראַיט, און טאָמער ניט, בין איך אויך ניט בדיל הדל, איז מיר מיין ווייבעלע גוט גענוג אַזוי ווי עס איז; מען קען אָבלעבען אַ גליקליכען לעבען אויך אָהן קינדער...

און די פרוי, וועלכע איז אין הארצען זיכער, אַז זי איז די קינדער־לאָזע, פיהלט זיך זעהר צופריעדען, זעהר גליקליך פון דעם, וואָס איהר מאַן האָט זיך אַזוי צום גוטען געביטען.

פרויען.

(ארויסגענומען פון א לעבענסבוך פון איינעם, וועלכער האט קיין מזל ניט צו פרויען)

מאי דער צוואנציגסטער.

עס איז שוין אזוי שפעט אין דער נאכט אריין, מיר דאכט זיך ס'וועט שוין באלד נעהמען טאגען, און דאך קען איך ניט איינשלאפען.

ביי א צוויי שטונדען צייט בין איך געלעגען אין מיין בעט, פרובירענדיג ווי־עס־איז איינצושלאפען. איך האב צעהן מאל געביטען מיין קישעלע, פון צוקאפען צופוסען און פון צופוסען צוקאפען, פרובירט גוט איינדעקען זיך און אין גאנצען פון זיך די קוילט ארונטערגעשליי־דערט, פרובירט צומאכען דאס פענסטער, עפענען דאס פענסטער, געווארפען זיך אין בעט אויף אלע זייטען... און דאך האב איך פאר קיין פאל ניט געקענט איינשלאפען.

איך בין אויפגעשטאנען און גענומען אריינשרייבען מיינע איינ־דריקע אין מיין טאגעבוך.

איך שלאף היינט ניט, ווייל עס פלאגען מיך די גאנצע נאכט זעהר שלעכטע, זעהר ניט־שעהנע געדאנקען: די גאנצע נאכט שוועבט פאר מיינע אויגען א בילד, ווי די מאדאם ג... און דער הערר ז... געפינען זיך אין צו נאהענטע ליעבעס־בעציהונגען יעצט אין דיעזער שטונדע, ביי איהם טאקע, ביי ז... צו הויז.

און דיזעלבע ניט־שעהנע געדאנקען האבען מיין שלאף, מיין רוה פון מיר פערטריעבען.

איך בין אין דער מאדאם ג... חלילה ניט פערליעבט, און מיר האט זיך אפילו ניט גע'חלום'ט צו ליעבען זי, אין מיר רעדט נור דער געפיהל פון קליינליכער אייפערזוכט, פון בעליידיגטער זעלבסט־ליעבע. עס פערדריסט מיך שמערצליך ווארום עפעס האט דיעזע פרויקע אויף מיר אפילו א קוק טהאן ניט געוואלט און דארט ביי ז... איז זי אזוי גערן פערבליעבען. און... דער טייפעל ווייסט, וואס פאר א מיאוסע בילדער עס שילדערן זיך אין מיינע צורודערטע רעיונות.

ג... איז ביי אונז צו הויז געזעסען, און ווען זי האט געזאגט, אז זי דארף שוין פאהרען, האב איך זיך, מעשה קאוואליער, אנגעבאטען

זי צו בעגלייטען ביז'ן עלעוויטעד סטיישאן, וואו זי האט געהאט צו נעהמען א טריין אום צו פאהרען דאון־טאון צו זיך אהיים.

מיר האט זיך גערדאכט, אז ג... איז עפעס ניט אין גאנצען צופריע־דען מיט מיין אנגעבאטענער העפליכקייט. עס איז שוין אבער געווען א שפעטיגע נאכט־שטונדע, לאזען ג... געהן אליין צום סטיישאן וואלט געווען עפעס נישט פאסענד, צווייטענס האב איך געטראכט, פיליכט איז מיין פערדאכט, אז ג... וויל ניט האבען מיין בעגלייטונג, גרונדלאז, און איך בין דאך די פרוי געגאנגען בעגלייטען.

געהען מיר און עס גענעצט זיך מיר שטארק, ווייל איך בין געווען זעהר פערשלאפען, ווען איך האב אנגענומען מיין „דזשענטעלמאנ־דזשאב".

און אט איז די סטאנציע.

— א גוטע נאכט, — נעהם איך אבשיעד פון דער, וועלכע איך האב צום סטיישאן בעגלייט.

איך זעה — זי בלייבט שטעהן אזוי ווי אין צווייפעל.

— וואס איז דער מעהר?

— בעגלייט מיך נאך אביסעל, מיר ווילט זיך דורכגעהן זיך. לאמיר צוגעהן צום נעכסטען סטיישאן.

— רעכט!

און מיר געהען ווייטער.

די נאכט איז שעהן, הערליך שעהן! דער וועג איז אן איינזאמער און ביים זייט ציהט זיך א פער'חלום'טער פארק, און מיין שלאף טהוט זיך אב פון מיר.

און ג... געהט אזוי נאהענט צו מיר. איך פיהל די צארטע ווארעמ־קייט פון איהרע האלב־נאקעטע ארעמס, און א זיסע אויפרעגונג מאכט מיך אלץ וואכער און וואכער.

נעהם איך מיין פריינדין אונטער'ן ארעם און טהו א שפיעל מיט איהר אויסגעבלויזטער פלייצע.

און ג... איז אבגעשפרונגען פון מיר, עפעס אזוי ווי זי וואלט געווען די גרעסטע צנועה אין דער וועלט, און ווארפענדיג אויף מיר א פרומען כמעט פערעכטליכען בליק, זאגט זי צו מיר:

— טרעט אב, מיסטער, איהר זייט א פערהייראטהער מאן.

— נו, און אז פערהייראט, טאר מען ניט?

— געווים ניט. איך קען דאָס נאָך אייער ווייב דערצעהלען.

אין מיין טאָגע־בוך האָב איך זיך אונטערנומען שרייבען דעם אמת, מוז איך זאָגען, אז פאַר מיין ווייב האָב איך מורא. און איך האָב זיך שוין אין מיין ווייטערען בעגלייטען די פרוי ג.... גוט, זעהר גוט בעהייווט.

אָט איז די צווייטע סטאַנציע. איך זעה, ג.... צווייפעלט עפּעס ווייטער און איך פרעג אונשולדיג:

— איהר ווילט ווייטער שפּאַציערען?

— דאכט זיך מיר — זאָגט ג... עפּעס גאַר ווי אונגערן, — דאָ אויפ'ן צווייטען בלאָק וואָהנט ז....

— געווים.

— לאָמיר צו איהם אריינגעהן.

— עס איז אזוי שפּעט — ענטפער איך.

— אפשר שלאָפט ער נאָך ניט.

— און זיין ווייב איז ניט היע — דערצעהל איך מיין פריינדין.

— מיר וועלען נאָר אריין און ארויס.

— אָלל־רייט!

ביי ז..... אין פענסטער האָט נאָך פייער געברענט און מיר זיינען ארויף אפּסטערז.

ז... איז מיינער א נאָהענטער פריינד. ער איז אימער צופריעדען מיט מיר, ווען איך בעזוך איהם. נור היינטיגען מאָל האָב איך גע־זעהען, אז ער קען מיך ניט פערטראָגען און וויל פערבלייבען אליין מיט ג.... אויך האָב איך געזעהען, אז ג.... וואָלט וועלען פון מיר פּטור ווערען.

איך האָב זיך גענומען פיהלען מיאוס און בעליידיגט, איך האָב געקראָגען עפּעס אַן אויסריד, געלאָזען די צוויי אליין און בין אוועק אהיים, ווי אַן אָבגעשמיסענער.

און איך קען א נאַכט ניט איינשלאָפען. צום טייפעל זאָל זי געהן, די מאַדאַם ג.....

צו מיר איז זי געווען אזוי פרום און אזוי קאַלט און צו ז...? דער טייפעל זאָל זי נעהמען!

דאָ איז דאָך ניט קיין פאַל פון ליעבע. דאָס ווייס איך, נישט

אין מיר און נישט אין איהם איז זי פערליעבט, און דאך האט זי מיך אבגעשטויסען, און איהם?...

מיט וואס איז ער בעסער פון מיר? זי אליין האט פיעל מאל צו־געגעבען, אז איך בין פעהיגער און קליגער פון איהם, און דאך?

ער איז אבער פיעל העבער און ברייטער פון מיר, ער פערמאגט ברייטע ביינער, און די נאטור האט איהם אויך אין פלייש ניט גע־קארגט.

דער טייפעל זאל זיי נעהמען, די פרויען, ווי זיי האבען ליעב ביי־נער און פליישׁ.

* * *

דזשון דער צעהנטער.

עס איז מיר היינט גוט אויפ'ן הארצען, זעהר גוט. איך האב די פרוי ה...'ן געמאכט צום וויינען. איך האב געהאט א שטארקען בע־געהר מיט איהר צו רייצען זיך און איך האב זי אזוי לאנג „געטיזט“ ביז איהרע אויגען זיינען פערלאפען מיט טרעהרען, און וואס זאל איך זיך לייקענען, איך האב פון איהרע טרערען באמת הנאה געהאט!

אויף פרוי ה... האב איך א לאנגע צייט א כעס געטראגען.

פרוי ה... איז מיינע א בעקאנטע. זי איז א פערהייראטהע, א מוטער פון א שעהן מיידעלע. מיט איהר מאן איז זי געשיעדען. פערלאזען האט זי איהר מאן, ווייל ער איז א שלעכטער פערדיענער געוועזן... אבער ניט דערפאר בין איך אויף איהר אין כעס...

פרוי ה... האט מיך אמאל בעליידיגט. דאס איז אזוי געוועזן:

איין מאל האב איך מיט איהר א געשפרעך געהאט. גערעדט האבען מיר וועגען ליעבע. און איך האב איהר דערצעהלט, אז אין מיר ליעבען זיך איינינגע פרויען.

— אין אייך?! — האט ה... אויסגעשריען און זי האט דערביי אזוי פרעך אזוי ציניש זיך צולאכט.

איהר געלעכטער האט מיר ווי מיט א שטראם קאלטע וואסער אבגעגאסען, און פון דאן אן טראג איך אויף איהר אין מיין הארצען א פערשטיקטען כעס.

היינט האב איך זיך מיט ה...'ן צוזאמענגעטראפען. זי האט אויסגעקוקט צו זיין עפעס זעהר געהויבען, זעהר גליקליך. און דאס האט מיך שרעקליך געערגערט.

איך האָב דער פרוי געוואָלט וועה טהאָן און האָב איהר גענומען מוסר זאָגען:

— אייער מאַן פּלאָגט זיך זעהר.

— וואָס קען איך מיר העלפען? — האָט זי געענטפערט גלייכ־גילטיג.

— ער ליידעט זעהר, ווארום איהר האָט איהם פערלאָזען.

— איך קען נישט העלפען.

— עס איז זעהר נישט שעהן צו פערלאָזען א מאַן דערפאר וואָס ער פערדיענט ווענ‏יג — מוסר איך מיין בעקאַנטע.

— נישט אייערע דאגות, — לאַכט זי זיך אויס.

— איהר זייט א שלעכטער מענש.

— איז דאָס סאָ?! — לאַכט זי זיך טאַקע ווייטער אויס פון מיר.

— איהר זייט צו אייער קינד נישט קיין גוטע מוטער. איהר פּאַסט נישט אויף אויף אייער אָרים קינד, ווייל עס ליגען אייך אין קאָפּ מענער.

איך זעה, אז איך רעד דברים בטלים: צו ה...'ן קומען מיינע ווערטער נישט צו. מיין ריידען אַרט איהר ווי די וואַנד.

— איהר זייט א גאָר נישט. איהר האָט ליעב ליידיג ארומצו־לויפען.

און ה... לאַכט זיך אלץ אויס פון מיר.

— ווארום לויפט איהר צו אזוי פיעל קאָנצערטען? ווארום לאָזט איהר קיין באַלל נישט דורך? — פרעג איך ה...'ן, פיעל בעדייטענד און שטעכיג.

און עס צושפּיעלט זיך אויף איהר פּנים א פרעכער שמייכעל און זי ענטפערט:

— נישט אייער באָבעס דאגות.

— איהר זוכט אריינצוכאַפּען א מאַן אין אייער נעץ.

און ה... שטעלט מיר ארויס א צונג.

— אָבער אייער מיה איז אומזיסט. מענער קעהרען נישט פאַר אייך — טרעף איך מיט דעם ערשטען פייל אין ה...'ס האַרצען, און אויף איהר פרעהליך פּנים צושפּרייט זיך א שאָטען.

— מענער קענען אייך נישט אָנקוקען.

— דאָס איז שוין אַ ליגען! — שרייט אויס ה.... שמערצליך גע־טראָפען.

— אין אייך איז דאָ עטוואָס, וואָס עס שטויסט אָפּ אַ מאַן פון אייך.

איז זי שוין בלאָס געוואָרען, די פרוי ה...

און איך האָב ווייטער געשאָסען:

— אַ מאַן קען מאַנכעס מאָל אויף אייך היילען זיך, נור ווי אויף אַ פרוי, ווי אויף אַ סאַמקע... און אויך ניט מעהר ווי איין מאָל, נאָכ־העד וואָלט איהר שוין ווערען אונערטרעגליך....

איהרע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען. איך האָב געזע־העז, אַז די פרוי איז גרייט זיך אויף מיר ארויפצוואוואַרפען און מיך אויף שטיקער צורייסען.

זי איז אָבער געבליבען זיצען מאַכטלאָז און דערשלאָגען; מיינע קוילען האָבען הפנים אָנגעטראָפען פרוי ה....'ס שוואַכסטע זייט. און מיר איז היינט אזוי גוט אויפ'ן הארצען!

אבי א מיידעל.

אנטקעגען איבער מיר, ביי א זייטיגען טישעל, זיצט א יונגע פּאַרעל און איך קען פון זיי די אויגען נישט ארונטערנעהמען.

ווי יונג און ווי שעהן זיי זיינען ביידע. וויפיעל גליק, וויפיעל ענטציקונג און ליעבע עס איז צוגאָסען איבער זייערע שעהנע, יונגע געזיכטער. — איך קען זיי ניט, נור איך טראַכט ביי זיך: חתן און כלה מוזען דאָס זיין. און זייערע געזיכטער זיינען דאָס בעלויכטען מיט די זויבערע, ליכטיגע שטראַהלען פון דער ערשטער, ליידענשאַפטלי־כער, דאָך אונשולדיגער יוגענד־ליעבע. ווי אנגענעהם, ווי זיס עס איז אויף זיי צו קוקען!

איהרע באַקען פלאַמען ווי צוויי שעהנע רויטע ראָזען. און ער — א בלאַסער, א פערטראַכטער, קוקט איהר צערטליך אין די אויגען אריין.

„ווי שעהן דו ביזט יוגענד, און ווי כשופ׳דיג־פּרעכטיג דו ווערסט, ווען די ליעבע צוגיסט איבער דיר איהר זיסען, איהר שטראַהלענ־דען חן“.

אנטקעגען איבער מיר, ביי א זייטיגען טישעל, זיצט די יונגע פּאַרעל און איך קען פון די צוויי די אויגען נישט ארונטערנעהמען.

לעבען מיר זיצט מיינער א בעקאַנטער, און ענטציקט און בעגייס־טערט זאָג איך צו איהם:

— קוקט נור דאָרט אין ווינקעל ביים טישעל, זעהט די שעהנע, יונגע פּאַרעל.

— איך זעה.

— קוקט, קוקט ווי איהרע שעהנע באַקען פלאַמען... זעהט וואָס פאַר א זיס, קינדערש, אונשולדיג שמייכעל עס שוועבט אויף איהרע שעהנע, רייצענדע ליפּען.

— יעס, איך זעה.

— ווי גליקליך איז דער יונגער מאַן, וועלכער זיצט לעבען איהר — דריק איך אויס מיין ענטציקונג — וואהרשיינליך זיינען דאָס חתן־

כלה. ווי גליקליך איז ער, וואָס ער קושט אָט אין די קינדערשע רייצענדע ליפּעלעך.

מיין בעקאַנטער ווארפט אויף מיר אַן אָבלאַכענדען בליק און זאָגט צו מיר מיט אַ פיעל־בעדייטענדען צינישען שמייכעל:

— זייט ניט אזוי מקנא, איהר קענט דעם גרויסען גליק זעהר לייכט ערוייכען...

— וואָס? — קוק איך אָן מיין בעקאַנטען.

און מיין בעקאַנטער זאָגט מיר אַ סוד אויפ'ן אויער.

— געהט אוועק, וואָס פּלאַפּעלט איהר? — שפּרינג איך אויף בע־לייידיגט און ענטריסטעט — קענט איהר זי דען?

— נאָך ווי? איך קען איהר פון ווארשוי, איך קען איהר פון לאָנ־דאָן, אַ מיאוס'ע בריאה!

— און ווער איז דער יונגער־מאַן? נישט איהר חתן, נישט איהר געליעבטער?

— עפּעס אַ אינגעל, שלעפּט זיך נאָך אַלע טאָג נאָך אַנדערע מיידלעך; עס איז פאר איהם קיין נפקה מינה ווער, וואָס, אַבי אַ מיידעל!